STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08332

20 ERTSEHLUNGEN

Zebullon Levin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. לעווין

20 ערצעהלונגען

פארלאג בעללעטר
ניו יארק, 1923

Copyright, 1923, by Louis Levin

אינהאלט־פארצייכנים:

זייט

דער טענצער	5
זיין מאמע און זיין כלה	52
דער פוסט און פאסניק	60
די ערנידעריגטע	78
פראהיבישאן	85
דער פארקריפעלטער הערשער	97
א שטראהל	106
„אנקעל בענדזשאמין"	115
א יונגע אלמנה	134
דער מחותן	147
אין אייביגען שרעק	155
מאקס געהט אויף קבר אבות	162
ביז'ן סוף	172
די שנאת	178
פארשוועכטע היילינקייט	183
בראנקסער טענעמענטס	190
די עקרה	198
די גע'גט'ע ווייב	202
א שלעכטע מאמע	209
דער גרינגער העלד	215

דער טענצער

1

דזשאָ איז געווען פון מיטעלען וואוקס, דיק, כמעט קיילעכדיג, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט א שווערען קאָפּ טונקעל־ברוינע האָר, געקרייזעלט, ווי ביי א ניגער. זיין טונקעלער פּנים איז געווען גרוים און ברייט, מיט א גרויסען נאָז, א ברייטע מויל, גרויסע אויגען. זיין טראָט איז געווען שווער און זיינע הענט זיינען ארויסגעהאנגען פון די אָרבעל ווי די קעפּ פון מעכטיגע האמערס. די פינגער פון זיינע הענט און זיינע נעגעל זיינען געווען גראָב, אומגעלומפּערט־צושוואָומען און האָבען געהאט אויף זיך איינגעגעסען די אלע פאַרבען און שטאָפּען, וואָס זיינען דורכגעגאנגען דורך זיינע הענט ביי זיין ארבייט, מאַכענדיג העכטלאך פאר שטעקענס און שירמס.

דזשאָ איז געווען אן אמת׳ער „ספּאָרט“, שטענדיג ניי און ריין אויסגעפּוצט; א באריהמטער טענצער. פרייטאג און שבת נאכט אויף בעלער. איהם האָט ניט געאַרט וועמעס „פּאראיין“ אָדער „סאָסייעטי“ עס גיט דעם באָל — ער איז געקומען מיט זיינער א מיידעל, אָדער אָהן א מיידעל — אין האָל האָבען איהם שוין קיין מיידלאך ניט אויסגעפּעהלט; אין מיטען וואָך — אין דענסינג־סקוהל. זומער — אויף „פּיק־ניקס“, אין קוני־איילענד און אנדערע פּלעצער. ער האָט געהאט כמעט א ברוטאלען אויסזעהן, און מיידלאך האָבען פונדעסטוועגען ניט אויפגעהערט זוכען זיין פריינדשאפט; און אין א ים פון גליק און זיסע פאַנטאַזיעס האָט געשוואומען די מיידעל, זיך גליצענדיג מיט דזשאָ׳ן איבער׳ן גלאַטען טאַנץ־זאַל, ארומגעקלאַמערט מיט דזשאָ׳ס אייזערנע אָרעמס, איהר קאָפּ באַהאַלטען אויף זיין ברוסט.

דזשאָו האָט אַלע מיידלאַך באַהאַנדעלט גלייך, ניט געוויזען קיין איבעריגע פריינדשאַפט צו קיינע פון זיי. אָפּגעטאַנצט, „אָפּגעטרים“ און „גוד־באַי!“ ער האָט זיך געהיט פון זייער נאָהענטקייט. איהם האָט זיך געוואָלט זיין פריי, „לעבען אַ טאָג“, אָפּטאַנצען זיינע יאָהרען. איהם איז געגאַנגען גוט: יונג און שטאַרק, אַ גוטער פאַרדינער, אָהן שום צרות פון וועלכער־ניט־איז זייט, ניט געהאַט פאַר קיינעם צו זאָרגען אַ חוץ פאַר זיך אַליין. זיין וועלט איז געווען גוט און ליכטיג — אַ טאַנץ־האַל, אַ „פּיק־ניק“, אַ קוני־איילענד.

ער האָט אַזוי אַרומגעטאַנצט ביז ער האָט זיך באַקענט מיט לאה'ן. ער איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַרום אַכט און צוואַנציג יאָהר.

2

דערזעהען האָט ער לאה'ן ביי זיין שוועסטער מלכה איז הויז, וואו זי האָט אריינגעמופּט אַלס אַ „באָרדערקע“. לאה איז געווען נאָך אַ גרינע, קיינע פולע פיער חדשים ניט אין לאַנד. זי האָט נאָך אין יענער צייט דורכגעלעבט די שווערע בענקענים נאָך איהר היים, נאָך איהר טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, די גאַס, די שטעדטעל. זי האָט נאָך דאַמאָלסט איינגעהאַלטען זיך פון אַ לאַך צו טאָן, מיינענדיג, אַז זי טאָר דאָס ניט טאָן. און זי האָט געפיהלט, אַז איהר פליכט איז צו טראַכטען און בענקען נאָך דער היים. אין שאָפּ ביי דער אַרבייט פלעגט זי זיך פאַר'חלום'ען און גאָר פאַרגעסען, אַז זי געפינט זיך ביי אַ לויפענדיגער מאַשין, און נאָך סאַפּער פלעגט זי זיך אוועקזעצען אין איהר צימער און טראַכטען פון איהר היים, פון איהר טאַטע־מאַמע, פון אַלץ, וואָס איז דאָרטען, און זי פלעגט זיך צוּוויינען מיט הייסע טרעהרען. לאה איז זיכער געווען, אַז אַלץ, וואָס איז דאָרטען, איז גוט, ליעב, זיס, טייער און אַלץ, וואָס דאָ, טויג ניט.

עס איז געווען אַ געוואַלדיגער קאָנטראַסט צווישען דזשאָו און לאה'ן: ער איז געווען גרויס, שווער, זיין פּנים און קערפּער אויס־

געגאָסען פון געדיכטען, סאָלידען מעטאַל. לאה איז געווען גאַנץ קליין געוואַקסען, און אַלץ אין איהר איז געווען קינדיש. איהר קערפּער איידעל און דין; אַ קלייניניקע מויל, אַ קליין נעזעל, נאָר דער שטערען אַ הויכער און אויגען גרויסע, און דער קאָליר פון איהר געזיכט אַ געזונטער, וויים און ראָז. אין סך הכל האָט לאה אויסגעזעהען, ווי אַ גרויסע ליאַלקע.

דזשאָו האָט אָנגעהויבען צו קומען צו זיין שוועסטער מלכה'ן אין הויז וואָס עפּטער, כמעט אַלע אָבענד. לאה האָט איהם אָבער געגעבען גאָר ווייניג געלעגענהייטען צו פאַרברענגען מיט איהר. ערשטענס, האָט דזשאָו איהר ניט אינטערעסירט; זי האָט איהם אין אַ געוויסען זין פאַראַכטעט, פיינט געהאַט, אָהן אַ פאַר־וואָס. זי האָט אין איהם געזעהען, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, „אַמעריקאַ", וואָס זי קען אַזוי ניט ליידען—די שווערקייט, האַמעטנע אומגעלומפּערטקיים, וואָס וואַרפט אַרויף אַ שרעק און אַ אימה, און פון וואָס איהר האָט זיך אַזוי געוואָלט אַנטלויפען. און אַ חוץ דעם, איז דזשאָו'ן גאַנץ זעלטען אויסגעקומען צו זיין מיט לאה'ן צוזאַמען; קומענדיג צו זיין שוועסטער אין אָבענד, האָט ער לאה'ן ניט געפונען, ניט אין „קיטשען", ניט אין „פראָנט־רום". זי איז שוין געזעסען אָדער געלעגען ביי זיך אין רום. געהן צו איהר אין רום — דאָס האָט דזשאָו ביי זיך ניט געקענט פועל'ן — ער קען דאָס ניט טאָן! דערזעלביגער דזשאָו, וועלכער האָט געקאָנט „צו־קומען" און באַקאַנט ווערען מיט וועלכער מיידעל פון זיין קרייז ער האָט נאָר אַליין געוואָלט, וואָס ער האָט געוואוסט אַלע גענג און וועגען, אַלע „טריקס" פון דער דאָזיגער פּראָפעסיע—ער איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט, ווי אַזוי נעהענטער באַקאַנט צו ווערען מיט לאה'ן, ווי אַזוי צוצוציהען איהר נעהענטער צו זיך. ער האָט נאָך איצט אויך געטאַנצט, ווי פריהער, אָבער צווישען די טענץ פלעגט ער זיך אָפּט אוועקזעצען און פאַרטראַכטען זיך, וואָס ער האָט פריהער קיין מאָל ניט געטאָן. דזשאָו האָט פיינט געהאַט טראַכטען, אָבער די שולדיגע אין דעם איז געווען לאה.

דזשאָו'ס שוועסטער, מלכה, האָט פאַרשטאַנען, וואָס דזשאָו'ס

קומען צו איהר אזוי אָפט באַדייט. זי האָט געזעהען, אַז ער „גליכבט“ לאה'ן, און זי האָט זיך באַרעכענט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גאַנץ גליכבע זאַך. מלכה האָט אַליין ניט געוואוסט, צי זי האָט יע נחת פון איהר ברודער דזשאָו, צי ניט. צו פיער יאָהר איז דזשאָו געבליבען אַ יתום, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, און זיך אַרומגעוואַלגערט, אַ הונגעריגער, אַ באָרוועסער און נאַקעטער, ביי „משפּחה“; דערנאָך ביי בעלי מלאכות. ער איז קיינמאָל ניט געווען זאַט, קיינמאָל ניט געהאַט קיין גאַנצען פּאָדעם אויף זיך. מלכה געדענקט נאָך גאַנץ גוט, ווי ער האָט אַלע מאָל אויסגעזעהען. איצט, דאָ אין אַמעריקאַ, איז דזשאָו גרויס און גראָב, אויסגעפּוצט אין די שעהנסטע און בעסטע, פּאַרדינט גוטע „ווייזשעס“, און ער רעדט ענגליש — וויל גאָר קיין אידיש ניט רעדען (וואָס פאַר אַ מין ענגליש דזשאָו האָט גערעדט, איז מלכה קיין מבין ניט געווען און זי האָט ניט געוואוסט, אַז דזשאָו'ס ענגליש איז „מיט'ן קאָפּ אַראָפּ“). מלכה האָט אויסגעזעהען אקוראַט ווי דזשאָו'ס אַ שוועסטער, אַ גרויסע, צוגאָסענע אידענע מיט אַ קיילעכדיגען מאַנסבילשען פּנים, און געטראָגען האָט זי מאַנסבילשע שיך. אָבער אַ זעהר גוט־הערציגע, אַ „דימענטענער מענש“. דזשאָו האָט ליעב מלכה'ן און האָט פאַר איהר דרך ארץ. אויך מלכה'ס קינדער האָט דזשאָו שטאַרק ליעב און גיט זיי אַלע מאָל ניקעלס, דיימס און אויך קוואָטערס. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואוינט ביי מלכה'ן און „אוועקגעמופט“, ווייל ער האָט ניט געקענט שטימען מיט מלכה'ס מאַן, אַ בייזער איד, אַ שלעכטער, קיינער קען מיט איהם ניט אויסקומען. אַז מלכה קוקט איצט אויף דזשאָו'ן און זי דערמאָנט זיך, וואָס ער איז געווען אַמאָל אין דער היים, קליינערהייט, זעהט זי, אַז ער איז איצט אַן אמת'ער „מאָנאַרכע“. איז אָבער די צרה מיט איהם, וואָס ער האָט גאָר ניט אין זינען וועגען אַ תכלית, ווייס ניט ווי צו האַלטען אַ סענט. ווי ער קריגט נאָר די „פּיידע“, האָט ער דאָס באַלד ניט, שיט מיט געלט און קלעהרט גאָרניט וועגען „צעטלען זיך“. זי האָט איהם שוין עטליכע מאָל געפּרובירט שדכן'ען אַ כלה, און ער האָט ניט געוואָלט הערען אפילו. דערפאַר האָט מלכה'ן

איצט שטארק הנאה געטאן דערפון, וואס דזשאו „זוכט“ לאה׳ן.

3

מיט׳ן גאנג פון דער צייט האט לאה׳ס שנאה צו אמעריקא אנגעהויבען זיך אויסוועפען. און זי האט גענומען קוקען אהן האס און שפאט אויפ׳ן טומעל און די מענשען. זי האט געפיהלט, אז אויך זי ווערט איינע פון די אלע, און דאס האט איהר ניט פאר־דראסען. אין די נאך סאפערס האט שוין מלכה געזעהען צו פאר־האלטען א ווייל׳ע לאה׳ן, זי זאל זיך ניט פארהאקען אין איהר רום, כדי דזשאו זאל האבען מעהר געלעגענהייט זיך צוזאמענצוקומען מיט איהר. זי האט אויך ניט אויפגעהערט פארלויבען איהר ברו־דער פאר לאה׳ן, וואס פאר א וואוילער און גוטער יונג ער איז. זי האט אויך געגעבען לאה׳ן צו פארשטעהן, אז עס טויג ניט פאר א מיידעל צו זיצען אליין פארשפארט אין רום; א מיידעל דארף ארויסגעהן, דארף באקענען זיך מיט מענשען, און אויב זי, לאה, וועט וועלען, וועט איהר דזשאו „אויסלערנען ענגליש“.

מיט דער צייט האט זיך לאה נעהענטער באקענט מיט דזשאו׳ן און ער האט אויפגעהערט אויסזעהן אין איהרע אויגען אזוי האַ־מעטנע־אומגעלומפערט; און לאה איז ניט געווען קיין אויסנאהם פון אלע איבעריגע מיידלאך: דזשאו׳ס געוויסע קראפט איבער פרויען האט אויך צוגעצויגען צו איהם לאה׳ן. זי האט זיך אין איהם ניט פארליבט, אבער אז דזשאו האט איהר אויף א גאנץ העפליכען שטייגער איינגעלאדען ארויסצוגעהן מיט איהם אביסעלע אויף א שפאציער, האט זי איהם ניט אפגעזאגט.

נאך דעם גרויסען גליק וואס דזשאו׳ן האט געטראפען, אז לאה איז מיט איהם געגאנגען, האט ער געוואָרפען אן אומ׳חן אויפ׳ן טאנצען, איהם האט אויפגעהערט ציהען אהין, צו יענער קאמ־פאניע. ער האט גאר דערצו מעהר קיין צייט ניט געהאט. ער האט געמוזט זעהן לאה׳ן אלע אבענד, און ער וועט דאך ניט נעמען לאה׳ן אהין, אין יענע פלעצער!... ער האט גארניט געוואלט, אז לאה זאל וויסען פון יענע ערטער... ער וואלט ניט געקאנט צוקו־

קען, ער וואָלט דאָס ניט אויסגעהאַלטען, צו זעהען, אז אימיצער פון די באַיעס וועט ארומנעמען לאה'ן, צודריקען איהר צו זיך און אוועקלאָזען זיך מיט איהר אין א טאַנץ... ער האָט ניט געוואָלט, לאה זאָל גאָר אַנקוקען, וויסען פון יענע מיידלאַך, וואָרים לאה איז דאָך גאָר „אַן אַנדערע...״ ווי קומען יענע צו איהר!... ווי טאָג צו נאַכט, ווי דער הימעל צו דער ערד! לאה איז דאָך א מיידעל, וואָס מען דאַרף איהר אויסקושען אַלע גלידער, וואָס מען מוז איהר אָפּהיטען ווי די אויג אין קאָפּ, מען דאַרף איהר ארומטראָגען אויף די הענט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען אזא מיידעל ווי לאה! ניטאָ נאָך אזא מיידעל, ווי לאה!...

לאה האָט גאַנץ גוט פארבראַכט מיט דזשאָו'ן. שבת נאָך מיטאָג און זונטאָג אין קוני איילענד, אין ראקאַוויי, אין אַנדערע זומער פּלעצער. דזשאָו איז געווען א גרויסער בריה אין געבען א מיידעל א „גוד־טיים״, און איצט, לאה'ן, האָט ער עס געגעבען מיט'ן פולען האַנט. ער האָט מיט איהר ניט אויסגעלאָזט קיין איין „שאָו״ אין לונא פּאַרק און סטיפּלטשייס, געפאָהרען מיט איהר אויף די הילצערנע און אויף די לעבעדיגע פערדלאַך, געדרעהט זיך אויף אַלע רעדער, געוויגט זיך אויף אַלע וויעגען און דריידלאַך. אין אָנפאַנג האָט לאה'ן פארשווינדעלט דער קאָפּ, זי האָט זיך גע־שראָקען, און ער האָט איהר געטרייסט, געבעטען, זי זאָל ניט מורא האָבען, געהייסען איהר צוהאַלטען זיך פעסט צו איהם. דערנאָך האָט זיך לאה צוגעוואוינט, עס האָט איהר ניט געשווינדעלט און זי האָט זיך שוין ניט געשראָקען.

אין די אָבענדען אין מיטען וואָך געהען זיי אַראָב אין גאַס באַלד נאָך סאַפּער, און דזשאָו נעהמט לאה'ן אין אייז־קריעם פּאַר־לאָר פאַר די מואַווינג פּיקטשורס און נאָך די מואַווינג פּיקטשורס. אין די גאָר הייסע אָבענדען געהען זיי „פאַר א וואָק״, ווידער מיט אייז־קריעם אָדער „סאָדעס״ מעהר ווי איין מאָל. כמעט אַלע אי־בער־טאָג ברענגט ער לאה'ן א באָקס קענדי; זי קען גאָר אזוי פיעל ניט אויפעסען.

דזשאָו'ס שוועסטער, מלכה, איז שטאַרק צופרידען מיט

זיין ליעבע. זי האט אלע מאל געוואלט, ער זאל חתונה האבען מיט א היימישע מיידעל, ניט מיט איינע פון זיינע חברה. דזשאו מוז נעמען א ווייב א „פאלנעם מענשען", און דאס האט זי גוט געזעהען אין לאה'ן, און אז זי איז א פיין, ארענטליך קינד, האט דאך יעדער איינער געקאנט זעהן אויף איהר. איז דער גאנצער חסרון איהרער, וואס זי איז אזוי קליין, פאר דזשאו'ן „אויף איין צאהן", איז דאס א קנאפער אומגליק; אז ער גלייכט איהר און וויל איהר, איז זי דאך מסתמא גוט פאר איהם.

4

דזשאו האט ביי זיך געפיהלט, אז ער מוז קריגען לאה'ן, זי מוז זיין זיינע — ער האט זיך אבער געשראקען, מורא געהאט פאר דער קליינער, „גרינער" לאה. דזשאו, וועלכער האט געקענט מאכען אלערליי קאמפלימענטען און געוואוסט אלע סטעזשקעס צו א מיידעל'ס הארץ, האט זיך געפיהלט שוואך, אומבאהאלפען געגען לאה'ן, און האט מורא געהאט אויסרעדען פאר איהר, אז ער מוז איהר קריגען, זי מוז זיין זיינע... ער קען דאך ניט רעדען צו לאה'ן, ווי ער האט גערעדט צו די אלע אנדערע... לאה איז דאך ניט אזא, ווי זיי. זי איז דאך גאר אנאנדערע... איהם האט אויסגעפעהלט דער מוטה זיך מודה צו זיין פאר לאה'ן...

לאה, ווידער, האט גארניט אנגעהויבען טראכטען פון פאר־ליעבען זיך אין דזשאו'ן. עס איז אבער געקומען פון זיך אליין. זי איז געגאנגען און געפאהרען מיט דזשאו'ן אהן שום חשבון; ווייל עס איז פאר איהר געווען אינטערעסאנט, ווייל זי האט גע־זעהען און מיטגעמאכט זאכען, פון וועלכע זי האט פריהער ניט געוואוסט. און איהר זיין אזוי אפט צוזאמען מיט איהם, איהר עלענדקייט דא, און דאס, וואס דזשאו איז געווען אזוי גוט צו איהר, האט געמאכט לאה'ס פריינדשאפט צו איהם וואקסען און וואקסען. און שטענדיג איז דזשאו געגאנגען אנגעטאן שעהן און ריין, און זיינע העפליכע מאניערען צו א ליידי, וואס ער האט געוואוסט קלאהר אויף אויסווייניג און געפראקטיצירט אויף

לאה'ן לויט אלע דינים — די אלע זאכען האבען לאה'ן דערנעהענ־טערט צו איהם, און שטארק געהאלפען דזשאו'ן אין זיין געווינען איהר.

שפעטער אביסעל האט שוין לאה אומגעדולדיג געווארט אויפ'ן אבענד, ווען דזשאו וועט קומען איהר „נעמען", און נאך מעהר האט לאה געווארט אויפ'ן שבת נאכמיטאג און אויפ'ן זונטאג, מיט די פארגעניגענס, וואס די טעג וועלען איהר ברענגען. דזשאו'ס שוועסטער, מלכה, האט שטארק מיטגעהאלפען, ניט אויפגעהערט זאגען לאה'ן, אז זי גלייכט איהר אזוי, ווי זי וואלט געווען איהר אייגען קינד, און האט איהר שטארק מקרב געווען, טאקע כמעט ווי א מאמע. לאה האט מעהר ניט געהאט קיין צייט און קיין געלע־גענהייט און אויך ניט קיין חשק צו זיצען איינע אליין! אין רום און בענקען... דזשאו'ס גרויסער, ברייטער פנים, מיט די אלע צו־גרויסע זאכען אויף איהם, האבען איצט אויסגעזעהען אין לאה'ס אויגען גאנץ געוועהנליך...

דערנאך איז דזשאו געגאנגען ווייטער און געבראכט לאה'ן א פרעזענט צוויי פאר טייערע זיידענע זאקען; אביסעל שפעטער — א פאר זיידענע וויסטען. לאה האט ניט פראטעסטירט און צוגע־נומען די מתנות. ערשטענס, זיינען איהר טאקע געפעלען געווען די זאכען, און ווידער, ווען אפילו ניט, וואלט זי גארניט געהאט דאס הארץ צו אנטזאגען דזשאו'ן און ניט נעמען. און נאך מעהר איז פארשטארקט געווארען לאה'ס פריינדשאפט צו דזשאו'ן, ווען ער האט זיך דערוואוסט פון א בריעף, וואס לאה האט געקראגען פון איהרע עלטערען, אין וועלכען זיי האבען זיך באקלאגט אויף זייער ארימקייט, און ער, דזשאו, האט זיך אנגעשלאגען שיקען זיי א פאר דאלער. דאס געלט האט טאקע לאה פון איהם ניט גענומען, נאר זיין אנבאטען האט געמאכט אויף לאה'ן א שטארקען איינדרוק. דאסווארט „דזשאו" האט פאר לאה'ן מיט דער צייט געמיינט גוטסקייט, פיינקייט, עדעלקייט, פריינדשאפט... און דזשאו'ס מבינות אויף פרויען האט איהם באלד געצייגט, אז ער קען שוין רעדען מיט לאה'ן אפענע דבורים, און ער האט גערעדט, אויסגע־

זאָגט איהר, זיך מודה געווען. און לאה האָט איהם געענטפערט עהרליך, ניט געשפּיעלט מיט איהם קיין קאָמעדיע. זי האָט אָנ־גענומען זיין ליעבע, און געזאָגט איהם, אז אויך זי האָט איהם ליעב. און איצט האָט דזשאָו צום ערשטען מאָל געדריקט לאה'ן פעסט צו זיך, און איהר געקושט, און ער האָט געמיינט, אז ער האָט איינגענומען די גאַנצע וועלט, און קיין גליקליכערער מענש פון איהם איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. דיזעלבע וואָך האָט דזשאָו פייערליך מקים געווען דעם דין און געקויפט לאה'ן אַן ענגיידזשמענט־רינג, א „סאָליטער“, א רינג מיט א דימענט פאר הונדערט מיט פינף און זיבעציג דאָלאר. אזוי פיעל געלט האָט ער קיינמאָל ניט פארמאָגט, אפילו א העלפט אויך ניט, און ער האָט צוזאַמענגעבאָרגט ביי חברים ביז די נויטיגע סומע. אלע האָבען געוואוסט, אז מען מעג דזשאָו'ן געטרויען אפילו טוי־זענדער — ער איז גוט, ווי גאָלד.

5

— איצט, דזשאָו, — האָט לאה געזאָגט איין אָבענד צו איהר חתן, ביי איהר אין רום — מוזען מיר זיך נעמען פיהרען אביסעל אנדערש; איך מיין מיט'ן ספּענדען די געלט. דו ארבייטעסט שווער און איך אויך, דאַרפען מיר ניט אויסגעבען שבת און זונטאג אזוי פיעל געלט. מיר וועלען בעסער לעגען אין די בענק. מיר וועלען דאָך דאַרפען האָבען א סך געלט.

ביי דזשאָו'ן איז געווען שטארק אָנגעלעגט לאה'ס זאָרגען זיך וועגען א תכלית און וואָס זי וויל ניט גרינג אויסגעבען זיין געלט, און איבערהויפּט איהר זאָגען איהם, אז זיי וועלען דאַרפען א סך געלט; ער ווייס דאָך, אויף וואָס זיי וועלען עס דאַרפען: אויף זייער חתונה!... אויף זיין חתונה מיט איהר, מיט לאה'ן...

דזשאָו האָט זיך מודה געווען פאר לאה'ן, אז ער איז א בעל־חוב אריבער הונדערט דאָלאר. ער האָט איהר ניט געזאָגט, אויף וואָס ער האָט דאָס געלט צוזאַמענגעליהען: אויף איהר ענגיידזש־מענט־רינג. ער האָט זיך געשעהמט און ער האָט מורא געהאַט,

אז איהר וועט עס פארדריסען... לאה האט זיך א שוואכען קרים געטאן, דערהערענדיג, אז ער איז שולדיג אזוי פיעל געלט; זי האט איהם אבער גארנישט געזאגט, ניט אויפגעווארפען איהם, און עס איז געבליבען, אז די ערשטע זאך וועלען זיי אויסצאהלען זיינע חובות.

דזשאו האט געוואלט, ניט אנדערש, אז לאה זאל אויפהערען ארבייטען, זי זאל זיצען אין דער היים, און ער וועט פאר איהר צאהלען זיין שוועסטער; נאר לאה'ן איז דער דאזיגער פלאן ניט געפעלען געווארען. אמת, דזשאו פארדינט גאנץ פיינע וויידזשעס און עס וועט זיין גענוג פארביידען צום לעבען און מען וועט נאך דערפון קענען עפעס „סייפען“. אבער צו וואס דארף זי דאס? לאה איז געווען אן אויסגערעכענטע מיידעל און שטענדיג געהאט אין זינען וואס שפעטער וועט זיין. זיי וועלען דאך מוזען האבען עטליכע הונדערט דאלאר אויף דער חתונה און אויף איינפיקסען רומס. דער פלאן פון נעמען זאכען אויף אויסצאהלען, ווי דזשאו האט פארגעשלאגען, כדי די חתונה זאל קענען זיין וואס גיכער, איז לאה'ן ניט געפעלען געוועזן. זי האט געוואלט קויפען פאר „קעש“, זי זאל וויסען, אז עס איז אלץ איהרע. דזשאו'ס שוועסטער האט זיי אויך אפגערעדט דערפון. זי האט געהאט איהר ערפאהרונג: עס קאסט דריי מאל אזוי פיעל, און איידער עס איז נאך אויסגעצאהלט איז שוין אלץ צובראכען און צושטאכען; מען צאהלט און מ'צאהלט, עס ווערט מיאוס צאהלענדיג, און מען האט ניט קיין זאכען און ניט קיין געלט. האט לאה פריהער ביי זיך אפגעמאכט און דערנאך פארגעלעגט פאר איהר חתן, זיי זאלען אלע וואך צו־זאמענלעגען זייערע ביידענס וויידזשעס, אראפנעמען וויפיעל זיי דארפען אויף צום לעבען און די איבעריגע אוועקלעגען אין די בענק. דאס וועט אויסמאכען יעדע וואך א פיינע פאר דאלאר; און לאה האט אויסגערעכענט, אז אין א יאהר ארום פון איצט וועלען זיי שוין האבען גענוג געלט אויף צו מאכען די חתונה און איינצופיקסען באלעבאטישע דריי, און אפשר פיער רומס.

דזשאו איז געווען א קנאפער מומחה אין טראגען געלט אין

די בענק. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט באַנעמען, ווי מען הויבט דאָס גאָר אָן טאָן און צו וואָס מען דאַרף דאָס — האָט ער עס איבערגעלאָזט אין גאַנצען צו לאה'ן; זי זאָל דאָס „מענעדזשען“ און זיין די באַלעבאַסטע איבער'ן געלט. און כדי וואָס מעהר צופרי־דענשטעלען זיין כלה, האָט שוין דזשאָו געוואָלט ווערען צו־פּרום אין הלכות שפּאָרען געלט. שבת, ביים צוזאַמענלייגען ביידענס ווייִדזשעס און אויסרעכענענדיג, וויפיעל זיי וועלען דאַרפען אויף דער וואָך, האָט דזשאָו געוואָלט נעמען וואָס ווייניגער געלט. ער האָט זיך אַפילו פּאַרמאָסטען רויכערען אַ פּייפּ: די סיגאַרעטס קאָסטען צו־טייער, ניט ווייט פון צוואַנציג סענט אַ טאָג; טאַבאַק פאַר'ן פּייפּ וועט זיין גענוג אַ קוואָטער אַ וואָך — האָט שוין לאה ניט געקאָנט צוזעהן, ווי ער שטיקט זיך און ווערגט זיך מיט'ן פּייפּ, און זי האָט איהם „געאָרדערט“, נעמען זיך צוריק צו די סיגאַרעטס. דאָס געלט איז טאַקע אַן עברה, אבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער קען זיך פאַרט ניט אָפּגעוואוינען? די פּייפּ מיט'ן טאַבאַק האָט פונדעסטוועגען לאה איהם ניט געלאָזט אַרויסוואַרפען, געהייסען איהם באַהאַלטען. זי האָט אויך איינגעפיהרט וויכטיגע עקאָנאָמישע רעפאָרמען אין דזשאָו'ס לעבען. ערשטענס, האָט ער אויפגעגעבען עסען זיינע סאָפּערס אין רעסטאָראַנט: עס קאָסט צו־טייער, און דערצו וויל זי ניט, ער זאָל איבערפיהרען דעם מאָגען; און דזשאָו איז געקומען אַלע טאָג עסען סאַפּער ביי דער שוועסטער צוזאַמען מיט לאה'ן, וואָס האָט געקאָסט פאַר ביידען פינף און פערציג סענט — אַ קוואָטער זייגער און צוואַנציג סענט לאה'ס; אין רעסטאָראַנט פלעגט דזשאָו פריהער איבערלאָזען אַ האַלבען דאָלאַר פאַר סאַפּער. דזשאָו האָט ווידער געוואָלט זיין צו־פּרום: אויפגעבען זיין רום, וואָס האָט איהם געקאָסט צעהן דאָלאַר אַ מאָנאַט, און אַריינמופען צו מלכה'ן. איז, ערשטענס, ניט געווען קיין פּלאַץ, און דערצו האָט נאָך לאה איינגעזעהען, אַז עס וועט ניט זיין פּראַקטיש צוליעב פאַרשיעדענע אורזאַכען. דזשאָו האָט געהאַט גאָר גרויס חשק דערצו; ער האָט זיך אָבער ניט געשטעלט דאַנגען: אַז לאה זאָגט! זי האָט אבער אָפּגעשאַפט דזשאָו'ס קומען

אלע טאָג מיט א נייע „נעקטיי" — געגוג צוויי „טאַיס", איינע אויף אלע טאָג, איינע אויף זונטאָג; און געקויפט האָבען זיי ביידע צוזאמען, און לאה האָט אויסגעקליבען, און ניט געצאָהלט קיין דאלאר פאר א „טאַי", ווי דזשאָו האָט דאָס אלע מאָל געטאָן, קיין פינף און זיבעציג סענט אויך ניט, א האלבער דאלאר איז אויך געוועזן צו־טייער פאר לאה'ן. זי האָט איבערגעקוקט דזשאָו'ס „סטאָק" סוטס און גע'פסקנ'עט, אז די סוטס זיינען נאָך גאנץ גוטע סוטס, ער דארף ניט קיין נייע, מען דארף נאָר אביסעל צופרעסען — צו דער חתונה וועט ער זיך מאכען א שווארצען סוט. העמדער דארף ער נאָך אויך ניט קויפען, זאָל ער אויסטראָגען די, וואָס ער האָט, אלע גאנץ און כמעט ווי נייע. די אונטערוועש וועט זי אבי־סעל אונטערפיקסען — מ'טאָר ניט אוועקווארפען קיין זאכען, וואָס מען קען נאָך טראָגען.

נאָך דער ארבייט איילט זיך דזשאָו צו לאה'ן אהיים. די קאָר נעמען קען ער ניט, דער וועג איז א געדרעהטער, מען דארף וואר־טען און בייטען קארס, און ער מאכט עס צו־פוס שנעלער. לאה קומט פריהער פון איהם, און ער געפינט איהר שוין אין איהר רום ווארטענדיג אויף איהם. זיי פארברענגען דארט, ביז מען רופט זיי עסען סאַפּער. דערנאָך ווידער אין רום; מען קושט זיך און „מ'האָט זיך האלט". דזשאָו וויל גאָרניט ארויסגעהן פון לאה'ס רום. לאה וויל אָבער האָבען פרישע לופט, און איהר ווילט זיך אויך אָפּט אָנקוקען א מאָווינג פּיקטשור. דזשאָו הויבט זיך אָהן חשק, וואָ־רים וואו קען איהם דען זיין בעסער, ווי ביי לאה'ן אין רום! ער שטעלט זיך אָבער ניט דאַגעגען: אז לאה זאָגט! זונטאָג בייטאָג אדער ביינאכט געהען זיי אין אידישען טהעאטער. זי לאָזט איהם ניט קויפען קיין דאלארדיגע טיקעטס, ווי איהם וואָלט זיך שטארק וועלען; אבער אויך ניט, חס ושלום, אין דער הויך אויפ'ן גאלערי — פינף און דרייסיג סענטיגע באלקאָני־טיקעטס, גאנץ גוטע טי־קעטס, מען זעהט די זעלבע „פּליי" וואָס פאר א דאלאר — אי באלעבאטיש, אי ביליג.

דזשאָו'ס ליעבע ווערט מיט יעדען טאָג אלץ שטארקער, ברע־

נענדיגער, און ער איז פול מיט די זיסטע האפנונגען אויפ׳ן גליק, וואס איהם שטעהט פאר — חתונה האבען מיט לאה׳ן. זיין גאנצע פרעהליכע, אפגעטאנצטע פארגאנגענהייט איז איצט פאר איהם א חלום, א פארפלויגענע זאך, נאך וועלכע ער בענקט ניט און וואלט פאר קיין פאל ניט געוואלט אומקערען זיך צוריק.

אויך לאה איז גליקליך, נאר לאה׳ס נאטור איז א גאנץ אנדערע פון דזשאו׳ס; ניטא ביי איהר דזשאו׳ס „משוגעת״; אלץ איז ביי לאה׳ן מיט חשבון: זי האט ליעב איהר חתן, ווייל ער איז א וואוילער, גוטער יונג, א געזונטער, א פארדינער, ער האט איהר אזוי שטארק ליעב, און זי איז די הערשערין, און דער אייזערנער דזשאו ליעגט ביי איהר אין איהר קלייניגקער הענטעלע — זי טוט אן אויסגעצייכענטען שידוך. אי, וואס דזשאו איז א שטיקעל פלוט, ניט קיין שטארק געזעצטער, איז דאס גארניט אזא געוואל-דיגער חסרון, ס׳איז א קלייניגקייט — זי וועט וועגען דעם זעהן שפעטער.

דורך די אבענדען ביי לאה׳ן אין רום איז דער הויפט-טהעטיגער געוועזן דזשאו; ער האט צוגעשטעלט כמעט די גאנצע צאהל קושען און „האלט-האבענעש״, און לאה האט זיך פריינדליך געלאזט קושען און „האלט-האבען״, און אויך א קוש געטאן איהר חתן, און זי האט געוואוסט ביי זיך, אז זי האט גוט געטראפען.

6

לאה׳ס חשבון האט יא געשטימט און ניט געשטימט. צום יאהר האט דער באנק ביכעל געוויזען פיער הונדערט און פופציג דאלאר, כמעט פונקט די סומע וואס זי האט אויסגערעכענט; אבער דאס איז ניט געווען גענוג. לאה מוז האבען אין איהרע רומס אלץ פון די בעסטע. זי און דזשאו זיינען אין די אבענדען געגאנגען איבער די פוירניטשור סטארס באקוקען און דערגעהן די פרייזען פון מעבעל. זיי האבען אויך אנגעקוקט אין די סטארס, וואו מען פארקויפט אנדערע נויטיגע הויז-ארטיקלען. לאה האט גערעכענט און גערעכענט און אויסגעפונען, אז מיט ווייניגער פון

פינף הונדערט דאלאר קען מען ליטיש ניט אויפפיקסען קיין רומס — זי וועט דאך ניט אנשטעלען אין איהרע רומס זאכען, וואס וועלען באלד צופאלען און צובראכען ווערען און זי וועט עס מוזען ארויס־ווארפען; און זי קען דאך ווידער ניט אוועקספענדען דעם לעצטען סענט און בלייבען, אויף מארגען נאך דער חתונה, אהן א פעני! די אונטערשטע שורה אויף איהר חשבון האט איהר געציינט, אז זי מוז האבען קנאפע פינף הונדערט און פופציג דאלאר, שוין צוזאמען מיט דער סומע, וואס די חתונה דארף קאסטען, א „פלייי־נע" חתונה אין הויז, פאר די אייגענע מענשען. לאה האט ניט גע־גלויבט אין מאכען א חתונה אין א האל, מיט קערדידזשעס און אוועקגעבען דערפאר א פאר הונדערט דאלאר — ס'געלט קען צו־ניץ קומען אויף בילכערע זאכען, פון וואס מ'זאל מעהר הנאה הא־בען. דזשאו'ס שוועסטער, מלכה, האט גראד געוואלט איהר פולע פארציע נחת, א פאראדנע חתונה אין א האל, ווי ביי לייטען, און זי האט געפרובירט איינרעדען דזשאו'ן, ער זאל דורכאויס פאר־לאנגען א האל. איהרע רייד זיינען אבער געווען אין גאנצען ארויס־געווארפען. דזשאו האט דער שוועסטער אפילו ניט געוואלט ענט־פערען אויף איהר געבעט. וואס הייסט — אז לאה זאגט! האט מלכה געזוכט אויפווייזען לאה'ן, אז א חתונה אין א האל וועט זיין פאר איהר פראקטישער, ס'וועט זיך איהר בעסער לוינען: מ'וועט איינלאדען א סך מענשען, און די „פרעזענטס" וועלען שוין באצאהלען פאר אלע „עקספענסעס", און נאך מעהר — איז אבער לאה אויך אין דעם געווען אן אפיקורוסטע. זי האט זיך אויף אזא מין גליטשיגען חשבון ניט געקענט פארלאזען; דאס האט ביי איהר געהייסען „ליגען די לעבעדיגע אויף די טויטע". זיי האבען גאר ניט אזוי פיעל קרובים און באקאנטע איינצולאדען; און רייסען פרעזענטס איבערגעוואלד קען מען דאך סיי־ווי־סיי ניט — וואס טוט זי, אז מ'קומט טאקע אויף דער חתונה און מ'גיט ניט קיין פרעזענט? און אז אימיצער וועט וועלען ארייננשיקען א פרעזענט וועט מען דאס טאן אפילו, אז די חתונה וועט זיין א „פליינע" אויך.

די חתונה איז געווען ניט פונקט צום יאהר. ווי לאה האט אין

אַנפאַנג געדעכענט, נאר מיט עטליכע מאָנאַט שפּעטער, ביי מלכה'ן אין הויז. און נאָהענט צו דער חתונה האָט זיך לאה אויך ארומ־געזעהן, אז דזשאָו דאַרף גאָר ניט קיין שווארצען סוט. זיין „בליו סוירדזש" איז כמעט אזוי ווי שווארץ. די עטליכע און צוואַנציג דאָלאַר וועט איהר גאַנץ גוט צונוץ קומען אין הויז.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך גראַד אויסגעליידיגט דריי שעהנע רומס אויפ'ן זעלבען פלאָר, טאַקע „נעקסט דאָר", און דזשאָו האָט געפּועל'ט ביי לאה'ן, זי זאָל נעמען די רומס. ער האָט גע־וואָלט לאה'ן זאָל ניט זיין אומעטיג, זי זאָל ניט זיין אליין, און מלכה וועט איהר די ערשטע צייט אונטערהעלפען אין הויז. אין אַנפאַנג האָט דאָס לאה ניט געוואָלט טאָן. זי האָט געוואָלט וואַת־נען פאר זיך אליין, אפּגעזונדערט, קיינער זאָל ביי איהר ניט ארייג־קוקען און ניט אריינריידען; זי האָט מורא געהאַט, זי וועט זיך ניט פיהלען די פולע, פולע באַלעבאָסטע אין איהר הויז. אלע האָבען זיך אבער געבעטען ביי איהר, דזשאָו, מלכה, די קינדער, און א חוץ דעם זיינען טאַקע די רומס געווען אן אויסנאַם, אזעלכע ליכטיגע, געראַמע רומס האָט זי ניט געזעהן אין קיינע פון די הייזער, וועלכע זיי האָבען איבערגעקוקט — האָט לאה נאָכגעגעבען.

דזשאָו האָט טאַקע געמיינט אין גאַנצען לאה'ס טובה מיט'ן אריינמופען „נעקסט דאָר" צו זיין שוועסטער; לאה'ן וועט ניט זיין אומעטיג, מלכה וועט איהר אונטערהעלפען, צואווייזען איהר אין הויז. אבער דאָס איז נאָך ניט געווען אלעס. טיעף אין דזשאָו'ס הארץ איז געווען באהאלטען נאָך א מיין, וואָס ער האָט ניט ארויסגעבראַכט פון זיין מויל: ער האָט געוואָלט זיין וואָס מעהר זיכער מיט לאה'ן... זי זאָל זיין אימער לעבען זיין שוועס־טער, בשעת ער איז נישטאָ... ער האָט געוואָלט האָבען איבער זיין לאה'ן א שומר...

7

א באַלעבאָסטע איז לאה איינע אין דער וועלט. גאַנצע טעג הערט זי ניט אויף ארבייטען אין הויז: וואַשט, פּוצט, שייערט,

ראַמט. עס האָט געלויכטען און געפינקעלט אין אַלע ווינקעלאַך. דזשאָו׳ס ליעבע צו זיין ווייבעל האָט ניט אויפגעהערט וואַקסען, און זי האָט געקענט טאָן מיט איהם, וואָס זי האָט אַליין נאָר געוואָלט. מלכה האָט זיך וועניג־וואָס געמישט אין לאה׳ס באַלעבאַטישקייט. לאה האָט ניט געפרעגט קיין עצות און ניט געבעטען קיין טובות. מלכה האָט זיך דערלעבט אמת נחת פון איהר „האַדעוואַניק״, דזשאָו.

שבת, קומענדיג פון דער ארבייט, דערלאַנגט דזשאָו זיין ווייבעל דעם „ענוועלאָפּ״ מיט דער „פּעי״, א פאַרקלעפּטען נאָך. אַלע אין דער פריה נעמט ער ביי איהר זיינע נויטיגע הוצאות אויפ׳ן טאָג. לאה פאַרלאַנגט גאָר ניט פון איהם אזא אונטערטעניגקייט; איהר „פּאָקעט־בוך״ מיט׳ן געלט ליגט אין אויבערשטען שופלאַד פון „דרעסער״ אין בעד־רום, און דזשאָו מעג נעמען וויפיעל ער וויל. זי וויל איהם אפילו ניט נאָכקוקען — וואָס האָט זי פאַר איהם מורא? צו וואָס דאַרף דזשאָו געלט? וואו געהט ער, ווען זעהט ער? דזשאָו וויל אָבער אַליין ניט נעמען, איהם איז ליבער אַלע אין דער פריה נעמען דאָס קליין־געלט פון לאה׳ס האַנט.

— נאַ, נעהם נאָך א קוואָדער — זאָגט לאה, כמעט בעטענדיג.

— צו וואָס דאַרף איך געלט?

— מ׳דאַרף האָבען א סענט אין פּאָקעט — זאָגט לאה — ווער ווייס, וואָס מיט א מענשען קען זיך אמאָל מאַכען?

— כ׳דאַרף ניט, כ׳האָב גענוג.

דזשאָו דאַרף טאַקע ניט קיין געלט, און איהם איז נאָך דערצו געשמאַק צו הערען, ווי לאה הייסט איהם, בעט זיך ביי איהם, ער זאָל נעמען.

דזשאָו האָט געלעבט אין אַן אמת׳ען גן־עדן, און לאה אויך. זייער היים איז געווען שעהן און ריין, ביידע געזונט און צופריעדען. דזשאָו האָט געאַרביים, „סטעדי״, געמאַכט גוטע וויידזשעס. מ׳האָט געגעסען פון דאָס בעסטע; לאה׳ס אייז־באָקס איז שטענדיג געווען אָנגעשטעלט און אָנגעלעגט מיט גוטע זאַכען; א באָקס באַטעלס ביער האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט אין הויז. און

אלע פּאַר וואָכען האָט לאה אוועקגעטראָגען עטליכע דאָלאַר אין די בענק.

א שטיקעל קריזיס האָט אריינגעטראָטען אין דזשאָו'ס לעבען, ווען עס איז אנגעקומען א בריעף פון לאה'ס היים מיט די נייעס, אַז איהר מאַמע איז געשטאָרבען. די דאָזיגע בשורה האָט לאה'ן געטראָפען ווי א פּלוצלינגער שרעקליכער קלאַפּ. זי האָט ניט אויפ־געהערט וויינען און קלאָגען און רייסען זיך די האָר פון קאָפּ. זי האָט ניט געוואָלט הערען קיין וואָרט פון טרויסט, ניט געוואָלט זיך בארוהיגען, ניט געקענט צו זיך קומען. דזשאָו האָט זיך נאַ־טירליך אויך גענומען די פּאסירונג צום הארצען: לאה'ס מאַמע! און נאָך מעהר דערפון, וואָס עס טוט לאה'ן אזוי שרעקליך וועה. אבער מעהר פון אלץ האָט דזשאָו'ן געגריזשעט א געפיהל פון איי־פערזוכט צו לאה'ס פארשטאָרבענער מוטער. לאה רייסט אזוי איין די וועלט, זי וויל גאָר מעהר ניט לעבען, וויל ניט זעהן און ניט הערען מעהר פון קיינעם. פאר וואָס? און וואו איז ער, דזשאָו, און זייער הויז?... זי האָט דאָך איהם!... ער איז גאָרנישט ביי איהר?...

דזשאָו האָט ניט געוואוסט דעם טעם פון א מאַמע. ער געדענקט ניט זיין מאַמע, און ער האָט ניט געקענט אָפּשעצען לאה'ס גרויסען וועהטאָג. ווען ער וואָלט דאָס אבער אפילו יאָ געקענט, וואָלט דאָס מסתמא אויך פאר איהם געווען א קנאַפּער טרויסט, וואָס זי, זיין לאה, זאָל זיך אזוי אין גאנצען אוועקגעבען, זיך אזוי נעמען ס'לע־בען פאר אימיצען, אויסער איהם... דזשאָו האָט לאה'ן ניט געזאָגט, וואָס ביי איהם אין הארצען טוט זיך, אימיצען אנדערש אויך ניט, און ער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט א קאָכעניש.

מיט דער צייט האָט זיך לאה איבערגעקלאָגט. דער ערשטער שאַרפער וועהטאָג איז פאַראיבער, און זי האָט זיך באַנוגענט מיט שווערע זיפצען פון איהר גרונט הארצען און מיט'ן גוטען אויס־וויינען זיך א פּאָר מאָל אדער עטליכע מאָל דורך דער וואָך; און אויך דזשאָו האָט באלד אין גאנצען פארגעסען זיין אייפערזוכט צו לאה'ס פארשטאָרבענער מאַמע.

זייער לעבען איז זיך ווייטער געגאנגען, ווי געווען. און ביי־דענם מערכה איז נאך געווארען פיעל בעסער, אז לאה איז זיך פארגאנגען אין שוועגערען. דאמאלסט איז לאה געווארען פאר דזשאו׳ן עפעס א מין הייליגקייט, און ער האט אויף איהר געקוקט מיט עהרפורכט, מיט א הייליגער מורא; ער האט איבערגעציטערט אויף איהר יעדען טראט, אויף איהר יעדען קעהר און ריהר. ער האט ניט אויפגעהערט בעטען זיין שוועסטער מלכה׳ן, זי זאל אכ־טונג געבען אויף לאה׳ן, ארייננקומען צו איהר אלע ווייל ערהן, וואס זי טוט, אונטערהעלפען איהר אין איהר ארבייט, זי זאל זעהן, לאה זאל זיין וואס ווענינגער אליין אין הויז... דורכ׳ן טאג האט דזשאו ניט געקענט ריכטיג טאן זיין ארבייט... איהם האט זיך אלץ אויסגעדוכט, אז מיט לאה׳ן האט עפעס פאסירט, לאה׳ן איז „ניט גוט געווארען“ און זי איז אליין אין הויז... זיין הארץ האט איהם אלע טאג „געזאגט“ עפעס אן אנדער ניט פרעהליכע פאסירונג, א סבה מיט לאה׳ן. עס האט אבער, חס ושלום, גארנישט פאסירט לאה איז בשלום איבערגעקומען. זי האט געבארען א אינגעל.

8

דזשאו׳ס אמת׳ער נחת האט זיך אנגעהויבען אביסעל שפע־טער, אז לאה איז שוין געווען אין גאנצען ערהאלט פון קינפעט און איז געווארען די פריהערדיגע באלעבאסטע אין הויז. ליכטיג און גוט איז פאר דזשאו׳ן געווען זיין וועלט; אין א גאנץ נייע וועלט האט ער איצט געלעבט. אלץ ארום איז, דאכט זיך, געווען די־זעלבע, וואס געווען: די גאס, די מענשען, דער שאפ, די ארבייט, די ארבייטער ארום, אבער פאר איהם האבען די אלע זאכען איצט געהאט א גאנץ אנדער אויסזעהן; אלץ האט אין זיינע אויגען אויסגעזעהן יום־טוב׳דיג, ליכטיג, מחיה׳דיג. דער טאג ארבייט איז ביי איהם אוועק ווי א שפיעלכעל; די ארבייט האט זיך גע־טאן אליין. ער האט אייגענטליך דעם גאנצען טאג געלעבט ניט אין שאפ ביי דער ארבייט, נאר אין זיין היים, און געהאט פאר זיך לאה׳ן מיט זיין באי. ער האט געזעהן פאר זיך לאה׳ס פנים

מיט אלע איהרע מינעס און חן'ען, און דעם זוהן'ס פיטשינקען פנים'ל און זיין יעדען גליעד, יעדען פינגערעל זיינעם באזונדער, און געזעהן איהם זויגען פון דער מאמעס ברוסט.

אויך לאה איז איצט „משוגע געווארען“ פון איהר גרויסען נחת, פון דעם געוואלדיגען גליק, וואס איהר האט געטראפען. זי האט אין גאנצען פארגעסען, אז עס איז פאראן עפעס אנדערעס אויף דער וועלט, א חוץ איהר זוהן. זי האט זיך באשאפען עפעס א מאדנעם ווילדען לשון, מיט וועלכען זי האט גערעדט צו איהר זוהן. דאס איז ניט געווען קיין טערקיש, ניט קיין טאטעריש, ניט קיין כינעזיש, עפעס גאר א נייע שפראך, וואס נאר זי און די בייבי האבען „פארשטאנען“, אפילו דזשאו אויך ניט. און אפט פלעגט זי אויך רעדען צו איהר בייבי, ווי מען רעדט צו א גרויסען מענשען, אליין געפרעגט און אליין זיך געענטפערט — לאה איז אמת „משוגע“ געווארען. דאס איז געווען א פארביטענע לאה, ניט יענע געזעצטע, אויסגערעכנטע פראקטישע לאה — א נארישע לאה, א קינדישע לאה, — ווי יעדע פרוי, וואס ווערט צום ערשטען מאל א מאמע.

פאר דזשאו'ן איז די נייע לאה געווען אן אמת'ע איבעררא־שונג. ער האט קיינמאל ניט געזעהן לאה'ן זיך נאריש מאכען, טאנצען שפרינגען, זיך משוגע מאכען, ניט אויפהערען ריידען, פלוידערען אלערליי נארישקייטען — איהם האט זיך גאר ניט גע־קענט גלויבען, אז דאס איז זיין לאה. ער האט ביז איצט גאר ניט געוואוסט, אז לאה קען זיין אזוי „צוקאכט“, קען אזוי משוגע ליעב האבען...

9

אביסעל שפעטער האט עפעס פאסירט מיט דזשאו'ן, וואס האט געמאכט איז איהם א גאנצע איבערקערעניש.

געהענדיג פון דער ארבייט אהיים, נאך א פאר שעה „אווער־טיים“, און צוקומענדיג צום קארנער עלפטע סטריט און עוועניו „איי“, האט ער דערהערט מוזיק שפילען. ער האט אויפגעהויבען

דעם קאָפּ. די מוזיק האָט זיך געטראָגן דורך די אָפענע גרויסע פענסטער פון אן ערשטען פלאָר. ער האָט ארויפגעקוקט און דער־זעהן פאַרלאָך פאַרבייטאַנצענדיג די פענסטער, און ער האָט אויך דערזעהן אויף׳ן וואַנט א שילד: „וואַפּנער׳ס דענסינג אַקאַדעמיע“.

דער נאָמען וואַפּנער איז געווען פאַר דזשאָו׳ן גוט באַקאַנט. א סך נעכט האָט ער אמאָל פאַרבראַכט אין וואַפּנער׳ס „אַקאַדע־מיע“, און עס האָט אויך אמאָל געהאַלטען ניט ווייט דערפון, אז דזשאָו זאָל ווערען וואַפּנער׳ס א פּאַרטנער אין א טאַנץ־געשעפט אויף קלינטאָן סטריט, און צוליעב צוויי אורזאַכען איז פון דעם עסק גאָר ניט געוואָרען: ערשטענס, האָט מלכה אָן איהם זיך אנ־געטשעפּעט, פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזען איהם אריינגעהן אין אַזאַ ביזנעס — סיידען ער וויל ווערען צו איהר אוים ברודער! און מלכה׳ן האָט דזשאָו ליעב געהאַט און געהאַט פאַר איהר אבשיי; נאָר דאָס וואָלט אפשר ניט געהאָלפען, האָט זיך גראָד געמאַכט, אז פּונקט אין דער צייט, ווען דער אָפּמאַך האָט געזאָלט געשלאָסען ווערען, איז וואַפּנער אנטלאָפען פון שטאָדט צוליעב עפּעס א גע־שיכטע מיט א מיידעל. שפּעטער האָט דזשאָו געהערט, אז וואַפּנער האָט מיט דער מיידעל „געסעטעלט“ און איז צוריקגעקומען. אבער דזשאָו האָט זיך מיט איהם מעהר ניט געזעהן. ער האָט זיך אין יענער צייט באַקאַנט מיט לאה׳ן.

דזשאָו איז עטליכע מינוט געשטאַנען און אריינגעקוקט אין די פרעהליכע פענסטער. קנאַפּע דריי יאָהר איז ער ניט געווען אין אַזאַ פּלאַץ. טאַנצען האָט זיך איהם איצט ניט געגלוסט, ער האָט אָבער געוואָלט זעהן וואַפּנער׳ן, זיין אמאָליגען „גוטען ברודער“ — ווי זעהט ער אוים? וואָס קען איהם שאַדען, אז ער וועט א קוק טאָן. אבער ניט איצט — לאה וואַרט דאָרט אויף איהם מיט׳ן סאַ־פּער! עס איז שוין אזוי אויך שפּעט. נאָר דעם סאַפּער האָט ער שוין געגעסען היינט אומגעדולדיג... איהם האָט ניט געלאָזט איינ־זיצען... דער וואָלס דורך די פרעהליכע, לוסטיגע פענסטער פון וואַפּנער׳ס דענסינג אַקאַדעמיע... און וואַפּנער אליין...

ער האָט געזאָגט לאה׳ן עפּעס א תירוץ און איז ארוים פון

הויז. אין א ווײַלע ארום איז ער ארויף די טרעפ צו וואפנער'ן און געוואלט ארייננעהן אין האל.

— העט־טשעק! — האט א בחור'ל איהם פארשטעלט דעם וועג און איהם אנגעוויזען אויף א רויטע קאפ אין א לאד פון א בודקע מיט דעם אויפשריפט „העט־טשעקס".

דזשאו האט אין דער מינוט אין גאנצען פארגעסען הלכת „העט־טשעקס".

— איך וויל זעהן מיסטער וואפנער'ן — האט דזשאו געזאגט אין ענגליש.

דער טיהר־שטעהער האט צוגערופען דעם באיטשיק מיט'ן קערבעל קענדי און געהייסען איהם ארויסשיקען דעם באס.

באלד איז ארויסגעקומען וואפנער: א הויכער, א דארער, גלייך און שטייף, ווי א שטעקען, מיט דינע וואנסעלאך פון געלען זאמד קאליער, מיט א הויכען שטערען, וואס האט זיך געצויגען ווייט ארויף אויפ'ן קאפ, וואו די עטליכע שיטערע האאר איז געווען צושמירט אויף צוויי גלייכע טיילען, ווי אפגעצעהלט. ער איז געווען אנגעטאן אין א „טאקסידא" מיט א קיילעכדיגען אטלעסענעם קאלנער שוין צוזאמען מיט די לאצען, א ווייסע אויסגעשניטענע וועסט ביז ארונטער, פארשפילעט אויף איין קנעפעל, א ווייסע שטייפע האַרץ און א הויכען שטעהענדיגען קאלנער מיט צוויי אפּגעבויגענע שפיצען אונטער'ן מארדע, ארומגענומען מיט א ווייסען בענדעל מיט א שלייפעל.

— דזשאו! — האט וואפנער אויסגערופען — איז דהאט יו? יו לוק איי מעריעד מען!

דזשאו האט זיך דערפיהלט גאנץ וואכעדיג אנטקעגען וואפנער'ן, פונדעסטוועגען האט ער געפּרובירט צו שמייכלען.

— טעלל עדדי טו קיפ אן איי! — האט וואפנער געזאגט צום טיהר־שטעהער, און צו דזשאו'ן האט ער געזאגט:

— קום אראפ דאון סטערז!

זיי זיינען אראפ אונטען אין סאלון, דורכגעגאנגען און אריין אין הינטער־קעמעריל. וואפנער האט געארדערט „דרינקס".

וואַפּנער האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס פון דזשאָו'ן איז געוואָרען. וואו איז אהינגעקומען יענער דזשאָו? און פון זיך האָט ער איהם דערצעהלט, אז ער האָט „געטרעוועלט", געהאט אן אקאַדעמיע אין אינדיאַנאַפּאָליס, אבער „נאַטהינג ביעטס ניו יאָרק". און חתונה געהאט האָט ער נאָך אַלץ ניט — ער וועט ניט פאַרזאַמען די מציאות, און ער איז איצט „קערפול", יענע געשיכטע האָט איהם אָפּגעקאָסט אריבער פינף הונדערט דאָלאר. און ער האָט זיך זעהר שטאַרק געוואונדערט אויף דזשאָו'ן, ווי אזוי ער איז דאָס געוואָרען א „פעמילי מען" און איהם באַדויערט, וואָס ער מוז שוין בלייבען אויף אלע מאָל „סטיקען אין שאָפּ".

וואַפּנער האָט גערעדט גאַנץ פריינדליך, ווי עס פּאַסט זיך, אז מען טרעפט זיך מיט אן אלטען חבר, וועמען מ'האָט שוין לאַנג ניט געזעהן. א מבין וואָלט אבער דערזעהן, אז וואַפּנער דערצעהלט דזשאָו'ן זיינע געשיכטעס עפּעס ניט מיט'ן גאַנצען הארצען; ער דערצעהלט איהם, ווייל אזוי פּאַסט זיך צו טאָן. עס האָט זיך אָבער געפיהלט דער טאָן פון איינעם, וואָס טוט א טובה מיט זיין דערצעהלען; ווי עס רעדט אן עלעגאַנטער קאַוואַליער צו א פּראָסטען מענשען; א דערהויבענער צו א געפאַלענעם.

דזשאָו האָט ווייניג גערעדט. ער האָט ניט געהאט וואָס צו דערצעהלען און איהם האָט זיך ניט געלוסט צו ריידען. ער האָט געטראַכט פון יענע פרעהליכע אבענדען, ווען ער האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט וואַפּנער'ן, און איז אויך געווען ווי ער „געדרעסט".

וואַפּנער האָט איינגעלאַדען דזשאָו'ן ארויפגעהן מיט איהם אין טאַנץ־זאַל. ער וואָלט געוואָלט זעהן, האָט ער געזאָגט, אויב דזשאָו טויג נאָך עפּעס; אמאָל איז געווען א פּלעזשור אַנצוקוקען דזשאָו'ן „אויף א פלאָר" — האָט וואַפּנער צוגעגעבען.

דזשאָו האָט זיך אנטזאָגט: צו וואָכעדיג וועט ער דאָרט איצט אויסזעהן. ער האָט אָבער פאַרשפּראָכען וואַפּנער'ן צו קומען איהם זעהן אין גיכען.

געהענדיג אהיים, האָט זיך דזשאָו געפיהלט עפּעס פאַרקלעמט, פאַר'יתום'ט. אין זיין הארצען האָט ער געפיהלט א שטילע קנאה

צו וואַפּנער׳ן. און אַז ער איז שוין געלעגען אין בעט מיט פאַר־
מאַכטע אויגען, האָט ער נאָך געהערט דעם וואַלס פון וואַפּנער׳ס
אַקאַדעמי...

פאַר׳ן איינשלאָפען האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט זיך איצט
געוויס ניט אַריינלאָזען צוריק אין טאַנצען, ס׳איז ניט פאַר איהם.
ער וועט מעהר צו וואַפּנער׳ן אפילו ניט אַרויפגעהן. אָבער אויף
מאָרגען, געהענדיג פון דער אַרבייט, האָט ער גוט באַקוקט וואַפּ־
נער׳ס „פליים״, און ביים סוף סאַפּער האָט ער שוין ניט געקענט
רוהיג איינזיצען אויף זיין שטוהל, און טאַקי באַלד זיך אויפגע־
הויבען. אַרויסגעפלאָפּעלט עפּעס א תירוץ פאַר לאה׳ן: ער מוז זיך
זעהן מיט אימיצען וועגען עפּעס, ס׳קען זיין, ער וועט איבערבייטען
זיין „דזשאָב״, דאַרף ער אַריינגעהן זיך דורכרעדען. לאה האָט
איהם געגלויבט; זי ווייס אַז דזשאָו איז ניט קיין ליגנער.

ער איז אַוועק צו וואַפּנער׳ן. געטאַנצט האָט ער ניט: ער איז
ניט געווען ריכטיג „געדרעסט״; נאָר אַזוי אַרומגעדרעהט זיך מיט
וואַפּנער׳ן, באַטראַכט די טענצער, גערעדט מיט וואַפּנער׳ן פון אַמאָ־
ליגע צייטען.

זיי זיינען ווידער אַראָב אונטען, הינטער׳ן סאַלון, און זיי האָבען
דאָרט געהאַט א לאַנגען געשפּרעך. וואַפּנער איז עפּעס דורך די
פאַר יאָהר, וואָס דזשאָו האָט איהם ניט געזעהן, געוואָרען א גאַנ־
צער פילאָזאָף, וואָס אַמבאַלאַנגט פרויען. מ׳זאָל איהם אפילו אַפּ־
שיטען מיט גאָלד, וואָלט ער זיך מיט די בעסטע פון זיי ניט פאַר־
בונדען. קיינע פון זיי טויג ניט, זיי זוכען נאָר אַריינצוקריגען
אין זייערע הענט, און ערשט דערנאָך דערקענט מען ווער זיי זיי־
נען. עס איז שוין אָבער צו שפּעט און מ׳בלייבט א באַגראָבענער.
ער, וואַפּנער, וויל זיי ניט קענען און ניט וויסען, און אַז ער דאַרף
א ווייב, ווייס ער וואו צו קריגען, און אויס מחותן. בקיצור, וואַפּ־
נער האָט געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אַלע ווייבער אין דער
וועלט און אויסגעבראַכט, אַז זיין פאַרהייראַט, איז ערגער ווי זיצען
אין פּריזאָן.

דזשאָו איז ניט געווען אין גאַנצען איינפאַרשטאַנען מיט איהם.

אבער אפגעלייקענט האט ער אויך ניט און געפיהלט האט ער א שטארקען דרך־ארץ פאר וואפנער'ן.

10

און כמעט אלע אבענד קומט דזשאו געוואהר ווערען וואפנער'ן. ביי איהם האבען זיך שוין אויסגעשעפט די תירוצים פאר לאה'ן, וואוהין ער געהט אוועק אלע נאכט. און אז לאה שטעהט צו א־ן וויל וויסען, וואוהין ער געהט אוועק, ווערט דזשאו אין כעס: ער איז ביי איהר ניט קיין פארקויפטער...

ביי לאה'ן אין הארצען קלייבט זיך דערווייל יסורים, מיט גאל, מיט שרעק.

און אביסעל שפעטער, א שבת בייטאג, האט זיך דזשאו אויסגעפוצט אין זיין „בלו סוירדזש" סוט, אנגעטאן א ווייסען שלייפעל אויף א שטייפע ווייסע געפרעסטע העמד און אוועק אין וואפנער'ס אקעדעמי.

לאה האט איהם אנגעקוקט פארוואונדערט און דערשראקען, נאר זי האט געשוויגען... ער וועט איהר סיי ווי סיי ניט זאגען, אז זי וועט איהם פרעגען.

אין וואפנער'ס אקעדעמי איז געווען דער „מאטינעע" אין פולען גאנג, ווען דזשאו איז אהין אנגעקומען. וואפנער האט העכסט פריינדליך באגריסט דזשאו'ן און עפעס אריינגעשושקעט זיין „אסיסטענט", עדדי, א פארשמייעטען יונגער־מאן פון איטאליענישען אויסזעהן, מיט אן אפגעברענטען סיגארעט פארשטעקט הינטערן אויער, ווי א בלייפעדער. דער „אסיסטענט" איז ערגעץ פארפאלען געווארען. וואפנער האט אוועקגענומען דזשאו'ן ביי א וואנט און איהם פארזיכערט, אז איהם פרעהט צו זעהן איהם ווידער ביי זיך אין פלאץ. באלד איז אונטערגעקומען עדדי, דער אסיסטענט, מיט א יונגע מיידעל, מיט צוויי פעך־שווארצע קיילעכדיגע פאות אויף די געדיכט אנגעפודערטע און צוגעפארבטע באקען, מיט בינטלאך האר אריינגעארבייט ביז אין די אויגען אריין.

וואפנער האט זיי פארגעשטעלט:

— מיסס בוירנשטיין, מיסטער סקעדעלסקי.

דזשאו האט „געשייקט הענדס" מיט דער מיידעל און איינגע־לאדען איהר אויפ׳ן נעקסטען טאנץ. באלד האט א בריאזג געטאן די מוזיק, דזשאו האט א נעם געטאן מיסס בוירנשטיין און מיט איהר פארפאלען געווארען צווישען די איבעריגע פארלאך.

אין די ערשטע עטליכע מינוט האבען דזשאו׳ס פיס ניט גע־וואלט איהם אזוי גוט דינען, און מיסס בוירנשטיין האט געמוזט איהם „ליעדען", נאר גאר גיך זיינען דזשאו׳ס פיס אריין ריכטיג אין זייער אמאליגער ראלע, און ער האט פריי און לוסטיג געשוועבט איבער׳ן גלאטען פלאר און געטראגען מיט זיך זיין שותף׳טע, וועל־כע איז אליין אויך געווען איינע פון די גאר וויכטיגע קרעפטע אין וואפנער׳ס אקעדעמי, און האט זיך שוין געהאט ארויפגעאר־בייט אויף דער פריווילעגיע ארייננצוקומען אהן א „העט־טשעק". דזשאו און מיסס בוירנשטיין זיינען געווען אן אויסגעצייכענטע „קאפל", און דזשאו האט זיך אויף א ווייל׳ע געפיהלט צוריק דער אמאליגער דזשאו. ער האט ניט אפגעלאזט זיין „פארטנערקע" און געטאנצט מיט איהר אויך דעם נעקסטען טאנץ, און האט שוין גערעכענט צו ענדיגען מיט איהר דעם מאטינע. נאכ׳ן צווייטען טאנץ האט אבער עדי אוועקגעוואונקען מיס בוירנשטיין פון דזשאו׳ן. דאס איז געווען אן ארדער פון וואפנער׳ן, מיט א דאפעלטען צוועק. ערשטענס, האט ער געוואלט, אז מיסס בוירנ־שטיין זאל טאנצען מיט געוויסע וויכטיגע קאסטאמערס זיינע; צווייטענס, כדי דזשאו זאל זיך באקענען מיט׳ן „קראוד", מיט וואס מעהר מיידלאך. וואפנער האט שטארק געהאלטען פון דזשאו׳ס טאלאנט; ער האט געוואוסט, אז דזשאו איז א וויכטיגע פערזענ־ליכקייט אין אן אקעדעמי. פאר וואפנער׳ן האט זיך בעסער גע־לוינט, אז דזשאו און מיסס בוירנשטיין זאלען זיין פארנאנדער־געטיילט; דאס האט ער בלויז געגעבען דזשאו׳ן א „טריט" די צוויי טענץ מיט מיסס בוירנשטיין, און בשעת זיי האבען געטאנצט האט זיי וואפנער באטראכט, ווי אן עקספערט באטראכט א טייערען

דימענט, און וואַפּנער'ס פּנים האָט זיך געשמאָלצען פון מתיקות.

עדדי האָט מקרב געווען דזשאָו'ן און איהם אונטערגעשטעלט „פּאַרטנערקעס"; ער האָט ניט דורכגעלאָזען כמעט קיין איין טאַנץ; דער מאַטינע האָט זיך פאַרצויגען שפּעט. באַלד פאַנגט זיך שוין אָן דער „רעגעלער" אָבענד, און וואַפּנער האָט גערעטען דזשאָו'ן צו פאַרבלייבען און זיך באַקענען מיט זיינע בייזאַכטיגע געסט — „אַ גאַנץ אַנדער סאָרט קראַוד", און ער האָט איינגעלאַדען דזשאָו'ן אויף „לאַנטש" אין אַ דערבייאיגען רעסטאָראַנט.

דורך די טענץ האָט זיך דזשאָו ניט דערמאָנט אָן זיין היים, אָן זיין ווייב און קינד. נאָר אַז וואַפּנער האָט איהם איינגעלאַדען צו געהן מיט איהם עסען, האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: „געהן אַהיים"... ער איז אָבער אַוועק מיט וואַפּנער'ן, זיך פיהלענ־דיג אַ זינדיגער.

ביים עסען האָבען זיי גערעדט בלויז פון די טאַנץ־ביזנעס. וואַפּנער האָט זיך ניט אינטערעסירט צו וויסען, ווי אַזוי דזשאָו'ן געהט אין זיין פאַרהייראַטען לעבען. ער איז זיכער געווען, אַז דזשאָו'ן געהט שלעכט און ער האָט טויזענד מאָל חרטה וואָס ער האָט חתונה געהאַט — וועגען דעם פאַרשפּאַרט ער פרעגען — וואַפּנער האָט געטראָגען אַ געוואַלדיגע שנאה געגען די ווייבער זייט יענער געשיכטע, צוליעב וועלכער ער איז אַנטלאָפען פון נויאָרק און וואָס האָט איהם אָפּגעקאָסט אַזוי פיעל געלט. און ווען ניט זיין ביזנעס — פלעגט וואַפּנער זאָגען — וואָלט ער קיין איינע פון זיי מעהר ניט אָנגעקוקט. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דזשאָו'ן און אויסגעמיידעט צו רעדען פון דזשאָו'ס פאַמיליען־לעבען.

נאָכ'ן עסען האָט דזשאָו גענומעןביידע קוויטלאַך, וואָס דער ווייטער האָט פאַר זיי אָנגעשריבען. וואַפּנער האָט פּראָטעסטירט. ער האָט געוואָלט באַצאָהלען פאַר ביידענס עסען: „דאָנט מייק יורסעלף טשיילדיש!" איז ער געווען ברוגז אויף דזשאָו'ן; דזשאָו האָט אָבער אויסגעפיהרט. אין דזשאָו'ן האָט ווידער ערוואַכט דער אַמאָליגער „ספּאָרט", ווען ער האָט אמת הנאה געהאַט פון „טריטען" אימיצען. ער האָט אָפּגעצאָהלט אַ דאָלאַר פון די צוויי,

וואָס ער האָט אראָפּגענומען פון דער היינטיגער „פּיי" און אויך געגעבען דעם ווייטער א גאַנץ ליבעראַלען „טיפּ".

דזשאָו און וואַפּנער זיינען ווידער געוועזען די אַמאָליגע גוטע ברידער. וואַפּנער איז שוין איצט געוועזען נעהענטער און פריינד־ליכער צו דזשאָו'ן, ווי ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

דער זייגער איז שוין געווען ווייט נאָך צוועלף, ווען דזשאָו האָט פארלאָזען וואַפּנער'ס אקעדעמי און זיך געלאָזט געהן אהיים. געהענדיג האָט ער זיך אביסעל אויסגעניכטערט און געגומען באַ־גרייפען, וואָס ער האָט געטאָן. אוועקגעגאַנגען פון זיין הויז באַלד נאָכמיטאָג און קעהרט זיך אום שפּעט אין דער נאַכט... אפּגע־טאַנצט אזוי פיעל שטונדען... ער האָט געפיהלט, אז ער איז באַ־גאַנגען א גרויסע עולה... ער האָט גיפּרובירט פּסק'ענען, אז ס'איז „גאָר נישט", ער מעג... נאָר באַרוהיגט האָט דאָס איהם ניט...

ער האָט אַנגעקלאַפּט אין טיהר. לאַה האָט נאָך ניט געהאַט איינגעשלאָפען, און זי האָט באַלד געעפענט; זי איז גיך אריין אין בעט־רום, ניט אַנקוקענדיג איהם.

דזשאָו איז א ווייל געזעסען אין קיך אומעדיג פארטראַכט. איהם האָט אויסגעפעהלט די חוצפּה צו געהן אין בעט אריין — זאָל כאָטש לאַה איינשלאָפען... אבער לאַה האָט ניט געקענט איינ־שלאָפען... זי איז געלעגען אַפּגעקערט צום וואַנט, מיט א האַרץ פול מיט וועהטאָג און יסורים, און האָט זיך געמאַטערט איינהאַלטען איהר געוויין, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון האַרץ אין האַלז אַרויף. און א צאָרן האָט אין איהר געברענט. איהר האָט זיך איצט ניט אַנדערש געוואָלט מאַכען א געוואַלד, שרייען מיט אַלע איהרע כחות, די גאַנצע וועלט זאָל דערהערען, מענשען זאָלען זיך צוזאַמענלוי־פען... די פּראַקטישע לאַה האָט זיך אבער געהאַלטען אין די הענט, צוגעהאַלטען זיך, זי האָט פארשטאַנען, אז קיין גרויסע טובה וועט דאָס איהר ניט טאָן און זי איז געבליבען ליגען שטיל.

דזשאָו האָט געמיינט, אז זי שלאָפט, און ער איז אריינגעקראָ־כען אין בעט שטיל, פּאַוואָליע, אויסגעהיט זיך צו מאַכען וואָס ווייניגער גערויש.

11

לאה איז געווען אַן עלענדע און זי האָט ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצורעדען זיך, האָט זי זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר מלכה'ן.

— איך ווייס ניט, וואָס מיט דזשאָו'ן איז געוואָרען — האָט זי געזאָגט מיט שרעק און האַלבען געוויין — אַלע נאַכט געהט ער אוועק, ער איז קיינמאָל ניט אין הויז.

מלכה האָט אויסגעהערט לאה'ן מיט גרויס אינטערעס.

— וואו געהט ער? — האָט זי געפרעגט — ער זאָגט דיר גאָר ניט?

— כ'פרעג איהם און ער ענטפערט מיר ניט — האָט זיך לאה געקלאָגט.

— האָסט מיר גאָר ניט דערצעהלט! ווי לאַנג איז שוין דאָס?

— ס'איז שוין מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען.

— און ווי איז ער א ז ו י צו דיר? — האָט מלכה געפרעגט

— און צום קינד ווי איז ער?

— אז ער קומט ביי־נאַכט, עסט ער אָפּ און געהט אוועק און רעדט ניט.

— מסתמא איז איהם ניט גוט אויפ'ן הארצען פון עפּעס אין שאָפּ. ער דערצעהלט דיר גאָר ניט?

— ער האָט מיט עטליכע וואָכען צוריק מיר געזאָגט, אז ס'וועט אפשר ווערען ווייניגער ארבייט — האָט לאה דערצעהלט — און פון דאַמאָלסט אָן זאָגט ער מיר גאָר נישט.

— און וואָס איז מיט די פּיידע? האָט מלכה געפרעגט נייגעריג.

— ער דערלאַנגט ביר אַלע וואָך.

— האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקען — האָט מלכה געטרייסט לאה'ן, און דער וואָלקענדעל איז פארשוואונדען פון מלכה'ס פּנים: וויבאַלד דזשאָו דערלאַנגט לאה'ן אַלע וואָך די „פּיידע", האָט געוויס ניט פּאַסירט מיט איהם עפּעס ערנסטעס.

דעמזעלבינגען אבענד האָט מלכה פונדערסטוועגען געהאַט אַ

געשפּרעך מיט איהר ברודער. זי האָט זיך מיט איהם ניט גע־דאַרפט צערעמאָניען. נאָך סאַפּער האָט זי איהם אַריינגערופען צו זיך אין הויז און אָנגעהויבען באַלד פון רעכטען עיקר:

— אַלע אָבענד געהסטו אוועק פון הויז, האָב איך געהערט — האָט זי אָנגעהויבען — וואו געהסטו דאָס? לאָזט איבער לאה'ן מיט'ן קינד און געהסט אוועק.

דזשאָו'ן האָט א ברען געטאָן, פאַר וואָס לאה האָט אויף איהם „אָנגערעדט", און ער האָט געזאָגט, בייז:

— כ'געה וואו כ'דאַרף! וואָס האָט זי מיר צו פאַר'מסר'ן!

— זי האָט גאָר ניט פאַר'מסר'ט, זי האָט מיר גלאַט אַזוי דער־צעהלט.

— אָבער וואָס האָט זי דיר צו דערצעהלען?

— וועמען דען זאָל זי דערצעהלען? — האָט זיך מלכה אָנגע־נומען פאַר לאה'ן — זי זאָל געהן דערצעהלען פרעמדע? איך בין דאָך צו איהר אַזוי ווי א שוועסטער און ווי א מאַמע. לאה איז דיר טאַקע א שונא, וואָס מיינסטו!

דזשאָו האָט זיך אויפגעשטעלט.

— געה אַריין אין הויז צו איהר מיט'ן קינד — האָט מלכה געזאָגט.

— איך בעט דיר ניט קיין עצות און זאָג מיר ניט קיין דעות!

— האָט דזשאָו אָנגעשריען אויף זיין שוועסטער — מיש זיך ניט!

— ווער דען זאָל זיך מישען? — האָט זיך מלכה ניט אָפּגע־שראָקען פאַר דזשאָו'ס כעס.

— אָלל־רייט, ס'וועט זיין גענוג! — האָט דזשאָו געזאָגט, איז אַרויס פון מלכה'ס הויז און אַראָב אין גאַס.

און דיזעלביגע לאה, וואָס האָט געהאַלטען אין איהר האַנט און האָט געוועלטיגט איבער איהם אין די חתן־כלה־צייט און די גאַנצע צייט ביז ניט גאָר לאַנג צוריק, און געפיהלט, און פּראָסט געזעהן, אַז זי קען טאָן מיט איהם, וואָס זי וויל, האָט זיך איצט געפיהלט געוואַלדיג דערשלאָגען און אומבאהאָלפען. זי האָט דורכ־געלעבט טעג און נעכט פון שרעק און מורא. זי האָט דאָך גע־

וואוסט, אז איצט איז ער דער „יחסן“, זי מיט׳ן קינד העננען אב פון זיין ווילען, פון זיין „גוטסקייט“... ער איז דאך זייער באשיצער און פארזארגער... טאמער ווערט ער, חס ושלום, „שלעכט“, וואס וועט זי דען קענען טאן, וואס וועט ווערען פון איהר מיט׳ן קינד? און איהר איז גאר ניט איינגעפאלען צו געהן מיט איהם „מיט בייזען“, צו רעדען הויך אנטקעגען איהם, פרובירען איהם „באַ־סעווען“ — דאס האט זי קיינמאל ניט געקענט. מלכה׳ס עצה איז געווען, אז זי, לאה, זאל זיין צו דזשאו׳ן „גוט“, איהם צערטלען און לאשצען, וועט ער מוזען ווערען אנדערש. מלכה האט געוואוסט, אז דזשאו איז פון דער נאטור א גוטער יונג. אין איהר שרעק האט לאה געפרובירט פאלגען מלכה׳ן, אבער איהר איז דאס אנ־געקומען גאנץ שווער; לאה האט ניט געקענט שפילען קיין ראלע, און דער „דזשאב“ איז ניט ארויסגעקומען נאטירליך.

— געה ניט אוועק דזשאו, בלייב אין דער היים — האט לאה געזאגט איין אבענד, מיט א „געמאכטען“ ווייכען קול פון געבעט — מיר איז אזוי אומעטיג, אז דו געהסט אוועק, איך קען ניט זיין אין הויז.

אין אן אנדער אבענד איז לאה געגאנגען נאך ווייטער מיט איהר „שפילען“. זי האט זיך נאך סאפער אוועקגעזעצט ביי דזשאו׳ן אויפ׳ן שויס, ארומגענומען זיין האלז מיט איהרע ביידע ארעמס און ארויפגעלעגט איהר באק אויף זיין פנים... אבער זי האט איצט ניט געטראפען יענעם דזשאו פון אמאל, ווען ער פלעגט איהר ארויפנעמען צו זיך בשעת ער איז געווען ווילד פון ליעבע, און ער פלעגט ניט פארגינען זיך ריהרען איהר מיט זיינע גרויסע פאר־הארטעווע הענט. און ער האט ניט געוואוסט, וואס צו רעדען, קיין ווערטער ניט געפינען ארויסצוזאגען איהר, ווי גרויס זיין ליעבע איז... איצט איז לאה׳ס אוועקזעצען זיך ביי איהם אויפ׳ן שויס ניט געווען קיין יום טוב ביי דזשאו׳ן...

דזשאו האט געמאכט דעם אנפאנג און דערנאך איז איהם שוין אוועקגעגאנגען פיעל גרינגער. ער האט שוין ניט געווארט אויפ׳ן שבת אדער זונטאג. אין מיטען מיטוואך פלעגט ער זיך

נאָך סאָפּער אויספּוצען, ווי צו א חתונה און אוועקגעהן אין וואַפּ־נער'ס אקעדעמיע. ער איז דאָרט גיך געוואָרען א „סטאַר“.

לאה האָט געלעבט אין שטענדיגען שרעק. זי האָט ניט גע־קענט פאַרשטעהן, וואוהין דזשאָו געהט אוועק אזוי אָפט ביז א שטיק אין דער נאַכט... ניט אַנדערש, ער האָט ערגעץ א געליב־טע, מיט וועלכע ער פאַרברענגט... וואו דען האַלט ער זיך אויף? און צו וואָס פּוצט ער זיך אזוי אוים? לאה האָט ניט געקאָנט פאַרשטעלען זיך, אז דזשאָו געהט אוועק טאַנצען, וואָרים זי האָט גאָר ניט געוואוסט, אז דזשאָו קען די קונסט. איז ניט אַנדערש, אז ער האָט „וועמען עס איז“... וואָס זאָל זי טאָן, און ווי זאָל זי זיך באַגעהן!... ביי לאה'ן איז אויסגעקומען, אז מיט סטראַ־שונקעס און קריגערייען וועט זי זיך נאָך ערגער מאַכען... פון וואַ־נען ווייס זי, אז ווען זי וועט אָנהויבען מיט איהם קריגען זיך, וועט ער גאָר אין גאַנצען ניט אוועקוואַרפען איהר מיט'ן קינד און אוועקגעהן אָדער אַנטלויפען מיט „יענע“?... זי וועט איהם בעסער ניט „קריכען אין די ביינער“. זי מוז זעהן וואָס זי האָט צו טאָן, אזוי אז זי זאָל זיך ניט ערגער מאַכען. זי ווייס אבער ניט וואָס צו טאָן, ווי אָנצוהויבען געהן אַרום דעם.

— זאָג מיר, וואו געהסטו אוועק אויף אזוי לאַנג? — האָט זיך לאה געבעטען ביי דזשאָו'ן.

— וואָס מאַכט דיר אוים? וואָס אַרט דיר? — פלעגט איהר דזשאָו אָב'פּטר'ען און זיך געהן זיין וועג.

און אויך די „פיידע“ דזשאָו'ס האָט גענומען שטאַרק אונ־טערהינקען. קיין פאַרקלעפּטען „ענוועלאָפּ“ האָט שוין לאה מעהר ניין די אויגען ניט אָנגעזעהן. דזשאָו האָט איינגעפיהרט א נייע מאָדע: ער נעמט שוין מעהר ביי לאה'ן ניט קיין קליין געלט אלע טאָג אויף הוצאות, ווי אין די ערשטע צייטען. שבת נעמט ער אראָפּ פון די ווייזדזשעס א ניש־קשה'דיגע מטבע פאַר זיך. זיין הוצאה איז ניט דער ערך גרעסער, ווי געווען, די אקעדעמי קאָסט געלט: „דרינקס“, קענדי, סענדוויטשעס, געוויסע זאַכען, וואָס באַ־לאַנגען צום נויטיגען פּוץ. אז עס קומט צו רענט, איז ניטאָ גענוג

געלט; מאַן און ווייב רייסען זיך אַרום; ער וואַרפט איהר אויף, אַז ביי איהר געהט אַוועק צופיעל געלט. און אַז ס'האָט זיך גע־מאַכט, ס'קינד איז קראַנק געוועזן און די רענט איז גראַד אונ־טערגעקומען, איז לאה'ס דימענטענער רינג אַוועק אין „פּאָון־שאָפּ“.

מלכה קען לאה'ן מיט גאָר ניט העלפען. דזשאָו לאָזט זיך ניט רעדען. ער זידעלט, בריהט אָפּ. און מלכה איז די איינציגע, פאַר וועמען לאה רעדט זיך אָפּ פון האַרצען, וויינט זיך אויס.

מלכה האָט יע געכאַפּט פאַרשטעהן, וואָוהין דזשאָו ווערט פאַרפאַלען, און נאָך דערצו אַן אויסגעפּוצטער. זי האָט חושד גע־ווען, אַז ער האָט זיך צוריק גענומען צום טאַנצען. לאה'ן האָט מלכה ניט געזאָגט פון איהר חשד; זי האָט ניט געוואָלט פאַר־שאַפען לאה'ן קיין שברת הלב. זי וועט נאָך וואַרטען: אפשר וועט ער זיך פאַרט נעמען בעסערען.

— ווייסט וואָס, לאה — זאָגט מלכה אַמאָל — פּרוביר אויפפיה־רען זיך מיט איהם גאַנץ אַנדערש. זעסטאַך, וואָס מעהר דו ביזט גוט צו איהם, ווערט ער אַלץ ערגער. פיינט האָט ער דיר ניט, פאַר דעם דאַרפסטו קיין מורא ניט האָבען. פּרוביר פון איצט אָן זיין צו איהם אַ פרעמדע; אַז ער וועט דיר וועלען אָנריהרען, טרייב איהם אַוועק, אַזוי ווי ער וואָלט געוועזן דיינער אַ פרעמדער, ער איז ניט דיין מאַן און אַ סוף, דו קענסט איהם גאָר ניט. גיב איהם עסען, גרייט איהם צו וועש, אָבער אַזוי, אַז ער וועט אָנהויבען מיט אַנדערע שטיק, לאָז זיך ניט. יאָג איהם אַוועק פון זיך, ווי אַ הונט. וועסט זעהן, ער וועט מוזען ווערען אַן אַנדער מענש. איך וואָלט דיר געזאָגט, זאָלסט זיך היינטיגע נאַכט גאָר לעגען שלאָפען אויפ'ן לאָונדזש.

לאה איז ניט געוועזן באַגייסטערט פאַר מלכה'ס פּלאַן, מיט איהר געוועהנליכער שרעק און מורא, זי זאָל זיך ניט מאַכען ער־גער... זי האָט אָבער צוגעזאָגט מלכה'ן, אַז זי וועט „טרייען“ טאָן, ווי זי הייסט איהר. און אפשר וועט דאָס טאַקע העלפען!

אויפ'ן „לאָונדזש“ האָט זיך לאה ניט געלעגט — זי האָט ניט געקענט פועל'ן ביי זיך טאָן אַזאַ זאַך, נאָר פאַר'ן איינשלאָפען,

אז דזשאַו האָט איהר אַרומגענומען און געוואָלט איהר צוציהען צו זיך, האָט זי אוועקגעשטופּט זיין אַרעם און זיך אוועקגעצויגען האַרטער צום וואַנט, און צוזאַמענגעמענדיג איהר גאַנצען מוטה מיט אַלע איהרע כחות, האָט זי שטרענג געזאָגט:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגען מיר אָנריהרען, אויב דו ווילסט דאָ ניט האָבען אַ סקאַנדאַל אין מיטען נאַכט. מיר זיינען זיך נאָר נישט איינע די אַנדערע.

דזשאַו איז געבליבען ליגען אַ פאַרפּלעפטער. וואָס איז דאָס? געפיהלט האָט דזשאַו ביי זיך, אַז ער האָט זיך דאָס גאַנץ כשר פאַרדינט, נאָר ער האָט זיך דאָס ניט געוואָלט צוגעבען, און גע־טראַכט, אַז ער וועט זיך דערפאַר מיט איהר אָפּרעכענען.

נאָכ׳ן אָפּזאָגען דעם פּסוק, האָט לאה געפיהלט, ווי איהר האַרץ וואַרפט זיך אַרום אין איהר, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער... האָט זי דאָס גערארפט טאָן?... האָט זי אָפּטמאָל אין גאַנצען ניט „איבער־געפיהרט“ מיט איהרע רייד?...

אַז פון דזשאַו׳ן איז אוועק די איבערראַשונג פון לאה׳ס אָפּ־בריען איהם, האָט ער ווידער אויסגעשטרעקט צו איהר זיין אַרעם.

איצט האָט זיך פון לאה׳ן אַ שפּאַר געטאָן אַ געוויין, אַ יאָמער. זי האָט זיך אוועקגעזעצט און זיך פאַרוואָרגען מיט אַ כליפּען, זיך ווידער אוועקגעלייגט.

— דזשאַו — האָט לאה גערעדט און געוויינט — איך וועל מאַכען אַ סוף פון זיך אַליין, איכ׳ל זיך מאַכען דעם טויט, איך קען מעהר ניט לעבען. וואָס ווילסטו האָבען פון מיר? זאָג מיר, וואָס האָב איך דיר געטאָן?

לאה האָט געוויינט. דזשאַו האָט זיך דערשראָקען און גע־שוויגען און געוואַרט... זייט ער קען לאה׳ן, האָט ער איהר נאָך אין אַזאַ אויסברוך ניט געזעהן...

לאה האָט זיך אַביסעל אויסגעוויינט און ווייטער גערעדט; אין אָנפאַנג קלאָר, דערנאָך ווידער אויסגעמישט מיט געוויין:

— אַ סוף! זאָג מיר, אַז דו ווילסט מיר ניט, אַז דו האָסט מיר פיינט מיט׳ן קינד, איבערגעוואַלד וועל איך דיר ניט האַלטען!...

איך ווייס, אז דו האָסט אַן אַנדערע, וואָס דו געהסט צו איהר אוועק, וועל איך נעמען און מאַכען אַ סוף פון מיין לעבען צוזאַמען מיט'ן קינד'ס! קיין גוטס וועט שוין ניט ארויסקומען!

דזשאָו איז געווען שטארק צושראָקען פון לאה'ס רייד: זי מיינט, אז ער האָט ערגעץ אנאנדערע... זי וויל זיך מאַכען דעם טוידט און דעם קינד אויך... זי קען דאָס טאָן — ער ווייס, אז לאה איז אמאָל אַן עקשנ'טע... און ס'טרעפען גענוג אזעלכע געשיכטעס .

דזשאָו האָט אויסגערעכענט זיין גאַנצען אויפטו און איינגעזעהן, אז ער איז אומגערעכט, אז ער איז זיך באַגאַנגען שלעכט, מיאוס... ווי פּאַסט דאָס גאַר פאַר אַ מאַן, אַ פאָטער פון אַ קינד, פארברענגען גאַנצע נעכט אין דענסינג אקעדעמי, און פארשאַפען לאה'ן אזעלכע יסורים!... זי מיינט, אז ער האָט אַן אַנדערע — און פאַר וואָס זאָל זי ניט מיינען? אַן אַנדערע אויף איהר אָרט וואָלט אויך ניט בעסער געווען! ער קען נאָך ווערען אַ מענש, איידער עס וועט זיין צו שפּעט... און דזשאָו'ן האָט זיך פארגעשטעלט אַ שרעקליך בילד: ער קומט אהיים שפּעט אין דער נאַכט פון וואַפּנער'ס אקעדעמי, טרעפט ער די סטריט שווארץ פון מענשען, און אַן אמבולאַנס שטעהט אין מיטען... ער שטופּט זיך דורך — אין זיין הויז שטעהט אַ פּאָליסמאַן מיט אַ דאָקטאָר אנגעטאָן אין ווייסען... לאה מיט'ן קינד ליגען אין קיך אויפ'ן פלאָר... די קיך איז נאָך פול מיט געז... לאה האָט נאָך איבערגעלאָזען אַ לעטער, פאַר וואָס זי האָט דאָס געטאָן; און מלכה, אַ קלאָגעדיגע, ווייזט אָן אויף איהם: ער, ער האָט דאָס געטאָן! ער איז דער מערדער! איבער איהם זיינען זיי געגאַנגען יונגינקע פון דער וועלט... ער קען דאָס נאָך פארהיטען איידער ס'וועט זיין צו שפּעט...

ער האָט געפיהלט לעבען זיך לאה'ס קערפּער, און ער איז געוואָרען רוהיגער, וואָס דאָ ליגט די לעבעדיגע לאה... ער האָט זיך אַרומגעבויגען און זיך צוגעהערט צום קינד'ס אָטעמען אין קערידאָש... ער האָט זיך דערפיהלט אַ סך גרינגער... אוים! נאָ מאָר! ער האָט אין דער ערד די דענסינג־אקעדעמי, מיט וואַפּנער'ן

צוזאמען, מיט עדדי'ן אויך, און מיט דעם גאנצען „קראוד" דארטען — ער וועט זיי מעהר ניט אַנקוקען!

ער האָט ארומגענומען לאה'ן מיטביידע ארעמס און איהר צוגעצויגען צו זיך...

לאה האָט שוין געדרעמעלט. זי האָט א לייכטען ציטער געטאָן, און זיך צוגעטוליעט צו דזשאָו'ן, באהאלטען איהר פּנים אויף זיין ברוסט, און זיך שטיל און ווארעם צואווייגט פון דאס ניי. דזשאָו האָט לאה'ן געקושט, געגלעט און געצערטעלט, געבעטען איהר, זי זאָל אויפהערען וויינען, בארוהיגען זיך... וואָס איז געווען, איז געווען, ער האָט חרטה... פון איצט אָן וועט שוין אלץ זיין גוט. געבעטען זיך, זי זאָל זיך ארויסשלאָגען פון זינען, אז ער האָט אן אנדערע, ער וואָלט קיין פרוי אין דער וועלט ניט פארביטען אויף לאה'ס מינדסטען נאָגעל... ער פלעגט אוועקגעהן גלאט אזוי אין ערגעץ ניט, צו מואווינג־פיקטשורס — ער וועט איהר נאָך דערצעהלען... זאָגען לאה'ן דעם אמת, האָט דזשאָו ניט געקענט; ער האָט זיך אי געשעהמט, אי ניט געוואָלט, זי זאָל דערפון וויסען.

דזשאָו האָט געמיינט מיט'ן גאנצען הארצען צו ווערען גוט און פרום, ניט געמיינט אָפּצונארען לאה'ן אדער „איינצונעמען" איהר מיט גוטע רייד. און לאה האָט איהם געגלויבט... זי האָט געקאָנט דזשאָו'ן און זי האָט פארשטאנען, אז ער רעדט איצט צו איהר עהרליך.

זיי זיינען איינגעשלאָפען א ליעבענדע פּאָר.

מלכה איז אריינגעקומען באלד אין דער פריה „זעהן וואָס עס הערט זיך", און זי האָט געטראָפען לאה'ן א מונטערע, אן „אויפגעראמטע". מלכה האָט פארשטאנען, אז עס געהט אויף א דרך. איהר האָט זיך געווים געוואָלט וויסען אקוראט, ווי עס איז פארגעקומען מיט אלע איינצעלהייטען. לאה איז אבער ניט געווען קיין „פּלאפּלערקע", און מלכה האָט דאָס געוואוסט, האָט זי זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט דעם, וואָס זי האָט געזעהן און מיט לאה'ס קורצען „אללרייט". מלכה האָט זיך שטארק געפרעהט, וואָס

עס געהט צום בעסערען, און וואס איהר עצה, אז לאה זאל זיין צו דזשאו'ן „פרעמד", ניט צולאזען איהם צו זיך — האט גע־האלפען.

12

דזשאו האט געהאלטען ווארט און איז געווארען אן אמת'ער בעל תשובה. די גאנצע וואך איז ער געזעסען יעדען אבענד אין הויז. גוט איז איהם, פארשטעהט זיך, ניט געווען; ער האט ניט געהאט וואס צו טאן מיט זיך. ער האט געפּרובירט לייענען א ציימונג, האט ער דערצו קיין געדולד ניט געהאט. ער האט זיך געקייקעלט אויפ'ן סאפע, איבערגעזעסען אויף עטליכע שטולען, און ווידער אויפ'ן סאפע. זיין נשמה איז געווען אין וואפנער'ס ליכטיגע, פרעהליכע אקעדעמי... די מוזיק שפּילט און די פּארלאך טאנצען... ער זעהט וואפנער'ן און עדדי'ן און דעם גאנצען „קראוד"... דזשאו האט טיעף געליטען און זיך „צוגעהאלטען". ער האט ניט פארגעסען לאה'ס רייד פון יענער נאכט...

שבת נאכמיטאג איז ער אויך געבליבען אין הויז, נאר אז עס איז געקומען דער אבענד, האט ער שוין גענומען מורא האבען, אז ער וועט ניט אויסהאלטען... און ער האט געבעטען לאה'ן, זי זאל געהן מיט איהם צו מואווינג־פּיקטשורס. לאה וואלט זיכער מיט איהם געגאנגען, האט זי אבער ניט געהאט וואו איבערצולאזען ס'קינד; ביי מלכה'ן אין הויז איז קיינער ניט געווען, דארט איז געווען צוגעשלאסען און פינסטער, און מיטנעמען ס'קינד צו מוא־ווינג־פּיקטשורס — דאס האט לאה קיינמאל ניט געטאן: דערנאך איז א גאנצער עסק: אדער ס'קינד וויינט און מ'מוז געהן אהיים אין מיטען דערינען, אדער עס שלאפט איין, און זי וועט זיך ניט טראגען ביינאכט מיט א שלאפעדיג קינד פון מואווינג פּיקטשורס. אנדערע מעגען דאס טאן; לאה וויל דאס ניט.

— געה אליין — האט לאה איהם געהייסען.

אין דזשאו'ס קאפּ האט דורכגעשוועבט א געדאנק: — ער וועט זיך אריינכאפּען אויף א ווייל צו וואפנער'ן, ניט אויף לאנג.

אויף א שעה, צוויי... און קומען אהיים... אבער ניין!... ער וועט דאס ניט טאן!...

— איך וועל ניט געהן — האט ער געזאגט אנטשלאסען — און ער איז ניט געגאנגען. ער האט זיך געלעגט אויפ'ן סאפע, און נאך א שעהנע ווײלע זיך מאטערענדיג איינצושלאפען, איז ער ענדליך ארײנגעפאלען אין א דרעמל, שוועבענדיג אין וואפנער'ס פרעהליכען גן־עדן.

לאה'ס הארץ האט געציטערט פון פרייד.

אבער דער שלום בית האט לאנג ניט אנגעהאלטען. צו שוואך איז דער קרעפטיגער דזשאו געווען בייצושטעהן דעם פיעל שטאר־קערען יצר־הרע צום טאנצען, וועלכער האט זיך מיט איהם געררייצט, געהאלטען אלע נאכט פאר זיינע אויגען וואפנער'ס אקעדעמי, געשפיעלט איהם אין די אויערען ארײן, געשלעפט איהם און גע־שטויסען אהין... ער האט געמוזט צוגעהן כאטש א קוק טאן פון דרויסען...

געווען איז דאס א שבת־ביי־נאכט. לאה איז געווען מיט'ן קינד ביי מלכה'ן אין הויז. דזשאו איז אהין ארײן, און געזאגט לאה'ן, אז ער געהט אראפ אויף א פאר מינוט, און שנעל ארויס־געגאנגען. ער האט זיך אוועקגעלאזט צו וואפנער'ן „א קוק טאן", און דערזעהענדיג פון ווייטען די פרעהליכע, ליכטיגע פענסטער, איז זיין בלוט אויפגערעגט, אויפגעטרייסעלט געווארען... ער האט זיך ניט אפגעשטעלט „קוקען". ער איז באלד ארויף אויבען.

פון „העט־טשעק" איז שוין דזשאו לאנג פטור געווען, און דער טיהר שטעהער האט מיט דרך ארץ איהם אפגעטראטען דעם וועג.

עדדי איז געקומען דזשאו'ן אנטקעגען און איהם מקבל פנים געווען מיט גרויס שמחה. דזשאו איז געווען דעם „טשיעפס" א נאהענטער פריינד, און האט געהאלטען אין ווערען א זייל פון דעם פלאץ, און עדדי איז געווען דעם „טשיפס" געטרייער „אסיסטענט". דזשאו'ס פלוצלינגער פארפאלען ווערען האט זיי ביידען פאר־שאפט פיעל פארדרוס. איצט, אז דזשאו האט זיך באוויזען, האט

עדרי גענומען ארומזוכען וואפנער'ן, אנזאגען איהם די שמחה. לאנג זוכען האט ער איהם ניט געדארפט, עדרי האט געוואוסט, אז אויב וואפנער איז ניטא אויפ'ן פלאר, געפינט ער זיך „דאון־סטערז" ביים „באר", וואַרפענדיג „דייז" אויף דרינקס. וואפנער האט געהייסען אראפשיקען דזשאו'ן צו איהם, און אז דזשאו האט זיך באוויזען, האט ער איהם דערלאנגט א ברייטען שלום עליכם מיט א העללאו, מיט א האודו יו דו און געענדיגט מיט א „והאט וויל יו העוו?"

וואפנער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט, וואס דער מעהר איז געווען מיט דזשאו'ן, פאר וואס ער האט זיך אזא צייט ניט געוויזען. דזשאו האט ניט געהאט אנגעגרייט קיין תירוץ, און דעם אמת וועט ער דאך ניט דערצעהלען! האט ער נעבאך געשוויגען. זיי זיינען ארויף „אפסטערז" און אין א ווייַלע ארום איז דזשאו פאר־פאלען געווארען אין טאנץ.

גאר פרעהליך אויפ'ן הארצען אין דזשאו'ן ניט געווען דורך אלע זיינע טענץ היינטיגען אבענד: עפעס האט אין איהם געבי־סען און איהם אויפגעווארפען, אז ער געפינט זיך אין א דענסינג־אקעדעמי... און שפעטער!... ער האט געוואלט פארטאנצען דעם געוויסען און די שטילע מורא, נאר דאס האט זיך איהם ניט איינ־געגעבען... ער האט אויף א מינוט ניט געקאנט פארגעסען, וואו ער געפינט זיך

געהענדיג אהיים האט זיך דזשאו געפיהלט פיעל ערגער, ווי ביים טאנץ; דארט איז ער דאך ווי ניט איז געווען אביסעל פאר־טומעלט; איצט האט ער דערפיהלט די גאנצע עולה, וואס ער איז באגאנגען... ווי ניט שעהן, ווי אומגערעכט, ווי מיאוס ער האט היינט געהאנדעלט... וואס וועט ער זאגען, וואס וועט ער טאן!... ער איז א פארפאלענער... און מיט אמאל איז איהם איינגעפאלען צו מאכען זיך גערעכט... געפיהלט האט ער טאקע, אז ער איז ניט גערעכט, נאר ער האט זיך דאס געוואלט איינרעדען, כדי ס'זאל איהם ניט אזוי וועה טאן... ווען האט ער דא אומגליקליך גע־מאכט, אז ער איז געווען אין אקעדעמי!... וואס האט ער דא אזוינס

אפגעטאן!... און זייענדיג ביי זיך כלומר'שט גערעכט, האט זיך איהם געוואלט זיין אין כעס אויף לאה'ן... וואס וויל זי פון איהם האבען! וואס האט זי זיך אן איהם אנגעטשעפעט!... ער וועט מאכען א סוף פון איהר זאגען איהם דעות, וואס ער זאל טאן!... ער וועט איהר ניט לאזען באסעווען איבער איהם! און אנקלאפענדיג אין טהיר, איז ער שוין געווען ווייט אריין אין זיין „כעס“. לאה האט געעפענט די טהיר און גיך פארשוואונדען אין בעד־רום, און איידער דזשאו האט נאך צייט געהאט צו פארמאכען און אראפלאזען דעם „פעטענט“, האט זיך אריינגעכאפט אין הויז מלכה.

מלכה האט אייגענטליך געוואלטווארטען אויף דזשאו'ן ביי לאה'ן אין הויז. זי איז געווען אן אנגעצונדענע פון כעס און האט זיך געריכט דערלאנגען דזשאו'ן א ריכטיגע גאב, אז ער זאל האבען צו געדענקען. וואס האט זי מורא פאר איהם? זי וועט איהם נאך גוט אנפאטשען אויך, אז ער וועט אנהויבען מיט זיינע שטיק. נאר לאה האט דאס ניט געוואלט האבען — זי קען זיך נאך ערגער מאכען — און קוים ארויסגעבעטען מלכה'ן פון איהר הויז. מלכה האט זיך אבער ניט געלעגט שלאפען. זי איז געזעסען ביי זיך אין קיך און געהאלטען איהר טהיר אביסעלע אפען און געווארט אויף דזשאו'ן.

— אזא יאהר אויף דיר, ווי שעהן און ווי פיין דו פיהרסט זיך אויף — האט מלכה אנגעהויבען דערלאנגען דזשאו'ן — מיינסט, איך וויים ניט, וואו דו ביזט געווען און וואו דו געהסט אוועק! ווארט! וועסט אויסקרענקען! לאזט איבער א ווייב מיט א קינד און ליגסט אב א גאנצע נאכט אין דענצען סקוהל. א באיטשיק געווארען!

דערהערענדיג דעם אמת, איז דזשאו געווארען אן אויפגעקאכטער מיט כעס.

— וואס איז דאס דיינע ביזנעס, און ווער בעט דיך, דו זאלסט מיר זאגען דעות! — האט דזשאו צוריק געשריען — געה פון וואנען דו ביזט געקומען! איך פרעג ביי דיר ניט, וואס צו טאן!

— ביזטווערט, מען זאָל דיר צושפּאַלטען דעם קאָפּ! — האָט מלכה געשריען — אז איך וואָלט געוועזן לאה, וואָלט דיין פוס ביי מיר אין הויז ניט געוועזן.

— פאר וואס שפּאַלסטו ניט? געה פון דאנען! לאָז מיר זיך לעגען שלאָפען.

— ווארט! וועסט נאָך זעהן, וואס דאָ וועט זיין! — האָט מלכה איהם געסטראשעט מיט'ן פינגער און ארויסגעגאנגען.

לאה איז געלעגען אין בעט און זיך צוגעהערט צו דער קריגע־ריי, און זי האָט געפיהלט אז מלכה טוט איהר א קנאפּע טובה.

דזשאו האָט זיך אויסגעטאָן אין קיך... געזעסען א ווייל, און ניט געגאנגען שלאָפען אין בעט. ער האָט געוואָלט ווייזען אז ער איז אין כעס אויף לאה'ן, נאר אין דער אמת'ן האָט ער זיך גע־שעמט... עפּעס מורא געהאט... און ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן סאָפע...

13

מלכה'ן האָט ניט אָפּגעלאָזט דער כעס און זי האָט ביי זיך אָפּגעמאכט צו מאכען א סוף פון דזשאָו'ס טאַנצען; און זי האָט זיך דערטראכט צו א גוטען פּלאן. זונטאג ביי־נאכט האָט זי אָפּ־געהיט דזשאָו'ן, ווען ער איז ארויס פון הויז, און זי האָט זיך אוועקגעלאָזט נאָך איהם; זי איז איהם נאָכגעגאנגען אין די טור־מעלדיגע גאס, נאָכגעגדרעהט זיך נאָך איהם אין אלע קארנערס, ביז זי האָט איהם דערשפּירט ארויפגעהענדיג אין וואפּנער'ס אקעדעמי.

דעם גאנצען טאָג זונטאג האָט דזשאָו ניט אויסגערעדט א וואָרט צו לאה'ן; זי צו איהם האָט אויך ניט גערעדט. לאה איז געווען פארביטערט, אין איהר הארצען האָט עס געשניטען, ווי מיט מעסער'ס, און זי האָט זיך מיט אלע כחות איינגעהאלטען פון קלאַ־גען... דזשאָו האָט זיך דורכ'ן טאָג מיאָש געוועזן פון זיך אליין, איז ער האָט געוואוסט, אז ער איז „ניט קיין מענש"... וואס עס וועט זיין, ארט איהם שוין ניט... ער איז געווען אין כעס אויף לאה'ן און אויף זיך...

א רעכטע ווײַלע נאָך דזשאָו׳ס אוועקגעהן, איז האסטיג אַרײַנגעקומען מלכה און געטראָפען לאה׳ן ווײנענדיג שטיל.

— טו אָן עפּעס אויף זיך — האָט מלכה געזאָגט א פּארסאַפּעטע — און קום מיט מיר! איך בין דערגאנגען וואו ער איז.

— מיט וועמען? — האָט לאה אויסגערופען מיט געוויין און שרעק.

— ער איז אין דענצען סקול — האָט מלכה דערצעהלט לאה׳ן — איך האָב איהם געזעהן ארויסגעהענדיג, ס׳איז אין עווענין איי! קום לאָמיר איהם דארטען ביידע מאכען א מפּלה, ער זאָל שוין פארזאָגען א צעהנטען.

דערהערענדיג, אז דזשאָו איז אין דענסינג סקול, איז לאה׳ן ניט גרינגער געווארען. געמיינט האָט זי, אז ער געהט אוועק ערגעץ פארברענגען מיט אנאנדער פרוי — און אין דענסינג סקול זיינען דאָך פאראן א סך, א סך...

— מוזט געהן! — האָט מלכה ווייטער געזאָגט — מיר מוזען היינט מאכען א סוף פון זיין טאנצען, ער זאָל מעהר ניט טרעפען דעם וועג אהין.

לאה האָט אבער ניט געוואָלט הערען פון מלכה׳ס מאדנעם פּלאן... ווי וועט זי דאָס קענען טאָן אזא זאך! ארויסקומען מיט א סקאנדאל? ניין! ניין! לאה האָט אויפגעשווידערט. זי קען אזא זאך ניט טאָן, ווען זי זאָל אפילו וויסען און זיכער זיין, אז זי וועט דערפון גליקליך ווערען... און ווי זי שטעלט זיך פאָר, מוז אזא אויפטו מאכען איהר פיעל, פיעל ערגער...

מלכה האָט ארײַנגעג׳טענה׳ט מיט לאה׳ן, „אויפגעוויזען“ איהר, אז זי מוז דאָס טאָן, אויב זי וויל, אז דזשאָו זאָל צוריק ווערען א מענש; נאר זי האָט איינגעזעהן, אז זי וועט מיט לאה׳ן גאָר ניט אויספיהרען. זי איז ארויס פון הויז און זיך געלאָזט לויפען אהין אליין — זי מוז איהם היינט אויפשפּילען די חתונה.

לאה האָט געוואָלט אָפּהאלטען מלכה׳ן, זי זאָל ניט געהן, און איז איהר נאָכגעלאָפען ביז׳ן ערשטען פלאָר, און האָט זיך געמוזט אומקערען צוריק — ס׳קינד איז געוועזן אליין אין הויז.

מלכה איז ארויף די טרעפּ צו וואַפנער'ס אקעדעמי און זיך געלאָזט געהן אהין. דער טיר־שטעהער האָט איהר געוואָלט אָפּהאַלטען. זי האָט איהם דערלאנגט מיט א זייט א שטויס אוועק און אריין אינוועניג. עס איז גראד געווען אין רעכטען מיטען פון א טאנץ. וואַפנער און עדדי זיינען געשטאנען ביים וואַנט, ניט ווייט פון טהיר, פארטאָן אין אן ערנסטען געשפּרעך, און דערזעהענדיג פלוצלינג אן עלטערע פרוי מיט א פּאטשיילע איבער'ן קאָפּ. האָט זיך וואַפנער דערשראָקען און זיך געריכט אויף „טראַבעל". ער האָט שוין א סך מאָל געהאט אזעלכע געסט, וואָס זיינען געקומען דארט זוכען וועמען זיי האָבען געדארפט, און געענדיגט האָט זיך דאָס אלע מאָל מיט א סקאנדאל, ניט זעלטען מיט א פּאָליסמאַן, און דער אבענד איז שוין געווען א דער'הרג'טער.

— וועמען זוכט איהר? — האָט וואַפנער געפרעגט מלכה'ן.

עדדי האָט זיך געשטעלט ביי מלכה'ס צווייטע זייט.

מלכה האָט ניט געענטפערט, גענומען געהן ווייטער ארויף אין זאַל און געזוכט. זי האָט דערזעהן דזשאָו'ן שוועבענדיג פון יענער זייט, האלטענדיג א מיידעל פעסט צו זיך...

דזשאָו האָט דערזעהן מלכה'ן און ער האָט אָפּגעלאָזט די מיידעל, וועלכע איז געבליבען שטעהן א פארוואונדערטע.

— וואָס ווילסטו דאָ? — האָט דזשאָו געפרעגט מלכה'ן, און ער האָט אזש געציטערט מיט הענט און פיס פון אויפרעגונג.

וואַפנער און עדדי האָבען פון זיי ניט אָפּגעטראָטען.

— וואָס איך וויל! — האָט מלכה געברענט פון צאָרן — איך וויל זאָלסט זיצען אין דער היים מיט דיין ווייב און קינד און ניט אָפּליגען גאנצע נעכט אין דענצען סקול.

— ששש! — האָט זיך וואַפנער געבעטען ביי מלכה'ן.

דערווייל האָבען די פּארלאך דערהערט און דערזעהן דעם טורמעל; איינציגווייז האָבען אויפגעהערט די טענץ, און מען האָט זיך ארומגעקליבען אין א רעדעל ארום די מחותנים.

דזשאָו איז געשטאנען מעהר טויט איידער לעבעדיג.

— דזשאָו, גאָ האָם — האָט וואַפנער געבעטען.

— זי האָט אויף מיר קיין דעה ניט צו זאָגען — האָט דזשאָו פאר'מסר'ט מלכה'ן פאר וואַפנער'ן — איך פרעג ניט ביי איהר און ס'איז ניט איהרע ביזנעס ווערט איי וואָנט טו גאָ! ווער האָט איהר געבעטען, זי זאָל אהער קומען?!

— ווער איז דאָ דער באָס? — האָט מלכה געפרעגט און זיך ארומגעקוקט.

— נעוועך מאַינד דער באָס — האָט וואַפנער געזאָגט, א רעכט ביסעל דערשראָקען — דזשאָו, גאָ האָם.

— איך וויל זעהן דעם באָס! — האָט מלכה געשריען — ער זאָל איהם דאָ ניט אריינלאָזען! ער האָט א ווייב מיט א קינד, מ'טאָר איהם דאָ ניט אריינלאָזען!

דזשאָו האָט זיך קיינמאָל ניט באַריהמט פאר די טענצער און טענצערקעס, אז ער האָט א ווייב מיט א קינד... זיין פּנים האָט געברענט, ווי א פייער; ער האָט ניט געוואוסט וואו צו האַלטען די אויגען פון יסורים און חרפּה.

— טייק יור העט ענד גאָ האָם — האָט וואַפנער ווידער גע־בעטען זיין פריינד — טייק נאָ רעקעט אין דהי פּליים.

וואַפנער האָט גענומען דזשאָו'ן ביים ארעם און געגאַנגען מיט איהם נעמען זיין העט. מלכה האָט זיי ניט געטרויט, און גע־ווארט ביז דזשאָו האָט גענומען געהן ארונטער די טרעפּ; דערנאָך איז זי איהם נאָכגעגאַנגען. וואַפנער האָט געשיקט עדדי'ן באַגלייטען זיי ביז'ן דרויסען. ער האָט געוואָלט פארהיטען פון א נייעם סקאַנ־דאַל אויף די טרעפּ. זאָלען זיי זיין וואָס ווייטער פון זיין „פּליים".

— א קיי — האָט עדדי באריכטעט צו וואַפנער'ן, וועלכער איז געשטאַנען לעבען טיר־שטעהער און געווארט.

מלכה איז אוועק אהיים.

דזשאָו האָט זיך א ווײַלע אַרומגעדרעהט אויפ'ן בלאָק, און דער־נאָך ארויפגעשיקט א באָי, זאָגען וואַפנער'ן, ער זאָל אראָפּגעהן אין סאַלון, ער וויל מיט איהם עפּעס רעדען. ארויפגעהן אויבען האָט דזשאָו איצט ניט געקענט; ער האָט זיך געשעהמט די אויגען צו ווייזען... וואַפנער איז באַלד אראָפּגעקומען, און ער האָט ניט גע־

ווארט דזשאָו זאָל צו איהם רעדען. ער האָט הארציג געבעטען דזשאָו'ן, ער זאָל צו איהם מעהר ניט קומען; ער האָט שוין גענוג צרות געהאט פון אזעלכע געשיכטעס, און זיין אקעדעמי אין ברום סטרים האָט ער געמוזט צומאכען טאקע צוליב אזא פאסירונג. און ער האָט דזשאָו'ן געטרויסט מיט א בלאָף: ער וועט ארום „קריסמעס טיים" עפענען א נייעם פליים אפּטאון, וועט ער דזשאָו'ן דאָרט מאכען פאר א טשינאָוניק; ער וועט לאָזען איהם דזשאָו'ן און עדדי'ן „ראַנען דעם פליים".

וואפנער האָט לאנג ניט פארבראכט מיט דעם דערשלאָגענעם דזשאָו; ער האָט זיך אפילו ניט אינטערעסירט צו וויסען, ווער די אידענע איז; דזשאָו'ס מאמע, צי דזשאָו'ס ווייב, צי זיין שוויגער. ער האָט געוואוסט, אז דזשאָו איז פאר איהם אן אפגעשלאָגענע הושענה. ער האָט געזאָגט דזשאָו'ן א גאנץ קאלטען „גוד־נייט" און ארויף צום אקעדעמי.

דזשאָו איז געבליבען שטעהן אין סאלון, ווי אן אבל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון דער לויה... א געשלאָגענער פון אלע זייטען א פארשעהמטער, א פארטריבענער פון וואפנער'ס אקעדעמי — ער וואָלט שוין ווי סיי ווי סיי ניט געקענט דאָרט ארויפקומען, אז וואפנער זאָל איהם אפילו רופען... ווי וועט ער זיך דאָרט קענען ווייזען!... דזשאָו האָט קיינמאָל קיין בראנפען ניט געטרונקען; ער האָט אָבער געהערט דערצעהלען, אז א שנאפּס פארטרייבט אויף א ווײַלע די צרות, מ'פיהלט זיך בעסער און מ'ווערט פרעה־ליכער — האָט ער געאָרדערט און אויסגעטרונקען א פּאָר גלעז־לאַך בראנפען, און באלד ניט געקענט שטעהן אויף די פיס.

14

אז מלכה איז געקומען צוריק פון וואפנער'ס אקעדעמי, האָט זי געטראָפען לאה'ן מיט א פארבונדענעם קאָפּ און שטארק קרעכ־צענדיג פון א קאָפּ־וועהטאָג, פון וואָס לאה האָט לעצטע צייט שטארק געליטען.

— ער וועט שוין האָבען צו גערענקען — האָט מלכה געזאָגט,

אריינקומענדיג — איך האָב איהם דאָרטען דערלאַנגט, אז איהם איז געוואָרען פינסטער און ביטער.

— צו וואָס האָט איהר דאָס געטאָן? — האָט לאה געקרעכצט,

— ווער ווייסט, וואָס איהר האָט מיר מיט דעם אָנגעמאַכט...

— דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען און זיך ניט שרעקען — האָט מלכה איהר פאַרזיכערט — און איך בין נאָך מיט איהם ניט פאַרטיג; כ'וועל איהם ניט לאָזען ווערען א לויפער און א באָם.

און מלכה האָט דערצעהלט לאה'ן אלץ, וואָס דאָרט איז פאָר־געקומען. לאה האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס יסורים און שרעק פאַר'ן „ערגער"...

דערווייל איז געקומען דזשאָו, מיט א צופאַרעטען, צושוואָומע־נעם פּנים, מיט אויסגעדרעהטע אויגען און שלעפּענדיג די פיס.ביידע פרויען האָבען באַלד „דערהערט" דעם שטאַרקען גערוך פון בראַנפען, וואָס דזשאָו האָט מיט זיך געבראַכט, און זיי האָבען איהם אָנגעקוקט אויפגעציטערטע.

דזשאָו איז אריין אין פראָנט רום, אראָפּגעוואָרפען פון זיך די העט, דעם רעקעל, דעם קאָלנער מיט'ן נעקטיי.

מלכה און לאה זיינען געזעסען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. מיט אמאָל האָבען זיי דערהערט פון פראָנט רום א שרעקליכען געוויין, א משונה'דיגען ברומען, א רעווען ווי פון עפּעס א חיה, ניט פון א מענשען.

לאה איז אויך ארויס מיט א געוויין. דזשאָו'ס ווילדע קולות האָבען אויף איהר ארויפגעוואָרפען אן אימה... זייט זי קען איהם, זעהט זי איצט צום ערשטען מאָל אזא מין דזשאָו. זי איז אריין אין בעד־רום און זיך געלעגט אויפ'ן בעט.

מלכה האָט זיך, אמת, אביסעל געשראָקען, נאָר זי האָט קיין חרטה ניט געהאַט: זאָל ער ווּיסען... זאָל ער וויינען, זאָל ער קרענקען...

דזשאָו איז ארויסגעקומען פון פראָנט רום, צופלאָכטען און צו־שפּילעט ביידע העמדער, די אויבערשע און די אונטערשטע, און צוגעשטאַנען צו מלכה'ן מיט מאָדנע טענות, רייד, וואָס מ'האָט ניט

געקענט פארשטעהן א ווארט, ווייל זיי זיינען געוועזן אויסגעמישט מיט א כליפּען און רעווען.

— מעגסט זיך אויסגראבען א גרוב און זיך באגראבען — האָט מלכה געזאָגט צום שכור'ן דזשאָו — מעהר ווי ווערען א פּיאַניצע פעהלט דיר טאקע ניט צו דיינע מעלות! קום! זי האָט איהם א נעם געטאָן, איהם צוגעפיהרט צו דער סאָפע און איהם אוועק־געלעגט.

דזשאָו האָט נאָך א רעכטע ווײלע געוויינט און געבאָרכעלט, ביז ער איז איינגעשלאָפען. נאר מלכה איז ניט ארוים פון הויז, ביז זי האָט זיך גוט איבערצייגט, אז דזשאָו איז שוין ווייט אין שלאָף. זי האָט א וועק געטאָן לאה'ן, געהייסען איהר צושליסען די טהיר און אריין צו זיך אין הויז.

די גאנצע נאכט האָט דזשאָו אָפּגעשלאָפען אויפ'ן סאָפע, און אז ער האָט זיך אין דער פריה אויפגעכאַפּט, האָט ער אין זיך געפיהלט דעם גאנצען „קאַצעניאַמער" פון די נעכטיגע פּאַסירונ־גען; די געשיכטע מיט מלכה'ן אין וואפּנער'ס אקעדעמי און דעם חלשות אין מויל און אין האלז פון די גלעזלאך בראנפען, צו וואָס ער איז ניט געוועזן צוגעוואוינט. ער איז אויפגעשטאַנען מיט א כעס; דערצו איז נאָך באלד אריינגעקומען מלכה און גענומען איהם אויפוואַרפען, אז ער ווערט אן אמת'ער „לייט"; איצט פּאַסט זיך ריכטיג פאר איהם, ער זאָל אָנהויבען קומען אהיים „שיכור ווי א חזיר".

דערזעהענדיג מלכה'ן, האָט דזשאָו ווידער דערפיהלט דעם גאנצען נעכטיגען בזיון, וואָס זי האָט איהם פארשאַפט ביי וואַפּ־נער'ן, און ער איז אויף איהר אָנגעפאַלען, גענומען טרייבען איהר פון הויז; ער וויל ניט זי זאָל צו איהם קומען, ער וועט איהר שפּאַל־טען דעם קאָפּ — געה פון דאנען!

— מייגסט, מיר ארט פאר דיר? — האָט איהם מלכה געזאָגט מיט בימעדקייט — פון מיינטוועגען מעגסטו געהן מיט'ן קאָפּ אראָפּ אין מיט די פיס ארויף; כ'האָב נאר רחמנות אויף לאה'ן מיט'ן קינד.

— כ'האָב איהר אין דר'ערד מיט דיר צוזאַמען — האָט דזשאָו געשריען — איכ'ל ביי אייך ניט פרעגען, וואו איכ'ל וועלען געהן. ס'פארדריסט מיר, וואָס כ'האָב דיר געבטען ביינאַכט ניט אראָפּגע־ווארפען פון אלע טרעפּ. נייע באַלעבאַטים אויף מיין קאָפּ!

ער איז ארויס פון הויז אָהן פריהשטיק.

דעם גאנצען טאָג האָט דזשאָו'ן ניט אָפּגעלאָזען דער כעס. און ער האָט עפּעס דערקלעהרט: ער וועט אוועקמופען פון מלכה'ן, און אז ער וועט איהר דערזעהן אין זיינע נייע רומס, וועט ער איהר „אונטערהאַקען די פיס".

פון אבענד האָט ער געגעבען לאה'ן א באַפעהל, זי זאָל זוכען רומס און אוועקמופען פון דאנען, אויב זי וויל, ער זאָל קומען אין הויז.

און לאה האָט זיך „געפרעהט" צו הערען פון דזשאָו'ן דעם „אָרדער". ער איז היינט אוועק אָהן פריהשטיק, און זי האָט זיך גענוג אנגעוויינט און איהר האַרץ האָט זיך היינט גענוג געצאַ־פּעלט פון שרעק: אויב ער וועט קומען צו סאַפּער... און דערצו איז נאָך לאה געווען „א בעל שמחה" — זי האָט זיך דערוואוסט, אז זי שוואַנגערט מיט איהר צווייטען קינד...

זיין מאַמע און זיין כלה

ער איז געווען אַ בשותפות׳דיגער: צו זיין מאַמען און צו זיין כלה האָט ער באַלאַנגט. ביידע, די מאַמע און די כלה, האָבען איהם שטאַרק ליעב געהאַט. יעדע פון זיי האָט אַלץ געוואָלט די אַנדערע באַווייזען, אַז זי ליעבט איהם שטאַרקער ווי די אַנדערע.

— נאַרעלע — פלעגט די מאַמע זאָגען צו דער כלה — איך האָב איהם שוין ליעב געהאַט אַ רעכט ביסעל יאָהרען איידער דו האָסט איהם נאָך אפילו געקענט.

— מיין ליעבע איז אינגער, דערפאַר איז זי שטאַרקער — איז געווען דער כלה׳ס ענטפער.

ס׳איז שווער צו זאָגען, ווער פון זיי ביידע ס׳האָט איהם שטאַרקער געליעבט. זייער ביידענס ליעבע איז געווען אמת און היים.

די מאַמע און די כלה פלעגען אָפט רעדען וועגען דעם און זיך וואונדערען, ווי ס׳לעבען איבער די מאַמעס און די כלות, דאָרטען אין איירופּא, אזא שרעקליכע זאַך, אז דער זוהן, דער חתן, געהט אין דער מלחמה אוועק; און דערנאָך, אַז ס׳קומט אָן די ידיעה, אז ער איז געפאַלען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. ביידע האָבען זיי גע־זאָגט, אז זיי וואָלטען מיט איהם, דעם זוהן, דעם חתן, מיטגע־גאַנגען, אויב ער וואָלט געמוזט צום שלאַכטפעלד געהן. און זיי האָבען מורא געהאַט אויף זייערע ליפּען אַרויפצוברענגען, וואָס ס׳וואָלט געווען, אַז ער פאַלט דאָרטען אוועק... זיי האָט זיך גע־וואָלט איינע דער אַנדערער זאָגען, וואָס זיי וואָלטען געטאָן, נאָר זיי האָבען זיך געשראָקען, אי פאַר זיך, אי פאַר דער אַנדערער, דאָס צו דערמאָנען...

אָבער אויך זיין צייט איז געקומען. די לאַנד איז צו דער מלחמה צוגעשטאַנען, און ער איז קיין פראַנקרייך, צום שלאַכט־פעלד, אוועק. די מאַמע און די כלה זיינען דאַ געבליבען.

די מאַמע האָט פאַרלאַנגט, אז די כלה זאָל זיך צו איהר אין הויז אריינקלייבען. עטליכע געפיהלען מיט אמאָל האָבען געהייסען דער מאַמען דאָס פאַרלאַנגען. ערשטענס, איז איהר זוהנ'ס כלה איהר איצט נאָך טייערער געוואָרען — ער האָט איהר אזוי ליעב... אויך האָט זי געוואָלט האָבען דעם זוהנ'ס כלה אונטער איהר השגחה... און א באַהאַלטענער ניט־פאַרגינען איז דאַ געווען: זי זאָל ניט צו פרעהליך פאַרברענגען אין דער צייט, ווען דער זוהן געפינט זיך אין א שרעקליכער געפאַהר. האָט די מאַמע געוואָלט די כלה לעבען זיך האָבען. נאָר די כלה האָט דער מאַמע'ס פאַר־לאַנג ניט געקענט נאָכגעבען: זי האָט געוואוינט ביי אן ארימער שוועסטער, וועלכע האָט זיך אין איהר גענויטיגט. אָבער זי איז געקומען צו זיין מוטער אלע אבענד, און זיי פלעגען לאַנג, לאַנג רעדען וועגען דעם זוהן און חתן, וועלכער איז געווען וויט פון זיי. און זיי האָבען געוואַרט און געגאַרט צו הערען, אז די מלחמה האָט זיך געענדיגט און ער וועט גיך אהיים קומען.

דער זוהן און חתן איז אָבער שוין אהיים ניט געקומען. ער איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד.

די מאַמע און די כלה האָבען די שרעקליכע בשורה ניט גע־וואָלט גלויבען, און האָבען פונדעסטוועגען געגלויבט... די כלה איז יענעם טאָג אהיים ניט געגאַנגען. פאַרבליבען ביי זיין מאַמען אין הויז. מען האָט געקלאַגט איינע אויף דער אנדערער'ס האַלז, און זיך צוגעזאָגט אייביג צו פאַרבלייבען צוזאַמען, און ניט אויפהערען קלאָגען, און ביידע האָבען דאָס בלוטיג געגלויבט.

עטליכע טעג איז די כלה פאַרבליבען אין דער מאַמע'ס הויז; און אלע ווײלע האָט מען בשותפות געוויינט; און זיי האָבען זיך אלץ געפּרואווט זאָגען, אז ס'איז אפשר א טעות די בשורה... ער

לעבט... ער וועט קומען... און די כלה האָט נאָך אַלץ געמיינט צו פאַרבלייבען ביי זיין מאַמען...

שפּעטער אַביסעל האָבען די קרובים און באַקאַנטע אָפּגערעדט דער כלה פון דעם פּלאַן אַריינצוקלייבען זיך צו זיין מאַמען אין הויז: ס'וועט פאַר ביידען ניט טויגען, ניט פאַר איהר, ניט פאַר דער מאַמען. אויף אַלע מאָל קען זי דאָך דאַרטען ניט פאַרבלייבען, און עס וועט פאַר דער מאַמען ניט גוט זיין צו האָבען איהר שטענ־דיג אויף די אויגען... און דערנאָך דער אַרויסקלייבען זיך...

דער שרעקליכער וועהטאָג פון דעם בראָך איז נאָך עטליכע טעג אַביסעלע געלינדערט געוואָרען; ביידע האָבען שוין געקענט פאַרשטעהן, וואָס מ'רעדט צו זיי — האָבען זיי נאָכגעגעבען. אָבער מאַמע און כלה זיינען געבליבען „אייגענע"; אַלע טאָג איז די כלה געקומען צו דער מאַמען אין הויז. אַז ס'האָט זיך ביי זיי טרערען געפונען, האָבען זיי געוויינט, און אַלע נאַכט לאַנג, לאַנג גערעדט פון דעם געפאַלענעם זוהן און חתן, און אַלץ געזאָגט נאָך, אַז ס'איז אפשר א טעות געווען: ער וועט נאָך אהיים קומען, און זיי האָבען געוואוסט, אַז די בשורה איז אמת.

און ווי די צייט איז זיך געגאַנגען, האָט די כלה דערפיהלט, אַז זי וועט ניט אייביג טרויערען נאָך איהר געפאַלענעם חתן. א סך, א סך נעכט האָט זי ניט געשלאָפען און א סך מאַלצייטען דורכגעלאָזען. זי איז אָבער גאַנץ געבליבען, און גענומען אַלץ מעהר פון לעבען איידער פון טויט טראַכטען.

האָט דאָס די מאַמע אויף דער כלה דערזעהן און דערקענט. און נאָכ'ן ערשטען פאַרדרוס און וועהטאָג, וואָס זי האָט דורך דעם געפיהלט, האָט זי זיך באַטראַכט און זיך געזאָגט: „וואָס קען איך צו איהר האָבען? א י ה ר זוהן איז ער דאָך ניט געווען... זי איז א יונגער מענש און זי דאַרף לעבען. קיינער לעגט זיך ניט מיט'ן געשטאָרבענעם אין קבר. אָט לעב איך דאָך אויך".

אַזוי האָט די מאַמע פאַרשטאַנען און געזאָגט זיך דורך איהר שכל. אָבער די האַרץ איהרע איז מיט דעם פּראַסטען שכל ניט

צופרידען געווען. און אפשט פלעגט זי פארפיהרען מיט דער כלה א געשפרעך:

— דו, טאכטעריל, וועסט זיך פארגעסען. וועסט קריגען אן אנדערען און חתונה האבען און פיהרען א וועלט. דער צובראָ־כענער שארבען וועל א י ך בלייבען. כ׳וועל שוין מעהר מיין זוהן ניט קריגען צוריק.

די מאמע דערגרייכט איהר ציעל. זי זאגט דאס, אום וועה צו טאן דער כלה, און דער כלה טוט טאקע שטארק וועה צו הערען די דאזיגע רייד. זי לאזט אראפ די אויגען און זאגט:

— מיר ליגט ניט אין זינען אזעלכע זאכען...

— פאר וואס זאלסטו דאס זאגען? קיינער קען צו דיר גאר־נישט האבען. ווער וואלט דען בעסער געווען?

— איך קלער איצט ניט דערפון — זאגט די כלה, אלץ מיט אראפגעלאזענע אויגען.

— א מאמע פארגעסט קיינמאל ניט — זאגט די מאמע מיט יסורים, און האט פונדעסטוועגען אין זינען צו מאכען דער כלה „ענג" — דו וועסט מיט דער צייט פארגעסען, אזוי ווי גאר ניט געווען. פאראיבעל האבען דערפאר קען איך אויף דיר ניט.

זיצט די כלה אין א זעהר אומבאקוועמער לאגע. זי ווייסט גאר פון דער מאמע׳ס יסורים... זי שטויסט זיך ניט אן, אז צו די יסורים דער מאמע׳ס איז צוגעטשעפעט נאך א געדאנקעל, וואס זי מיינט מיט איהרע רייד. איז איהר, דער כלה, שטארק שלעכט צו זיצען און הערען, און זי האט ניט וואס צו ענטפערען, אויסער דעם, וואס זי זאגט, אז ס׳ליגט איהר איצט ניט אין זינען.

אמאל ווערט די מאמע נאך צו־גוט צו איהר זוהנ׳ס כלה, און זי זאגט איהר:

— אז ס׳וועט זיך דיר מאכען א רעכטער יונגער מאן, וואלט איך דיר ניט געהייסען ווארטען. אייביג קענסטו דאך ניט זיצען.

— איך האב ניט וואס צו פארזאמען — זאגט די כלה א פאר־שולדיגטע.

— נארעלע, די יאהרען שטעהן ניט אויף אן ארט. אויף א

מיידעל זעהט זיך דאָס אָן. וואָס טויג זיצען? אז ס'וועט זיך דיר מאַכען א פיינער באַי, נעהם און האָב חתונה. וועמען וועט עפּעס ארויסקומען, אז דו וועסט זיצען?

די כלה שטעלט זיך פאַר, ווי דער מאַמען איז אויפ'ן הארצען דאָס זאַגענדיג, און עס טוט איהר וועה פאַר דער מאַמען... זי שאַצט אָפּ דער מאַמע'ס גוטסקייט... ס'הויבט איהר פון אָרט. איהר פאַלט ניט איין פון דער מאַמע'ס הינטער־געדאַנקעלע וועה צו טאָן איהר מיט די גוטע עצות איהרע — וועה צו טאָן איהר...

די מאַמע רעדט ווייטער דיזעלביגע אמת'ע רייד, אז אייביג קלאָגען בלייבט נאָר א מאַמע... זי וועט שוין צוריק דעם זוהן איה־רען קיינמאָל מעהר ניט קריגען; אבער א כלה, א ווייב אפילו, קריגט זיך אָן אנדערען און פאַרגעסט... די מאַמע רעדט מיט דיביידע געפיהלען אין איהר: איהר וועהטאָג און וועה צו טאָן דער כלה, וועלכע, ווי איהר דאַכט זיך, האָט שוין „דעם קאָפּ אויפגע־הויבען". און די כלה ווייסט ניט, ווי אזוי דער מאַמען צו טרייס־טען און ווי זיך אליין צו פאַרענטפערען. הויבט עס איהר פון אָרט, און זי וואַרט, אז די מאַמע זאָל שוין אויפהערען.

און די כלה האָט אַלץ װעניגער פון טויט און מעהר פון לעבען געטראַכט, און צו איהר חתן'ס מאַמען אין הויז איז זי נאָך אַלץ געקומען. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זי האָט אויף דער מאַ־מען רחמנות געהאַט, און זי האָט ניט געקענט אין גאַנצען אָפּגע־פּרעמדט ווערען; און אויך דערפאַר, וואָס זי איז נאָך אליין גע־ווען; קיין אנדערען נאָך ניט געהאַט. זי קוקט זיך ארום, זוכט און קריגט די באַקאַנטשאַפט פון יונגע לייט, נאָר איינעם, „איה־רען", האָט זי נאָך ניט, און דערפאַר האָט זי נאָך ניט געפיהלט זיך אין גאַנצען אָפּגעשניטען פון איהר געפאַלענעם חתן'ס פאַמיליע.

אז די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען אי די מאַמע, אי די כלה דערפיהלט, אז זיי זיינען עפּעס נאָך מעהר דערווייטערט

געוואָרען איינע פון דער אנדערער. די מלחמה האָט אזוי ווי צוזאַמענגעהאַלטען די מחותנשאַפט צווישען זיי — א גרויסען חלק האָבען ביידע אין דער מלחמה געהאַט — א מין שותפות. איצט האָט זיך דאָס געענדיגט, זיינען זיי מעהר דערווייטערט געוואָרען. עס איז אָבער דאָך פאַרבליבען עפּעס, וואָס האָט דער כלה ניט דערלאָזט אין גאַנצען אָפּגעפרעמדט ווערען פון די זייניגע.

דער זוהן און חתן איז געפאַלען ווייט פון דער היים. נאָך דער מלחמה האָט מען גענומען רעדען וועגען ברענגען די קערפּערס פון די געפאַלענע סאָלדאַטען. האָט מען געוואַרט אויף דעם קערפּער פון דעם געפאַלענעם זוהן און חתן, און ס'איז צוגעקומען ביי זיי עפּעס נייעס, און ביי יעדען מאָל זעהן זיך האָט מען דערפון גערעדט און גערעדט.

עפּעס האָט דער כלה זיך אָפּגעדוכט, אז איידער דער קערפּער פון איהר חתן וועט אהער געבראַכט און באַגראָבען ווערען, איז זי נאָך אין גאַנצען קיין פרייע ניט... זי וועט מיט אן אנדערען ניט קענען אָפּגעבען זיך... זי געהער זיך נאָך אָן מיט איהם, מיט איהר געפאַלענעם...

האָבען ביידע, די מאַמע און די כלה, געוואַרט אויף זיין קערפּער. נאר יעדע פון זיי מיט איהרע אייגענע געדאַנקען. די מאַמע — כדי צו ווערען נעהענטער צו איהם; די כלה — צו דערווייטערען זיך פון איהם, אויף אייביג דערווייטערט ווערען. ביי דער מאַמען איז דאָס געווען א מין האָפנונג, אז זי וועט צוריק קריגען עפּעס פון איהר אָפּגעריסענעם, געפאַלענעם זוהן... זי וועט וויסען, וואו ער געפינט זיך, און זי וועט צו איהם אלע ווייל׳ע געהן — זי וועט איהם צוריק האָבען. און די כלה האָט געוואוסט, אז מיט׳ן באַגראָבען איהר חתן אין קבר, ווערט זי אויף אייביג פון איהם אָפּגעשיידט און אָפּגעפרעמדט... און זי האָט שוין אויף דעם אזוי געוואַרט... זי האָט זיך נאָך געפיהלט צום טויט צוגע־טשעפּעט און פאַרפליכטעט... און געטראַכט האָט זי נאָר פון לע־בען...

ביידע האָבען זיי אָנגעשטרענגט געוואַרט אויפ׳ן קערפּער פון

דעם נעפאלענעם. ס'האט לאנג געדויערט. ס'איז געווען טומעל און צומישעניש מיט די אפגעשיקטע קערפערס, און מ'האט לאנג געמוזט ווארטען.

אויף דער לויה האט מען ניט געקלאגט, ווי אויף א געוועהנלי־כער לויה, ווען מען האט דעם מת ערשט נעכטען פאר זיך א לעבע־דיגען געזעהן און דער אנגעקומענער טויט שטעהט נאך פאר די אויגען. דער קוואל טרערען איז שוין לאנג אויסגעקלאגט און אויס־געטריקענט געווארען. מ'האט געוויינט אין דער שטיל, בשעת דער פארשלאסענער ארון איז פאר די אויגען געשטאנען. די מאמע האט זיך געריכט אויפ'ן ארון ארויפצופאלען און יאמערען און קלאגען מיט אלע כוחות איהרע. אבער דאס איז ניט געשעהן. זי האט דעם ארון מיט איהרע ארעמס ארומגענומען און געוויינט שטיל, אהן קולות. די פארגאנגענע לאנגע צייט האט דעם צער און וועהטאג מיט א הויט באצויגען און ניט געלאזט עס אויפשטעהן מיט פרישען לעבעדיגען כח. האט זיך דער צער און וועהטאג אונ־טער'ן הויט געצאפעלט, און דער געוויין איז געווען שטיל און זאנפט.

די כלה האט זיך פארגעסען און ניט געטראכט די געדאנקען פון דעם ווייטערען לעבען איהרען, בשעת דער ארון מיט דאס איי־בערגעבליבענע פון איהר חתן איז פאר איהרע אויגען געווען. איהר געוויין איז געווען ציטערדיג און שטיל ווי אין א ליעבע, טייערע ערינערונג און אין דער זעלבער צייט א געזעגענען זיך אויף אלע מאל, אויף אייביג מיט א ליבען און טייערען... און דאס איז געווען א וויינען, וואס מען פיהלט אין איהם די גרינגקייט פון אויסוויי־נען זיך... ניט אזא וויינען, וואס מען ווייס און מען פיהלט דעם אומגליק, פון וואס דער געוויין איז געשאפען געווארען און ער, דער אומגליק, פארבלייבט... זי האט איצט איהר אמאליגען געליעבטען געזעהן מיט איהרע וויינענדיגע אויגען באהאלטען אין טיכעל; און דערמאנט זיך אן א סך זיסע, ליעבע רייד און צערטליכקייטען און צוזאגונגען... און איהר הארץ איז היים און ווייך געווען, און די טרערען האבען געפלאסען גרינג און זודיג...

און פאהרענדיג פון בית עולם אהיים איז די כלה געזעסען אליין, מיט פארמאכטע אויגען, און דורכגעטראכט פילעס פון איהר און פון איהר חתן אין דער פארגאנגענהייט, און איהר הארץ האט געציטערט פעדערדיג־לייכט אין די זיס־צערטליכע עראינערונגען. זי האט זיך געפיהלט אין א גרינגען שלאף, אין א חלום, וואס מען זעהט און מען ווייס, אז מ'שלאפט נאך ניט, און מ'האט פון דעם חלום הנאה... אויסגערוהט, לייכט האט זי געפיהלט.

נאר אנקומענדיג צוריק אין דער טומעלדיגער גאס, צוזאמען מיט זיין מאמען, און צוקומענדיג צום הויז, האט די כלה געוואוסט ביי זיך, אז זי געהט דא אין א פרעמדער הויז ארויף. וואס זי האט דארט, אויפ'ן בית עולם, איבערגעלאזט, איז ניט איהר'ס — אפגעשניטען און אפגעפרעמדט.

דער מאמע'ס הארץ איז געווען לייכט, אויסגעוויינט און קלאר, במעט יום טוב'דיג — זי האט איהר זוהן פון דאס־ניי. לאנג איז זי שוין צום געדאנק צוגעוועהנט געווען, אז זי האט איהר זוהן פאר־לארען, ווייט, ווייט אוועק פון איהר — איז די איצטיגע דערנע־הענטערונג א גרויסער געפינס פאר איהר געווען.

זיי זיינען צו דער מאמען אין הויז אריין. נאר די כלה האט געפיהלט, אז זי האט מיט דער מאמען זיינער איצט ניט מעהר וואס צו רעדען; און די הויז וואס איז איהר אמאל אזוי נאהענט און טייער געווען, איז איהר איצט גאר פרעמד... זי האט ניט וואס צו טאן דא... איהר האט דרויסען געצויגען.

זי איז אוועק, און געהענדיג אראפ די טרעפ, האט זי געזאגט זיך, אז זי וועט מעהר ארויף די טרעפ ניט געהן. די אויפרעגונג פון טאג איז שוין אזוי גוט ווי אויסגעוועפט געווען פון איהר.

די מאמע, בלייבענדיג אליין, האט זיך געפיהלט לייכטער, בע־סער, ווי דורך דער גאנצער צייט זייט די בשורה איז אנגעקומען.

דער פוסט־און־פאסניק

1

די אלטע פאר פאלק זאלקינד,ביידע נישקשה'דיג אריינגעפאהרען אין די זעכציגער, זיינען געווען און האבען זיך געפיהלט ווי אריינגעוואקסען אין זייער קליינער גראסערי סטאר. עטליכע און צוואנציג יאהר כסדר זיינען זיי דארטען אפגעשטאנען. די הויז איז נאר וואס אויפגעבויט געווארען, ווען זיי האבען דארטען געעפענט זייער גראסערי. די ווענט און דער באלקען זיינען געווען שפיגעלדיג ווייס. די פאליצעס ניי און גלייך; און די זאלקינדס זיינען אויך געווען געזונטע, גלייכע. מיט דעם גאנג פון דער צייט האבען זיך די זאלקינדס געעלטערט און געענדערט צוזאמען מיט די ווענט און דעם באלקען און די פאליצעס. די ווענט און דער באלקען זיינען געווארען גרוי, געל — זאלקינד האט ניט געהאלטען פון קאלכען און רייניגען — דאס וואלט איבערגעקעהרט די גראסערי „מ'ט'ן קאפ אראפ", און עס וואלט געווען א שטער צו ביזנעס; די פאליצעס האבען זיך געבויגען אונטער די יאהרען משא. אזוי אויך די זאלקינדס זיינען געווארען גרוי און געל און אויסגעבויגען.

עס איז גרינג געווען צו דערזעהן דעם אויסגעטראטענעם שטעגעלע פון גראסערי צו זייער דירה הינטער'ן סטאר, און דעם שוועל, וואס האט אין די לעצטע יאהרען אויסגעזעהן ווי אן איבערגעהאקטע ליפ. דא אין די פאר צימערען הינטער'ן גראסערי, האבען זיך קינדער אויסגעהאדעוועט; פון דאנען האבען זיי חתונה געהאט, אויף דער וועלט ארויס. אלע זיינען זיי לייטישע קינדער, אלע געענדיגט סקול; איין זוהן איז „פון זיך אליין" געווארען א

שטיקעל לאַיער. נאָך אַ זוהן איז אַן אַגענט פאַר עפּעס אַ גרויסע פירמע. די טעכטער „גוט געהייראַט“. האָבען שוין די אַלטע זאַל־קינדס געמעגט אַרויס פון דער גראָסערי. יעדער קינד האָט גע־וואָלט נעמען טאַטע־מאַמע צו זיך און אויסהאַלטען זיי מיט׳ן שענסטען כבוד — האָט מען דאָס פאַר די אַלטע לייט ניט געטאָרט דערמאָנען. די קינדער האָבען זיך געבעטען, זיי זאָלען אַוועקוואַר־פען די גראָסערי מיט די חושך׳דיגע דירה הינטער׳ן סטאָר, און אַריינקלייבען זיך אין שעהנע, ליכטיגע צימערען — וואָס פאַר אַ באַטרעף וועט דאָס האָבען פאַר אַלע קינדער אויסצוהאַלטען זיי! און אויך פון דיזען פּלאַן האָבען די צוויי אַלטע ניט געוואָלט הערען און וויסען. צו די קינדער זייערע האָבען די זאַלקינדס גאָר נישט געהאַט; זיי האָבען זיך מיט די קינדער זייערע גע־ריהמט און געגרויסט. נאָר אין די ביינער זייערע, אין זייער לעבען איז געוועזען אַריינגעוואַקסען די גראָסערי, און זיי האָבען זיך פון איהר ניט געקענט שיידען. „איך האָב אַ פיינע גראָסערי“ — פלעגט זאַלקינד זאָגען און די ווייב פלעגט איהם נאָכזאָגען — „ווי קען איך אַוועקוואַרפען אַ גראָסערי און מופען גלאַט אין רומס? וואָס פעהלט מיר אין גראָסערי? כ׳בין ניט קיין קראַנקער, כ׳זאָל זיך אַוועקזעצען אין רומס“. די אַלטע האָבען פון טויט ניט גערעדט און ניט געוואָלט טראַכטען אַפילו. אָבער בייביידען איז געוועזען דער געדאַנק: „אָט דאָ וועלען מיר אויסלעבען אונזערע יאָהרען“.

די לעצטע צייט איז די ביזנעס געגאַנגען גאָר ניט גוט. נאָר די אַלטע האָבען כמעט ניט געוואוסט דערפון. די ביסעלע, וואָס זיי האָבען געדאַרפט, האָט זיי ניט געפעהלט. די גראָסערי האָט ניט געצויגען קיין „טרייד“. די אַלטע קאַסטאָמער זיינען צושטאָרבען, צומופט. נייע קומען צו גאָר ווייניג. מען געהט אין די רייכערע, גרעסערע, שעהנערע גראָסעריס. זאַלקינד האָט פיינט געהאַט נאָכ־צוטאָן אַנדערע און ער האָט פיינט געהאַט „רעפאָרמען“. און די קאָנקורענציע איז גרויס. די פענסטערס פון די קאָנקורענטען זיי־נען באַקלעפּט מיט פּלאַסטערס, אויף וואָס ס׳איז אויסגערעכענט די

בילינע פרייזען מיט „קאמבינעישאנס“. צו זעקס שטיקער זייף, גיט מען צו עפעס א פעקעל „וואשינג פאודער“ אומזיסט; צו צעהן פונט צוקער — אומזיסט א האלב פונט קאפע, און נאך אנדערע „בארגעינס“ — געהט מען קויפען דארט, וואו מ׳קריגט עפעס אומזיסט. אפילו די גאר אלטע, געטרייע קאסטאמער זאלקינד׳ס זיינען געגאנגען אהין, און געגאנגען מיט דער אנדער זייט גאס, געשעהמט זיך פארבייצוגעהן מיט׳ן פעקעל גראסערים; א קליינעם פעקעל האט מען געהאלטען באהאלטען אונטער׳ן פאטשיילע אדער אונטער׳ן פארטוך. אין א נויט נאר, אז מ׳האט געדארפט עפעס אויף גיך, איז מען אריין אין זאלקינד׳ס גראסערי, און ניט אלע מאל האט מען געקראגען, וואס מ׳האט געדארפט. זאלקינד האט די קאנקורענטען ניט געוואלט „נאכטאנצען“, און ער האט געזאגט, אז ער האט ניט קיין גראסערים אוועקצוגעבען אומזיסט — איהם גיט מען אויך ניט קיין גראסערים אומזיסט. עטליכע און צוואנציג יאהר שטעהט ער שוין דא און האט נאך קיינמאל ניט אוועקגעגעבען קיין גראסערים אומזיסט.

אפשר, אז די נויט וואלט איהם געטריבען, ער וואלט געהאט א הויז מיט קליינע קינדער, און ניט געקענט צאהלען די „בילס“, וואלט ער זיך געמוזט אונטערגעבען, און טאן וואס אנדערע טוען. איצט האט איהם די נויט ניט געטריבען, איז ער געבליבען פאר־עקשנ׳ט און ניט אוועקגעשאנקען אומזיסט גראסערים.

די קינדער וואוינען אלע אפטאון, קומט שוין אויס, אז די אלטע קענען צו זיי קיינמאל ניט קומען. זייער איינציגער פרייער טאג איז שבת — טאר מען ניט פאהרען. וואקסען אויס די אייניקלאך אין גאנצען פרעמד צו זייער באבען און זיידען. אמאל קומט אן אויסגעפוצטע טאכטער מיט א קינד, קוקט דאס קינד אויף די אלטע מיט וואונדער און אביסעלע דערשראקען, געהט ניט צו זיי און וויל זיי פאר קיין פאל ניט רופען „גרענדפא“ און „גרענדמא“.

— צו וואס דארפט איהר די גראסערי מיט די אלע טראבעל?

— רעדט די טאכטער מיט נעבעט — פארקויפט, ווערט פטור!

וועניג האט איהר זיך שוין אנגעארבייט? וועמען האט איהר צו פארזארגען?

נארביידע אלטע ווילען ניט אריינלאזען זיך מיט דער טאכטער אין א שמועס וועגען דעם — רעדען זיי וועגען אנדערע זאכען; פרעגען איבער פון דאס-ניי, ווי ס׳געהט דעם מאן׳ס ביזנעס, פרעגען ווידער וועגען די קינדער.

די טאכטער האט מורא צו דערמאנען, אז טאטע-מאמע זאלען זיך אריבערקלייבען צו איהר, רעדט זי „פארשטעלט”:

— איך וואלט אויך אפשר ניט וועלען זיין ביי קינדער. וויפיעל וועט דאס כאפען אויף אונז אלעמען א וואך? א גאר נישט!

די אלטע קענען שוין אויסוועניג די אלע סארטען רייד און ס׳נעמט זיי ניט, ס׳קלעפט זיך צו זיי גאר ניט צו. די טאכטער געהאט אוועק מיט וואס זי איז געקומען. נאר יעדען מאל, ווען אן אויסגעפוצטע טאכטער קומט צו-גאסט, רעדט זי איבער דיזעלבינגע.

די זיהן ווילען אויך דאס זעלבע, וואס די טעכטער, נאר זיי קומען זעלטענער און טשעפען זיך ווייניגער.

אז די טאכטער אדער דער זוהן געהט אוועק, רעדען די אלטע אפילו ניט איבער צווישען זיך וועגען דעם דאזיגען ענין — אזוי וועניג איז ביי זיי געבליבען פון די גערעדטע רייד.

2

דער „אט דא וועלען מיר אויסלעבען אונזערע יאהרען” איז מקוים געווארען נאר אויף א העלפט.

אין הערבסט האט זיך די אלטע צוגעקיהלט און זיך אוועקגעלעגט קראנק. דאס האט קיינמאל פריהער ניט פאסירט. זיי זיינען אלע מאל געוועזען א געזונטע פאר, און דער עלטער האט זיי נאר פארעלטערט און איינגעבויגען, אבער ניט קראנק געמאכט. זיי האבען ניט געוואוסט פון קראנקהייט, אויסער אמאל א לייכטען הוסט, צי א צייהן-רייסעניש. דער אלטער האט דעם גאנצען לעבען זיינעם אפגעלאכט פון די קראנקע — און די וויב פלעגט

איהם נאכזאגען — אז קראנקהייט איז אן איינגערעדטע זאך; מ'טאר ניט פאלגען די דאקטוירים און זיך אוועקלעגען קראנק אין בעט; מ'זאל הערען די דאקטוירים ווי די קאץ און ארומגעהן ביז די קראנקהייט „שטעהט זיך אויס". איצט האט זיך די אלטע געזונג געראנגעלט איידער זי איז געבליבען ליגען און ניט געקענט אויפשטעהן. דער דאקטאר האט געארדערט מ'זאל נעמען די קראנקע אין בית ישראל האספיטאל. ס'האט זיך ענטוויקעלט „דאבעל ניומאניא".

צום ערשטען מאל אין עטליכע און צוואנציג יאהר איז דער אלטער געבליבען אליין אין גראסערי און אין די רומס. פיהרען די ביזנעס האט ער געקענט אליין אויך — ס'איז געווען וועניג וואס צו פיהרען. ער האט אבער שטארק געליטען פון אומעט — קיינמאל ניט געווען אליין — און גרויס רחמנות האט ער גע־פיהלט אויף איהר, וואס זי ליגט נעבאך קראנק אין האספיטאל; און ער האט זיך שוין אויך דערוואוסט וואס „דאבל ניומאניא" מיינט, און ער האט זיך שטארק געשראקען. די קינדער האבען זיך געבעטען. ער זאל פארמאכען די גראסערי און זיין ביי זיי, און אויך איצט האט דער אלטער ניט געוואלט הערען דערפון, ווי אלע מאל פריהער.

א קורצע צייט האט זיך די אלטע אפגעמאטערט אין האס־פיטאל און איז געשטארבען.

3

אז מ'איז געקומען צוריק פון דער לויה, און דער אלטער איז ארויס פון אטאמאביל, האט ער דערזעהן, אז ער געפינט זיך ניט אין מאנראו און מאנטגאמערי, ביי זיין גראסערי — מ'האט איהם געבראכט צו דער מיטעלסטער טאכטער. ער איז געווען אומצו־פרידען — פאר וואס האט ער ניט געפרעגט, וואוהין מ'פיהרט איהם?...

די גאנצע משפחה איז זיך צוזאמענגעקומען פון דער לויה צו דער מיטעלסטער טאכטער. דיזע טאכטער האט זיך עפעס אלע

מאָל געהאַלטען נעהענטער צו טאַטע־מאַמע, ווי די איבעריגע קינ־דער. מ׳האָט זיך פון דאָס ניי צוזאַמענגעשלאָסען. די מיטעלסטע טאָכ־טער האָט אָנגעהויבען און אַלע האָבען נאָכגעפאָלגט.

דורך דער צייט פון „שבעה“ האָט דער אַלטער עטליכע מאָל איבערגעזאָגט: „ווער ווייס וואָס דאַרטען טוט זיך“... מען האָט ניט געדרעדט וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט. נאָר יעדער איינער פון די זיהן און טעכטער איז זיכער געווען, אַז איצט איז שוין אוים גראָסערי. אָבער באַלד אויף מאָרגען נאָך „שבעה“ האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער אַלטער רעכענט ווייטער אָנצוגעהן מיט זיין גראָסערי. אין דער פריה, נאָך פריה־שטיק, האָט ער זיך גענומען קלייבען אַהיים עפענען די גראָסערי. די טאָכטער האָט זיך אָפּגעבעטען, ער זאָל פאַרבלייבען אויף נאָך אַ טאָג, און דורכ׳ן טאָג האָט זי געלאָזט וויסען די משפחה, מען זאָל זיך היינט אָבענד צוזאַמענקומען צו איהר אין הויז וועגען טאַטען.

דער היינטיגער טאָג איז געווען זעהר אַ שווערער פאַר דעם אַלטען. די טעג פון „שבעה“ איז איהם ניט געווען שטאַרק לאַנג־ווייליג. דער „זיצען שבעה“ איז דאָך אַליין אַ שטיקעל באַשעפ־טיגונג, מיט די דריי מאָל אין טאָג דאַווענען מיט׳ן מנין; און ס׳איז איהם נאָך ניט געווען אַרוים פון קאָפּ דער טומעל פון איהר טויט מיט די לויה. דורך די עטליכע טעג איז ער מעהר באַקאַנט גע־וואָרען מיט זיינע אייניקלאַך פון הויז, און ער האָט מיט זיי פאַר־בראַכט; און דערצו האָט ער דאָך געוואוסט, אַז ער טאָר ניט אַרויסגעהן פון הויז. היינט, אַז ס׳איז שוין געווען אוים „שבעה“, ער האָט דערפיהלט די שיך אויף די פיס, און ער איז אַ פרייער מענש און מעג געהן — האָט עס איהם געצויגען אַהין, צו זיין גראָסערי, אין מאַנראָו און מאָנטגאָמערי — ווער ווייס, וואָס דאַרטען טוט זיך...

אין אָבענד איז זיך צוזאַמענגעקומען די משפחה. אַלע זיינען צוגעשטאַנען צום טאַטען, ער זאָל מעהר אין גראָסערי ניט געהן. פאַרקויפען. ווי אַזוי וועט ער איצט אָנגעהן מיט אַ גראָסערי, מיט

רומס? „ווער וועט איהם אויסקאָכען און דערלאַנגען?" ווער וועט אויף איהם אכטונג געבען? די טעכטער האָבען זיך געהיצט, גע־קאָכט. די זיהן זיינען געווען אביסעל קעלטער. און דער זוהן דער „שטיקעל לאָיער" האָט באוויזען דעם טאַטען, אז ער וועט פארשאפען אלעמען בזיונות: וואָס וועט מען זאָגען? עטליכע קינ־דער, וואָס מאַכען א פיינעם לעבען, לאָזט מען דעם אלטען שטעהן אין א גראָסערי איינער אליין אויף דער עלטער. נאר געווירקט האָט אויפ׳ן אלטען נים דער לאָיער, נאָר די מיטעלסטע טאָכטער מיט איהר שטארקען ארגומענט, וואָס זי האָט ארויסגע׳טענה׳עט און זיך צואויינט. דער דאָזיגער שטארקער וויינענדיגער ארגו־מענט איז באשטאנען אין דעם, וואָס דער טאטע איז שוין אן על־טערער מענש און ער טאָר נים זיין איינער אליין. ווער וויים, וואָס עס קען זיך אמאָל מאכען מיט איהם אין מיטען נאכט, און קיינער וועט נים זיין... טאָמער וועט אמאָל אין מיטען נאכט איהם ווערען „ניט גוט" — ווער וועט לויפען נאך א דאָקטאר איהם ראַטעווען?...

א לעבען לאנג האָט טאקע זאלקינד אפגעלאכט פון די קראנקע מיט די דאָקטוירים... אבער דאָ גאָר נים לאנג האָט פאר זיינע אויּ־גען פאסירט עפעס א געשיכטע... האָט ער זיך שטארק געשראָקען צו פארבלייבען אייניגקער אליין אין א גראָסערי מיט רומס אויף גאנצע נעכט, און ער האָט זיך אונטערגעגעבען.

פארקויפען די גראָסערי האָט זיך אונטערגענומען דער „שטיקעל לאָיער". מען האָט שוין געמאכט אזוי, אז דער אלטער זאָל זיך וואָס ווייניגער מישען אין דעם עסק. מען האָט מורא געהאט, אז ער קען נאך חרטה האָבען. די דריי הונדערט דאלאר, וואָס מען האָט געקראגען פאר דער גראָסערי, האָט דער אלטער דערלאנגט די מיטעלסטע טאָכטער, זי זאָל דאָס אוועקלייגען פאר די קינדער. און דאָ איז געוואָרען זיין היים.

4

איצט, נאָך א צייט פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, האָט דער אלטער זאלקינד געטראגען אויף זיך אלע טאָג א „רעגעלען סוט".

מיט א קאַפּעליוש, מיט א ווייסען קאָלנער און האַלזטוך. די עט־ליכע און צוואַנציג יאָהר אין גראָסערי האָט ער דאָס ניט געדאַרפט און האָט זיך מיט די זאכען ניט אָפּגעגעבען. ווינטער האָט ער גע־טראָגען א געשטריקטען רעקעל מיט א היטעל; זומער — עפּעס א העמדיל, צו גאָר אן אונטער־העמדעל, מיט א יארמולקע; א ווייסע־ קאָלנער מיט א האַלזטוך איז איהם קיינמאָל ניט נויטיג געווען. דעם ראָק פלעגט ער אָנטאָן נאָר פרייטאג־צו־נאכט און שבת צו געהן אין שוהל. איצט האָט די מיטעלסטע טאָכטער שוין אכטונג געגעבען, אז דער אלטער זאָל געהן אָנגעטאָן, ווי עס פּאַסט פאַר איהר טאַטען. האָט זיך דער אלטער ניט געפיהלט גאָר באַקוועם אין די לייטישע מלבושים — עפּעס ניט אזוי פריי, ווי אין געשטריקטען רעקעל מיט דער היטעלע; און דער אָנטאָן אלע טאָג דעם קאָלנער מיט'ן האַלזטוך און דער האַלטען עס אויף זיך א גאַנצען טאָג, איז געווען פאַר איהם גאָר אן איבעריגע זאך. ער האָט אבער פארשטאַ־נען, אז ער קען דאָ ניט ארומגעהן, ווי אמאָל אין זיין גראָסערי, אין מאַנראָו און מאָנטגאָמערי — ס'פּאַסט ניט פאַר זיין טאָכטער און פאַר זיין אידים מיט די קינדער. די טאָכטער האָט אפילו אכטונג געגעבען, אז דער אלטער זאָל שטענדיג האָבען א „שיין" אויף די שיך.

און דער אלטער זאלקינד פיהלט זיך „אין דער פרעמד" אין זיין נייעם מקום — בראָנקס. זיין היים איז אין מאַנראָו און מאָנט־גאָמערי, וואו ער איז אָפּגעשטאַנען מיט זיין גראָסערי עטליכע און צוואַנציג יאָהר. ער האָט טאקע ליעב די אייניקלאך, און אויך זיי האָבען איהם ליעב געקראָגען. ער געהט מיט זיי אביסעל אין גאַס, אין פּאַרק — אבער די גאַס און דער פּאַרק איז איהם פרעמד. פיהלט ער זיך דאָ, אַן אויסגעפּוצטער, ווי ער וואָלט דא געקומען צוגאַסט אויף א ווייל, אין א פרעמדע שטאָדט, און ער טראַכט פון „דער היים", פון דאַרטען — און עס ציהט איהם אהין. און די גראָסערי איז נאָך אין זיינע ביינער. האַלב נאָך פינף אין דער פריה כאַפּט ער זיך אויף — ער דאַרף ניט קיין „וועקער" — ער כאַפּט זיך אויף צום מינוט — און די ערשטע זאך האָט ער אויפ'ן

גערדאנק: באלד וועט צופאהרען דער וואגען מיט די „ראלס". ער וויל אונטערכאפען מיט אן אויער, וועלכער וואגען ס'וועט פריהער צופאהרען צום סטאר: דער מילך־וואגען, צי דער בעקער־וואגען. די „קען" מילך שטעהט אין דרויסען ביים טיר... ער פיהלט די קאל־טע „קען" מילך אין די הענט... די ערשטע, כמעט אלע טאג, קומט אריין אין גראסערי מיסעס פישער... ער געדענקט ניט, צי זי האט איהם אפגעצאהלט די פערציג סענט, צי ניט... געהאט די חובות אויפ'ן קאפ... אויפגעהערט אין גאנצען בארגען די לעצטע צייט. נאר א פאר קאסטאמער האט ער געמוזט צובארגען אמאל... ניט געקענט אפזאגען... וועגען מיסעס פישער'ס פערציג סענט געדענקט ער ניט אקוראט; ס'איז געווען אין רעכטען טומעל פון איהר קראנקהייט... אבער עס ארט איהם ניט די פערציג סענט... ס'דער־מאנט זיך...

נאך גוט, וואס ער איז פארנומען א היבשען טייל פון מעת לעת מיט'ן שוהל, מיט'ן קדיש זאגען. דריי מאל אין טאג געהט ער אין שוהל דאווענען און קדיש זאגען. פארבלייבט ער שוין אמאל דארטען די שטיקעל צייט פון מנחה ביז מעריב. ער האט זיך דארטען באקאנט מיט נאך אלטע אידען, אזעלכע פוסט־און־פאס־ניקעס ווי ער, און מ'שמועסט, מ'רעדט פון פאליטיק, פון דעם, וואס עס טוט זיך אפ אין רוסלאנד, אין פוילען. אין שוהל, אין די שמועסען, פארגעסט דער אלטער, אז ער איז אין דער פרעמד. שלעכט איז נאר אין די צווישען־צייט, פון דאווענען ביז דאווענען. און ס'בענקט זיך, ס'ציהט די הארץ אהין, ס'ווילט זיך וויסען, וואס דארטען איז מיט די גראסערי, וואס עס טוט זיך אויף מאנ־ראו און מאנטגאמערי.

אין א נאכמיטאג האט ער זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן עלעווי־טעד טריין און אראפגעפאהרען דאון טאון.

אויפ'ן שטיקעל וועג פון סטיישאן צו „זיין" גראסערי, האט זיך דער אלטער זאלקינד נאך ניט געפיהלט אין דערהיים — געצויגען האט עס איהם צו מאנראו און מאנטגאמערי, וואו ער איז אפגעווען גוטע עטליכע און צוואנציג יאהר. די גאסען אויף

זיין וועג זיינען פראַסטע, געוועהנליכע גאסען, און ער האָט די גאנצע צייט זיך גאָר ניט דערמאָנט אָן זיי. און געהענדיג האָט ער געטראכט, אז ווי ער וועט זיך נאָר באווייזען אויף מאָנראָו און מאָנטגאָמערי, וועט זיך ארומקלייבען ארום איהם א רעדעל, און אלע וועלען זיך דערפרעהען, אלע וועלען וועלען וויסען, וואָס מיט איהם איז עפּעס און ווי ער קומט איצט אהער. אין גראָסערי, אז ער וועט אריינקומען, וועלען די לייטע איהם אויפנעהמען מיט גרויס כבוד — עטליכע און צוואנציג יאָהר איז ער אפּגעשטאַנען אין גראָסערי.

5

מאָנראָו און מאָנטגאָמערי איז זיך געשטאַנען, ווי ער האָט איבערגעלאָזען, נאָר „קיינער" האָט איהם עפּעס ניט דערזעהן און ס'האָט זיך ארום איהם ניט ארומגעשטעלט קיין רעדעל. אויפ'ן פענסטער פון זיין גראָסערי האָט ער דערזעהן א לאנגען צעטעל מיט אויסגערעכענטע פּרייזען, און אין פענסטער איז געווען אויפ־געבויט א גאנצער געשטעל מיט בלעכענע און פאַפּירענע קעסט־לאך פון פארשיידענע שפּייזען. זיי באַגראָבען די גראָסערי! אין דער זעלבינער צייט האָט ער אויך געמיינט, אז זיי טוען דאָ א סך ביזנעס, פיעל מעהר, ווי ער האָט געטאָן — האָט ער דערפיהלט א שטיקעל קנאה, ניט פארגונען.

ער איז אריין אינוועניג. ער האָט די גראָסערי ניט דערקענט. דער „קאַנטער" איז געווען איבערגעשטעלט אויף „יענע זייט"; די מילך־קען איז געשטאַנען אין דעם „אנדער קאָרנער" — ניט מעהר דאָרט, וואו זי איז אפּגעשטאַנען עטליכע און צוואנציג יאָהר. אויפ'ן „קאַנטער" איז געלעגען א גרויסער קיילעכדיגער געלער קעז, אונטער א גלעזערנעם טאָפּ — ער האָט קיינמאָל ניט געהאלטען אזעלכע קעז און ניט געהאַט אזא גלאָז — א פרעמדע גראָסערי...

די נייע באַלעבאַטים זיינען געווען א ערשט פּאָרהייראַטע פּאָר. זיי האָבען צוגעליהען אביסעל געלט ביי באַקאַנטע, „צוגעפּיקסט"

די גראַסערי, אויסגערייניגט איהר אביסעל, צוגעקויפט פאַרשיי־דענע ארטיקלען, און געהאַפט צו מאַכען א לעבען פון ביזנעס, אנגעהויבען פיהרען זייער וועלט צוזאמען. די ביזנעס איז אבער געווען אן „אראַפּגעארבייטע" און האָט געטויגט נאר פאר אזעלכע, וואָס האָבען שוין זייער וועלט הינטער זיך, און ניט פאר מענשען, וואָס הויבען ערשט אָן פיהרען א וועלט. דערצו זיינען די נייע באַלעבאַטים ניט געווען קיין ביזנעסלייט, ניט געוואוסט ווי צוצו־ציהען „טרייד" — האָבען זיי געוואָלט „רייך ווערען" פון די עט־ליכע קאַסטאָמער, וואָס זיינען צו זיין אריינגעקומען — איז די ביזנעס געגאנגען שלעכט. זיי האָבען ניט געקענט צאָהלען זייערע „בילס" אין צייט, ניט געקענט אפילו אָנהויבען צאָהלען די חובות צו די אייגענע מענשען. גאַנצע טעג כמעט איז די פּאָר פּאָלק אפּגעשטאַנען מיט פארלייגטע הענט, אָפּט אונטערגעזיפצט און געזעהן, אז זיי באַגראָבען דאָ זייער אייגענע פּאָר טאָלער צוזאמען מיט די פרעמדע.

די נייע באַלעבאַטים האָבען ניט געקענט דעם אַלטען זאַל־קינד, ווייל די גראַסערי איז פארקויפט געווארען דורך דעם זוהן דעם לאָיער. אז דער אַלטער איז אריינגעקומען אין סטאָר, האָבען זיי געמיינט, אז דאָס איז א קאַסטאָמער, און מ'האָט זיך געוואָלט נעמען „טענדען ביזנעס".

— כ'בין ניט קיין קאַסטאָמער — האָט זאַלקינד האַלב גע־שמייכעלט — זאָלען מיר דאָס אַלע דריי פארמאָגען א צעהנטע־חלק, וויפיעל איך האָב דאָ פארקויפט. דאָס איז געווען מיין גראָ־סערי עטליכע און צוואנציג יאָהר, ביז מיין אַלטע אַלוועשאָלעם איז געשטאָרבען ניט לאַנג.

דער גאַסט האָט ביי די נייע באַלעבאַטים אויפגערודערט די צרות, און אזוי ווי דער באַליבעסיל איז נאָך געווען א שטיקעל עזות פּנים, האָט ער צוגעשטאָכען דעם אַלטען:

— פאר וואָס האָט איהר זיך ווייטער ניט געהאַלטען מיט דער גרויסער מציאה? אפשר ווילט איהר איבערנעהמען צוריק די טייע־רע ביזנעס?!

דעם אַלטען האָט אַביסעל הנאה געטאָן, וואָס זיי ווערען דאָ ניט נתעשר; עס האָט איהם אָבער אויך פאַרדראָסען פאַר וואָס מ׳באַליידיגט זיין גראָסערי, האָט ער געענטפערט:

— כ׳בין דאָ אָפּגעשטאַנען עטליכע און צוואַנציג יאָהר און כ׳האָב גאָר ניט געהאַט צו די גראָסערי. ביי מיר איז געשטאַנען דער „קאַנטער“ דאָ אויף דער זייט, אַז מיין אַלטע אַלוועשאַלעם וואָלט געלעבט — —

דער באַליבעסיל האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— אפשר ווילט איהר צוריק אייער מציאה, וועל איך אנווערען א שעהנע פּאָר טאָלער.

דער אַלטער האָט געוואָלט ענטפערען, נאָר דערוויילע איז אריינגעקומען אַן עלטערע פרוי עפּעס קויפען — א לאַנג־יעהריגע קאַסטאָמערקע ביים אַלטען זאַלקינד. די פרוי האָט באַקוקט דעם אויסגעפּוצטען זאַלקינד און א טראַכט געטאָן: „באַגראָבען די ווייב“, און ער האָט ביי איהר אויסגעזעהן, ווי א חתן, נאָר וואָס „געשטעלט חופּה“. די אַלטע האָט זיך צורעדט, נאָכגעפרעגט זיך וואָס מ׳מאַכט, דערמאָנט די פאַרשטאָרבענע. באַלד איז אריינגעקומען א מיידעלע מיט א „קוואָטער“ פּאַראויס. די באַליבאַטים האָבען זיך גענומען פאַרקויפען סחורה, און אזוי איז איבערגעריסען געוואָרען דער געשפרעך פונ׳ם אַלטען מיט׳ן יונגען.

דער אַלטער איז אַרויס פון סטאָר, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען, גוט באַטראַכט מאַנראָו און מאַנטגאָמערי, און אויפ׳ן האַרצען איז איהם געווען וואַכעדיג, קאַלט, פרעמד. מענשען זיינען געגאַנגען הין און צוריק. איהם האָט מען ניט געזעהן. ער האָט זיך געלאָזט געהן צום סטיישאָן. צוקומענדיג צום קאָרנער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן מיסעס פּישער מיט די פערציג סענט — אפשר וואָלט ער געדאַרפט אַרויפגעהן צו איהר אויסגעפינען... זי וואוינט אויפ׳ן טאָפּ־פלאָר... זאָל זיין...

— ס׳געדאַרפט זעהן, ווי די גראָסערי זעהט אויס — האָט דער אַלטער געזאָגט צו זיין טאָכטער, אריינקומענדיג אין הויז — כ׳האָב

גאָר ניט דערקענט די גראָסערי, אַלץ איז מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. דער „קאָנטער" שטעהט איצט אויף יענער זייט.

— וואָס האָסטו דאָרטען געטאָן? — האָט זיך די טאָכטער געוואונדערט.

פאַר דער טאָכטער איז ניט געווען אינטערעסאַנט צו הערען דעם טאַטענ'ס רייד, און זי האָט זיך טאַקע ניט צוגעהערט. די מיטעלסטע טאָכטער, וואָס האָט זיך אַזוי געפרעהט, וואָס איהר האָט זיך ענדליך איינגעגעבען אריינצוקריגען דעם טאַטען ביי זיך, איז שפּעטער אָפּגעקילט געוואָרען אין איהר שמחה. געוויס, זי האָט צום טאַטען גאָר נישט, זאָל ער לעבען און געזונט זיין. די געשיכטע איז אָבער געוואָרען וואָכעדיג און זי פרעהט זיך ניט מיט איהר גליק. דער איידעם איז די גאַנצע צייט געווען קאַלט צום עסק מיט'ן טאַטען, און די עלטערע אייניקלאַך זיינען זיך פאַרטאָן אין זייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען, האָבען זיי מיט'ן אַלטען ווע־ניג וואָס צו טאָן. קומט שוין אויס, אַז בלויז די קליינע קינדער גיבען זיך אָפּ מיט'ן זיידען און ער מיט זיי. אויך די איבעריגע טעכטער און זיהן זיינען ניט מעהר אַזוי „עקסייטעד" וועגען טאַ־טען. מ'וואַרפט זיך, חס ושלום, ניט אַרום מיט איהם, און אַלע העלפען איהם אויסהאַלטען. די מיטעלסטע טאָכטער פיהרט דעם חשבון: וויפיעל ס'קומט איהר פאַר „באָרד", פאַר זאַכען, וואָס זי קויפט פאַר'ן אַלטען. די קינדער רעכענען איבער, קוקען זיך גוט צו, אויב דער חשבון שטימט ריכטיג, און קיינער פון זיי רייסט זיך ניט צו געבען מעהר, וויפיעל ס'קומט אויס אויף זיין אָדער איהר חלק. דער זוהן, דער שטיקעל לאָיער, זוכט יעדען מאָל צו געבען ווענינער פון אַלעמען, און ער האָט אַלץ טענות וועגען עפּעס „אינ־טערעסט" פון די דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס מ'האָט אָפּגענומען פאַר'ן טאַטענ'ס גראָסערי.

דער אַלטער האָט ווייטער געריעדט וועגען זיין געוועזענער גראָ־סערי, און די טאָכטער האָט זיך אפילו ניט צוגעהערט.

— די קען מילך שטעהט אַף דרויסען! ווען איז ביי מיר די קען מילך געשטאַנען אויף דער זייט טיר? אין ווינדע אויפגעבויט א

תליה... מיט'ן קאָפּ אַראָפּ האָבען זיי איבערגעקערט די גראָסערי...
זיי ווארפען זיך מיט איהר... ס'געפעהלט זיי ניט די גראָסערי...
ער איז אוועק אין שוהל צו מנחה. נאָך מנחה האָט ער דאָרט געשמועסט מיט די נייע באקאנטע זיינע, און האָט זיך אָן דער גראָסערי פארגעסען.

6

דער אלטער זאלקינד האָט זיך צוגעוואוינט צו די קאַלטע, פרעמדע בראָנקסער גאַסען, און מיט דער צייט האָט איהם אלץ ווייניגער געצויגען „אהיים" — צו מאַנראָו און מאָנטגאָמערי. ער האָט זיך אויך אריינגעלעבט אין די גוטע בגדים, אין קאַפּעליוש, אין ווייסען קאָלנער מיט'ן האלזטוך און די „געשייגטע" שיך. און דער פּוסט־און־פּאַסעווען גאנצע טעג איז איהם שוין ניט געפאלען אזוי שווער, ווי אין אָנהויב. אָפּגעשטעלט זיך אין געגערבייט אין איהם און ניט געלאָזען רוהען האָבען בלויז עטליכע ווערטער: „וואָס איז דאָרטען געוואָרען?" וואָס האָבען די נייע דאָרטען געטאָן מיט דער גראָסערי? זיי האָבען שוין אודאי גע־מוזט מאכען פון אלץ א בארג אַש... איבערגעקעהרט מיט'ן קאָפּ אראָפּ... ער מוז וו'סען, ער קען ניט אויסהאלטען. איז ער אין א געוויסען טאָג ווידער אראָפּגעפאָהרען. אבער שוין ניט מיט אזא פארבענקטע הארץ, ווי דאמאָלסט, דעם ערשטען מאָל... און ער האָט זיך אויך ניט אויסגעמאָלען, אז אויף מאָנראָו און מאָנטגאָמערי „וועט זיך טאָן", אז ער וועט זיך דארטען באווייזען, ס'וועט זיך ארומקלייבען ארום איהם א רעדעל. פאָהרענדיג אהין, האָט ער שוין געוואָלט האָבען אָפּגע'פּטר'ט דעם עסק.

אז ער איז געקומען אויף מאָנראָו און מאָנטגאָמערי, האָט ער ניט דערזעהן די גראָסערי. ער האָט אויפגעריסען די אויגען. אָט איז עס! אבער ניט די גראָסערי. דער פענסטער איז פארקאלכט פון אינווענינ, און אויף דער דרויסענדיגער זייט איז אנגעקלעפּט א לאַנגער פּאַפּיר מיט א באקאנטמאכונג, אז נאָכדעם ווי די „אל־

טערייטאַנס" וועלען פאַרטיג ווערען, וועט דאָ ערעפענט ווערען אַ „מילכיגער רעסטאָראַנט מיט אַ דיירי לאָנטש רום".

דער אַלטער האָט דערפיהלט זיין האַרץ. ניטאָ מעהר זיין גראָסערי!... ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען? ווי אַזוי?...

ער איז געשטאַנען ביים באַקאַלכטען פענסטער און זיך אַרומגעקוקט, אפשר וועט ער דערזעהן אימיצען, וואָס זאָל איהם קענען ריכטיג דערצעהלען, ווי אַזוי עס איז געוואָרען אין גאַנצען אויס גראָסערי... אבער מאַנראָו און מאָנטגאָמערי האָט זיך איהרע אייגענע דאגות. מענשען געהען הין און צוריק, און קיינעם, ווייזט אויס, קימערט גאָר ניט, וואָס זיין גראָסערי, וואו ער איז אָפּגעשטאַנען עטליכע און צוואַנציג יאָהר, איז מעהר ניט קיין גראָסערי.

די טיר פון די געוועזענע גראָסערי איז געשטאַנען אביסעלע אָפען, און דער אַלטער זאַלקינד האָט געקענט זעהן, אַז אינוועניג זיינען פאַראַן מענשען. ער האָט אָנגעשטרענגט אריינגעקוקט. ער האָט דערזעהן ווי אימיצער ארבייט מיט אַ זעג. ער האָט אביסעלע מעהר געעפענט די טיר און אריינגעקוקט. ער איז אריין אינוועניג.

צוויי סטאָליארעס האָבען דאָרט געמאַכט די „אַלטעריישאַנס". די סטאָר איז געוועז ליידיג. אויפ'ן פלאָר — הובעל־שפענדלאַך, ברעטער, קלעצלאַך.

— וואָס דאַרפט איהר, פעטער? — האָט איהם איינער פון די סטאָליארעס געפרעגט.

— כ'האָב געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי ס'זעהט אויס — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ פול האַרץ — עטליכע און צוואַנציג יאָהר בין איך דאָ אָפּגעשטאַנען מיט מיין גראָסערי...

— כ'האָב אייך דאָ גאָר ניט געזעהן — האָט דער סטאָליאַר זיך געוואונדערט — אַ יונג פאָר פאָלק, דאַכט מיר, איז דאָ גאָר געשטאַנען.

— דאָס האָבען זיי ביי מיר אָפּגעקויפט — האָט דער אַלטער געזאָגט. און די האַרץ איז ביי איהם געווען ווייך און צואוואַרימט — פון מיר האָבען זיי דאָס אָפּגעקויפט.

— אייער געלט האָט איהר געקראָגען?

— כ'האב געקראגן, כ'זאג ניט, אז מיר קומט... כ'האב גע־זעהן יענעם מאל, אז זיי מאכען א תל... מיין ווייב איז געשטאר־בען — —

— „הארד לאק!” — האט אויסגערופען דער צווייטער סטא־ליאר, וועלכער האט געארבייט מיט'ן זעג און די גאנצע צייט זיך ניט אריינגעמישט אין געשפרעך.

דער אלטער איז ארוים פון זיין געוועזענער גראסערי. איהם האט זיך איצט שטארק געוואלט רעדען מיט אן אייגענעם מענשען, מיט אימיצען, וואס קען איהם, וואס ווייס, אז ער איז דא אפגעשטאנען עטליכע און צוואנציג יאהר מיט זיין גראסערי... ער האט זיך ארומגעקוקט און איז אריין צום שוסטער, אויף דער אנדער זייט גאס, אנטקעגען זיין גראסערי.

— האללאו, מיסטער זאלקינד! — האט דער שוסטער מיט איהם זיך דערפרעהט, דערלאנגענדיג איהם א פארפעכטע האנט — וואס מאכט איהר עפעס? וואס טהוט איהר דא מיט אמאל אין אונזער געגענד?

פון די „בעק” איז ארויסגעלאפען די שוסטערקע, און זי האט זיך אויך שטארק דערפרעהט מיט'ן אלטען זאלקינד. זיי האבען זיך נאכגעפרעגט, וואס מ'מאכט, געזיפצט אויף דער פארשטאר־בענער.

דעם אלטען איז געווען גוט צו הערען פריינדליכע רייד. ער האט באלד אנגעהויבען מיט זיין גראסערי.

— איהר'ט געזעהן, וואס מ'טוט דארטען? ס'וועט שוין מעהר ניט זיין קיין גראסערי... ווי אזוי האבען זיי דאס געמאכט א תל? כ'בין אפגעשטאנען עטליכע און צוואנציג יאהר...

— הלואי וואלט אייער ווייב געלעבט — האט די שוסטערקע געזיפצט — מיר רעדען דא געווען איבער וועגען אייך. די נייע האבען זיך אוועקגעשטעלט און ניט געוואוסט ווי צו האנדלען מיט מענשען, און געבריהט די קאסטאמער, ווי מ'וואלט געווען צו זיי פארקויפט און דערצו נאך געריסען די הויט, האט מען ניט געוואלט ארייגשמעקען צו זיי.

— די הארץ האט מיר געזאגט — האט דער אלטער זיך גע־קלאגט — כ'האב געזעהן... באלד האבען זיי אלץ איבערקעהרט מיט'ן קאפ אראפ... דער „קאנטער" איז ביי מיר געשטאנען עטלי־כע און צוואנציג יאהר...

ס'איז שוין געווען באלד מנחה־צייט, האט זיך דער אלטער געאיילט נאך די בראנקס. דער שוסטער און די שוסטערקע הא־בען שטארק אנגעבעטעי ער זאל אמאל קומען.

פארלאזענדיג די גאס, האט דער אלטער געפיהלט, אז ער געהט איצט אוועק פון א פרעמדער מאנראו און מאנטגאמערי. עפעס האט ער געפיהלט א קעלט אויף א פלייצע, און איהם האט די „הארץ געזאגט", אז ער וועט שוין אהער מעהר ניט קומען.

איהם האט זיך געוואלט וואס גיכער קומען אהיים, אנזאגען דער טאכטער די בשורה, אז זיין גראסערי איז שוין מעהר ניטא... א מילכיגער רעסטאראנט... נאר ס'איז שוין געווען שפעטלאך און ס'איז געווען א ריזיקע צו פארזאמען מנחה מיט קדיש, איז ער פארפאהרען אין שוהל.

נאך מנחה, אז די באקאנטע אידען האבען גענומען רעדען ווע־גען וועלט־זאכען, איז דאס דעם אלטען ניט געקראכען אין די אוי־ערען. איהם האט זיך געוואלט רעדען און דערצעהלען זיי פון זיין היינטיגער איבערלעבונג... עטליכע און צוואנציג יאהר איז ער אפ־געשטאנען אין זיין גראסערי — איז היינט ניטא מערד די גרא־סערי... א מילכיגער רעסטאראנט... ער פאהרט דארטען היינט צו, ער טוט א קוק — ס'איז ניטא די גראסערי — מ'מאכט א מילכיגען רעסטאראנט... אז ער איז געווען דארטען יענעם מאל, האט ער באלד געזעהן, אז זיי מאכען א תל... דער „קאנטער" איז אפגע־שטאנען עטליכע און צוואנציג יאהר...

אבער די אידען האבען ניט געקענט באנעמען די וויכטיגקייט פון דער זאך און פאר וואס ער „באדערט" זיך גאר וועגען דעם. זיי פרעגען איהם:

— וואס איז דאס אייער דאגה? אייער געלט האט איהר גע־קראגען?

— וואס פעהלט אייך אהן די גראסערי?

— איהר זייט דאך שוין דארטען ניטא, טו וואס ארט אייך, אז מ'מאכט א רעסטאראן?

דער אלטער זאלקינד טוט זיך דאס זייניגע: ער וויל אריינהאקען אין זיי, וואס מיט איהם איז היינט פארגעקומען... עטליכע און צוואנציג יאהר איז ער דארטען אפגעשטאנען מיט זיין גראסערי... די מעשה מיט'ן „קאנטער"... מיט'ן קאפ אראפ... ער האט באלד דעם ערשטען מאל געזעהן, אז זיי מאכען א תל... פאר די אידען איז דאס אבער ניט אינטערעסאנט, זיי ווילען ניט הערען.

גאנץ אפט פלעגט דער אלטער שוין פארבלייבען אין שוהל פון מנחה ביז מעריב. היינט האט איהם אבער געצויגען אהיים, אנזאגען זיין טאכטער — איז ער אוועק אהיים.

— מ'פיקסט דארטען איין א מילכיגען רעסטאראנט — האט ער געזאגט, ווי ער האט יאר געעפענט די טיר.

— וואו? — האט די טאכטער איהם אנגעקוקט.

— פון מיין גראסערי.

און ער האט ווידער אנגעהויבען מיט די „עטליכע און צוואנציג יאהר", „קאנטער", „מיט'ן קאפ אראפ"...

די טאכטער איז געווען פארטאן מיט'ן קאכען סאפער, און אויך פאר איהר איז די געשיכטע ניט אינטערעסאנט געווען, איז זי זיך אנגעגאנגען מיט איהר ארבייט; ניט געפרעגט און ניט געענטפערט.

דער אלטער איז אוועק צו מעריב.

ביים סאפער, אז אלע זיינען געזעסען ארום טיש, האט דער אלטער גענומען דערצעהלען זיי, וואס היינט איז געווען: מילכיגער רעסטאראנט... עטליכע און צוואנציג יאהר... „קאנטער"... מיט'ן קאפ אראפ... נאר קיינער האט זיך צו איהם ניט צוגעהערט.

די ערנידעריגטע

נאָר ניט לאַנג, מיט א קנאַפּע פּאָר וואָכען צוריק, איז מיסיס פריעדמאַן נאָך געווען גלייך מיט די אַלע אַנדערע פרויען פונ'ם הויז — א ווייב, א באַליבאָסטע און א מאַמע, וואָס האָט א הויז געפיהרט און אויף איהרע קינדער אַכטונג געגעבען. איז געקומען די אינפלוענצא־מגפה און דעם מאַן צוגענומען. און זי, מיט די קינדערלאַך, מיט'ן הויז, האָבען זיך אָפּגעשטעלט אַליין, ווי אויפ'ן מיטען ים.

אין איהר געוויין, אין איהר יאָמער נאָך איהר מאַן, דעם פאָ־טער און שפּייזער פון איהר און די קינדער, איז אויך פון איהר געדאַנק ניט ארויס, אז זי איז ניט מעהר גלייך מיט די אַלע אַנדערע, מיט וועלכע זי וואָהנט דאָ צוזאַמען, מיט די אַלע, וואָס קענען איהר. זי איז שרעקליך געשטראָפט געוואָרען, געפאַלען, געזונקען.

און די ערנידערונג איהרע איז געגאַנגען נאָך ווייטער.

אין עטליכע טעג ארום, ווי דער מאַן איז פון הויז ארויסגע־טראָגען געוואָרען, איז זי, די אלמנה, מיט נאָהענטע „משפחה" אין הויז ביי איהר געזעסען, און מ'האָט גערעדט מכח מיטלען, ווי אזוי זי זאָל זיך מיט די יתומים קענען ערנעהרען. די „משפחה" איז אויך באַשטאַנען פון אָרימע לייט, אזוי ווי זי אַליין, וואָס האָבען איהר ווייניג געקענט העלפען. אָבער מ'האָט דאָך געמוזט רעדען וועגען דעם. פריהער האָט מען זיך מיט דער אלמנה ווייניג גע־קענט צונויפרעדען. זי האָט אַלץ געשריען, אז זי דאַרף ניט לעבען ווייטער און וויל ניט לעבען. ביז זי איז אביסעל איינגעשטילט גע־וואָרען, גענומען צוהערען זיך, וואָס מען רעדט צו איהר און זי האָט אָנגעהויבען באַנעמען, אז מיט וויינען און קלאָגען וועט זי גאָר־נישט מאַכען. די „משפחה" האָט אָנגעווענדעט די באַוואוסטע רייד אין אזא אומגליק, אז זי „מוז זיך שטאַרקען און זיין א מענש"...

צוליעב די יתומים מוז זי דאָס טאָן. וואָרים פון איצט אָן וועט זי דאָך דאַרפען זיין די יתומים'ס טאַטע און מאַמע צוזאַמען. זי טאָר ניט מאַכען א תל פון זיך צוליעב די יתומים.

מ'האָט גערעדט וועגען דעם, אז די אלמנה זאָל געהן ארביי־טען; האָט זיך געפרעגט, וואו זי וועט איבערלאָזען די קינדער. איז געפאַלען א פּאָר ווערטער וועגען „אוועקגעבען" ערגעץ די קלע־נערע — די אלמנה איז ארויס מיט א נייעם געוויין, און מ'האָט איהר קוים איינגעשטילט. וועגען א סטענד האָט מען גערעדט; אָבער עפּעס א „סטאַרקע" איז אלעמען בעסער געפעלען געווען, ווייל זי וואָלט געקענט זיין צוזאַמען מיט די קינדער. מ'האָט גערעדט וועגען געלט, וויפיעל יעדערער פון דער משפחה וועט קענען אויסבאָרגען. אין מיטען די רייד האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר און עס איז אריינגעקומען, אָהן א ראָק און אָהן א היטעל, א יונגערמאַן, א שכן פונ'ם הויז.

אריינגעקומען איז דער שכן מיט א שווערען האַרצען. ער האָט געהאַט צו זאָגען עפּעס, וואָס ער האָט פון מויל ניט געקענט ארויס־ברענגען. נאר ער האָט געמוזט ארויפקומען זאָגען. ער איז נאָך ביים אָנקלאַפּען אין טיר ניט זיכער געווען, אז ער וועט קענען ארויסזאָגען. דערפאַר איז איהם פיעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, דערזעהענדיג מענשען אין הויז. ער האָט זיך פאַרגע־שטעלט, אז דאָס זיינען נאָהענטע דער אלמנה'ס. מ'האָט איהם געבעטען זיצען, און ער האָט זיך געזעצט. די פאַרזאַמעלטע אין הויז האָבען פאַרשטאַנען, נאָך דעם אריינגעקומענעמס גאַנג — אָהן א ראָק און אָהן א היטעל — אז ער איז איינער פון הויז, און ער איז מסתמא גלאַט אזוי אריינגעקומען, געוואָהר ווערען, וואָס דאָ הערט זיך.

נאָכ'ן אָפּזיצען א פּאָר מינוט, האָט דער שכן זיך אויפגע־שטעלט און געזאָגט צו איינער פון די פרויען אין הויז, אז ער וויל מיט איהר רעדען עטליכע ווערטער — זי זאָל מיט איהם ארויס־געהן. ער איז ארויס און זי איז איהם נאָכגעגאַנגען.

אויף יענער זייט טיר האָט דער שכן אוועקגעלעגט, וואָס ער

האָט געהאַט צו זאָגן. ס'איז געווען אזא מעשה: זיין ווייב ריכט זיך היינט־מאָרגן אין קינפּעט — אפשר נאָך טאַקע היינט. צוליעב דער אינפלוענצא איז א גרויסער דוחק אויף נוירסעס, מ'קען פאַר קיין פאַל ניט קריגן קיין נוירס, אדער אזוי א פרוי, וואָס קען גערן ארום א קינפּעטאָרין — ער האָט זיך געהיט ארויסצו־זאָגן דעם וואָרט „וואָרטספרוי", וואָס איז ביי איהם אויפ'ן צונג געלעגן. ער האָט אומעטום נאָכגעפרעגט און קען ניט קריגען. האָט זיין ווייב זיך דורכגערעדט מיט איהם, אפשר וואָלט זי, מיסיס פריעדמאַן, דאָס אנגענומען. זיי וועלען גאַנץ פיין באַצאָהלען — פינף און צוואַנציג טאָלער א וואָך, און זי וועט זיין צוויי וואָכען. ס'איז דאָ גופא אין הויז, איין פלאָר ארונטער. נאָר די ווייב זיינע קען דאָס ניט זאָגן מיסעס פריעדמאַן, קיינע פון די הויזיגע האָט זיך דאָס ניט אונטערגענומען. האָט ער געמוזט אליין ארויפ־קומען, און ער האָט זיך דערפרעהט, אז ער האָט געטראָפען מענ־שען אין הויז. בעט ער איהר, די קרובה, זי זאָל דאָס זאָגען מיסיס פריעדמאַן. ער מוז דאָס גלייך וויסען. טאָמער ניט, וועלען זיי זעהן, וואָס זיי האָבען צו טאָן.

אין הויז האָט מען שוין נייגעריג געוואַרט צו הערען, וואָס דער שכן האָט געהאַט צו זאָגן — די אלמנה מעהר פון אלעמען. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז מ'האָט דאַרט, אויף יענער זייט טיר, וועגען איהר גערעדט.

די אלמנה איז שטאַרק בלאַס געוואָרען, אויסהערענדיג דעם באַריכט... באַגראָבען דעם קאָפּ אויפ'ן ברוסט. נאָר ווייגען האָט זי איצט גראַד ניט געקענט.

ס'איז געווען שטיל א ווייל־קע. אלע זיינען געבליבען זיצען מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ. מ'האָט געפיהלט א שווערען וועהטאָג אין הארצען... ס'האָט זיי ניט דערלאָזען אויפהויבען די אויגען, טאָמער טרעפט מען זיך מיט די אויגען פון דער אלמנה... די שטיל־קייט און שווערקייט פון דער ווייל־קע האָט מען מיט'ן האַנט געקענט אָנטעמען... יעדערער באַזונדער האָט געוואָרט, אז אימי־צער אנדערס זאָל אָנהויבען רעדען וועגען דער זאַך...

די ערשטע האָט אָנגעהויבען רעדען די מוהמע פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, אַן עלטערע פרוי אין אַ פּאַטשיילע איבער'ן קאָפּ און מיט אַ שטרענגען פּנים. דער מוהמען ווייזט זיך אַלץ אויס, אַז די אַלמנה וויל זיך עפּעס „ארויסמאכען", וויל זיך גרינגער מאַכען דעם יאָך, וואָס איז איצט אויף איהר געפאַלען צו ערנעהרען און האָדעווען די קינדער. דער שווייגען אַלעמענס איז איהר ניט גע־פעלען געווען. זי האָט מורא געהאַט, אַז מ'וועט „בלייבען ביים שווייגען". האָט זי געזאָגט, אַז די אַלמנה מוז דאָס אַננעהמען. זי טאָר דאָס פון האַנט ניט ארויסלאָזען.

דערנאָך האָבען שוין די איבעריגע פריי גערעדט. ס'איז גע־ווען אַלעמענס מיינונג, אַז זי זאָל דעם „דזשאָב" אָננעהמען. מ'האָט איהר געטרייסט, אַז ס'איז „גאָר נישט" — מיט וואָס איז דאָס ערגער פון ארביימען אין שאָפּ? די שטרענגע מוהמע דעם פאַר־שטאָרבענעם'ס האָט אויסגערעכענט, וואָס מ'קען אויפטאָן מיט פופציג טאָלער. די יתומים דאַרפען „קאָוטלאַך" און שיך; באַלד איז שוין די רענט און דער לענדלאָרד וויל פון קיין זאַך ניט וויסען — פאַר איהם מוז זיין. ס'וועט צוניץ קומען פאַר די יתומים. און זי האָט שטאַרק, שטאַרק געקוועטשט „די יתומים", מיט שטרענג־קייט און מיט טרויער... געזוכט צו מאַכען זיך וואָס שטרענגער און וואָס טרויעריגער, — אַנוואַרפען וואָס מעהר מורא אויף דער אַלמנה... און זי האָט נאָך צו די „יתומים" עטליכע מאָל דערמאָנט דעם לענדלאָרד.

אַלע האָבען זיך ארייננעמישט און געזאָגט, אַז זי טאָר ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט צו פאַרדינען פופציג טאָלער. נאָר איינע פון די פאַרזאַמעלטע האָט ניט גערעדט, און די גאַנצע צייט די אויגען ניט אויפגעהויבען. דאָס איז געווען דער אַלמנה'ס גאָר אַ נאָהענטע חבר'טע, נאָך פון די מיידעלשע יאָהרען. זי איז גע־זעסען מיט'ן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ קרומלאַך אָנגעשפּאַרט אויף אַ האַנט און מיט דער אַנדערער האַנט אונטערגעהאַלטען דעם עלענ־בויגען. איהר האַרץ איז ביי איהר מיט יסורים'דיגע בלוט פאַר־גאָסען געווען. דזשעני'ן קומט אויס ווערען אַ וואָרטספּרוי... און

נאָך דאָ אין הויז דערצו... זי קען דאָך דזשעני'ן... און זי מוז דאָ זיצען און זיין דערביי...

די אלמנה גופא האָט זיך ניט אריינגעמישט. זי האָט גאָר ניט געקאָנט זאָגען. זי האָט געשוויגען און די אויגען זיינען ביי איהר פארגלעזוערט געווען. זי וואָלט בעסער די ערד געגראָבען... מיט'ן נאָז די ערד געאַקערט, שטיינער געשלעפּט... א לעבעדיגע אין א גרוב אריינגעקראָכען... הלואי עפּענט זיך דאָ איצט א גרוב פאר איהרע אויגען... הלואי שטעהט זי מאָרגען ניט אויף... נאר זאָגען עפּעס האָט זי ניט געקענט... ווי האָט זי דען געקענט זיין גענגען דעם פּלאַן, אז די אלע, וואָס זיצען דאָ, זיינען זיך דאָך צו־ליעב איהר מיט איהרע קינדער אהער צוזאמענגעקומען, און זיי זאָרגען זיך פאר איהר, ווילען איהר העלפען... ווי קען זי ארויס־ברענגען, אז זי זאָגט זיך אָפּ פון פופציג טאָלער פארדינסט!...

מען האָט זיך היינט צו גאָר נישט דערערדט וועגען דער אלמנה'ס צוקונפט; מ'האָט אָפּגעלעגט אויף אן אנדערש מאָל. דער שכן האָט מיט זיין אריינקומען דעם געשפּרעך איבערגעריסען, און דערנאָך האָט מען שוין גערעדט וועגען די פופציג טאָלער פארדינסט. „משפחה" האָט דערפיהלט עפּעס א שטיקעל פאר־גרינגערונג פון די פופציג טאָלער, וואָס דער אלמנה שטעהט פאָר צו פארדינען אין די קומענדיגע פאָר וואָכען, און מ'האָט געמיינט, אז ניט דוקא היינט מוז מען עפּעס אויפטאָן פאר דער אלמנה מיט די קינדער. מ'איז זיך צוגאנגען אהיים. דעם פארשטאָרבע־נעמ'ס מוהמע האָט געלאָזט וויסען דאָרט אין הויז, אז מיסיס פריעדמאן נעהמט אָן.

איבערגעבליבען מיט דער אלמנה איז די גאָר נאָהענטע חבר'טע איהרע. און אז זיי זיינען אליין געבליבען, איז זי נאָך אלץ גע־בליבען זיצען מיט'ן קאָפּ אויפ'ן האנט, אונטערהאלטענדיג דעם עלענבויגען מיט דער אנדער האנט.ביידע חבר'טעס האָבען גע־וויינט באזונדער. די אלמנה ביים טיש, און די חבר'טע אין איהר ווינקעל. די חבר'טע האָט פאר דער אלמנה קיין טרייסט־ווער־טער ניט געקענט געפינען, און זי האָט איהר אויך גאָר ניט געזוכט

איינצונעהמען מיט פאלשע רייד. זי האט צוזאמען מיט דער אלמנה געוויינט אויף איהר גרויסען אומגליק, אויף די שרעקליכע ערנידערונג...

איבער'ן הויז האט מען זיך גיך דערוואוסט, אז מיסים פריעד־מאן „געהט ווערען" מיסים ראזען'ס ווארטספרוי — מ'האט פריי ארויסגעזאגט דעם ווארט „ווארטספרוי", אום דערמיט צו באווייזען דעם גרויסען רחמנות, דעם מיטפיהלען מיט דער אומגליקליכער מיסים פריעדמאן אין איהר געפאלענקייט. די שכנה'ס האבען וועגען דעם מיט וועהטאג גערעדט און אנדערע פון זיי האבען די אויגען געווישט. צו דער ערב־קינפעטאריו, מרס. ראזען, האבען די שכנה'ס א סך גערעדט וועגען דער געשיכטע. כמעט אלע האבען זיי געזאגט, אז זיי וואלטען דאס ניט געקענט טאן... זייער הארץ וואלט זיי בשום אופן ניט דערלאזען טאן אזא זאך... נעמען מיסים פריעדמאן פאר א ווארטספרוי... זיי וואלטען אין בעט ניט געקענט איינליגען, דער קינפעט וואלט זיי ניט איינגעגאנגען, אז מיסים פריעדמאן וואלט זייער ווארטספרוי געווען... זיי וואלטען זיך מיט איהר ניט געקענט שאפען פון דאנען אהין, אדער זאגען איהר עפעס...

מיסים ראזען האט אין אנפאנג גערעדט גאר „פארקעהרט", אדרבא, זי וויים — האט זי געזאגט (אביסעלע ליגען), אז ביי מי־סים פריעדמאן אין הויז טוט זיך חושך. איידער ער איז געשמאר־בען איז ער א צייט ארומגעגאנגען אהן ארבייט, די קינדער געהן אפגעריסען. ס'איז אודאי קיין ברויט דארטען ניטא. האט זי גע־מיינט יענער'ס טובה, זאל זי ביי איהר פארדינען עטליכע טאלער, צוויי וואכען צו פינף־און־צוואנציג טאלער א וואך — פופציג טא־לער. אזוי האט מיסים ראזען גע'טענה'ט. נאר אז די שכנה'ס האבען אלץ געהאלטען זיך ביי זייעריגע, אז זי האט דאס ניט גע־טארט טאן... ניט געטארט, ניט געטארט — האט שוין מיסים ראזען זיך מודה געווען און אויסגעזאגט דעם אמת. זי האט זיך ניט געקענט העלפען, זי האט קיינעם ניט געקענט קריגען, און זי קען

דאָך ניט ליגען „אליין" אין בעט און ניט האָבען ווער עס זאָל איהר עפּעס דערלאַנגען. זי האָט זיך אויך מודה געווען, אז זי האָט שוין חרטה אויף איהר אויפטו, און זי וועט שוין פון איהר קינפּעט קיין הנאה ניט האָבען. וואָס זאָל זי אָבער טאָן? געהן איצט איהר אָפּ־זאָגען? מיט דעם וועט זי דאָך מאכען נאָך טויזענט מאָל ערגער...

מ'האָט מיט איהר איינגעשטימט, אז איצט איז שוין פאַרפאַלען, ס'וועט זיין א סך ערגער, אז מ'זאָל איהר איצט „טשעפּען" — אלע ווייסען דאָך שוין דערפון סיי ווי סיי.

און ס'איז שוין אזוי אויסגעקומען, אז אָנשטאָט דעם, וואָס ביז איצט האָבען די שכנה'ס געזוכט צו האַלטען זיך נאָהענט צו דער פרישער אלמנה, געבאָך, רעדען מיט איהר, ארויפקומען צו איהר אין הויז, טרייסטען איהר — האָט מען איצט געזוכט ניט צו באַ־געגענען זיך מיט איהר, אויסמיידען איהר... די שכנה'ס האָבען זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס טוט זיך איצט ביי מיסים פריעדמאן אויפ'ן הארצען, און זיי האָבען זיך געזאָגט, אז די אלמנה וויל זיך מיט זיי ניט טרעפען...

און די מיטפיהלענדע שכנה'ס האָבען ריכטיג פאַרשטאַנען, אז די אלמנה וויל זיך איצט מיט קיינעם ניט באַגעגענען, וויל ניט זעהן די אלע, מיט וועמען זי איז דאָ ניט לאַנג געווען א גלייכע, און וויל ניט, אז זיי זאָלען איהר זעהן... איז זי וואָס ווייניגער פון הויז ארויס... נאָך דאָס נויטיגסטע געשיקט א קינד. מיסעס ראָזען האָט זיך נאָך אזוי גיך ניט אוועקגעלעגט. און די ערגידעריגטע האָט אין איהר באַהאַלטעניש אויף דערווייל אויסבאַהאַלטען זיך פון דעם מאָמענט, וואָס מוז באַלד קומען...

פּראָהיבישאָן

דער עהרליכער שניידער, משה הערשמאַן, איז קיינמאָל ניט געווען שוה בשוה מיט זיין זוהן, ליבעל. קומענדיג אין אמעריקא, האָט דער טאַטע געפונען דעם זוהן אן איינגעפונדעוועטען סאַלון־קיפּער אויף סאָפאָלק סטריט, אין דעם רעכטען קאָך פון עקספּרעסען און עקספּערסלייט. ליבעל אליין איז אויך געווען אַמאָל איי־נער פון די חברה עקספּרעסלייט. דאָס איז געווען גאר לאַנג צוריק. בשעת זיין טאַטע־מאַמע זיינען געקומען צופאָהרען, האָט שוין „לייבעל׳ס סאַלון“ געהאַט א שם אין יענעם מקום.

דעם טאַטען האָט שטאַרק וועה געטאָן וואָס לייבעל האַלט זיין סאַלון אָפען שבת, און ער האָט געמיינט, אז ער וועט קענען אי־בעררעדען זיין זוהן און איהם באַווייזען, אז ער וועט גאָר פאַר־דינען מעהר אָפּהיטענדיג שבת. גאָט וועט איהם צושיקען אין די זעקס טעג מעהר לייזונג. אבער לייבעל האָט זיך ניט געלאָזט פיעל רעדען און ניט געקענט איינזעהן, ווי אזוי ער וועט פאַרדינען מעהר, אז זיין סאַלון וועט זיין שבת צוגעמאַכט.

אין גיכען האָט זיך דער טאַטע ארומגעזעהן, וואָס אין אמעריקא טוט זיך און ער האָט פאַרשטאַנען, אז אזוי איז עס און אזוי בלייבט עס, און איהם וועט גאָרנישט העלפען. איז ער אנשוויגען געוואָרען. ער האָט זיך אביסעל געטרייסט מיט דעם, וואָס די קלענערע קינ־דער לייבעל׳ס וועלען זיין עהרליכע אידען. פרייטאג צו נאַכט און שבת האָט ער זיי מיטגענומען אין שוהל און געהאַלטען לעבען זיך, און זיי האָבען געגעסען ביי זיין טיש, געוואַשען זיך צום עסען און געמאַכט קידוש און געבענ׳שט. דאָס האָט לייבלען ניט געאַרט; א דאגה זייגע; פון זיינטוועגען מעגען זיי דאָ ווערען רבנים.

אביסעל שפעטער האָט דער אַלטער פאַרלאָרען זיין נחת פון נעמען די איניקלאך אין שוהל פרייטאג צו־נאכט און שבת. די ערשטע צייט איז די שוהל מיט די צערעמאָניעס געווען אינטערע־סאנט פאר די קינדער. דערנאָך איז זיי דאָס מיאוס געוואָרען, און זיי פלעגען זיך באהאַלטען, בשעת דער זיידע פלעגט קומען זיי נעמען; אדער פלעגען זיך אוועקרייסען און אנטלויפען פון מי־טען וועג, אדער אין מיטען דאַוונען. א פאָר מאָל האָט דער זיידע גע׳מסר׳ט צום טאַטען:

— לייבעל, מאַקס מיט בעני׳ן זיינען אנטלאָפען פון שוהל. זיי ווילען ניט געהן.

אבער לייבעל האָט זיך ניט שטאַרק גענעסען ס׳הארץ פון אזא בשורה און פלעגט גיך אָפּ׳פּטר׳ן דעם טאַטען:

— וואָס זאָל איך זיי טאָן? צובינדען זיי?

— קענסטאָך אָנשרייען אויף זיי, וועלען זיי מורא האָבען.

און דער אַלטער פלעגט וועלען צורעדען זיך, אריינ׳טענה׳נען מיט׳ן זוהן וועגען מאכען די קינדער פאר עהרליכע אידען. לייבעל האָט אָבער קיין געדולד ניט געהאט פאר אזעלכע געשפּרעכען; פלעגט ער דערפאר זיך צואיילען און בעטען דעם טאַטען, ער זאָל אויפהערען „האקען א טשייניק“ און זיך אָנגעהן מיט זיין ארבייט ביים „באר“ אדער ווייטער בלייבען זיצען מיט זיין חברה עקס־פרעסלייט ביי די קאָרטען.

און אויך דעם קלאַפּ פון די איניקלאך האָט דער אַלטער ארוי־בערגעטראָגען. וואָס זאָל ער טאָן? פארפאלען.

אבער א טאַטע איז א טאַטע, און לייבעל האָט אָפּגעגעבען דעם טאַטען „כבוד אב“. יעדען מאָל, וואָס דער אַלטער פלעגט אריינקומען אין סאַלון — טאקע גאָר אָפט — האָט ער געטרונקען די בעסטע ביסעל בראנפען אין פלאַץ. לייבעל׳ס העלפער ביים באר האָט שוין געוואוסט, אז פאר׳ן אַלטען שטעלט מען אוועק די פלאַש, וואָס געפינט זיך פאררוקט ערגעץ אָן א זייט, ניט איינע פון די, וואָס מ׳דערלאנגט די שטענדיגע חברה עקספּרעסלייט. א פלעשעל גוטען שנאַפּס האָט דער אַלטער אויך געהאט אין דער

היים אויף שבת. אין די הייסע זומער־נעכט פלעגט ער גהען עט־ליכע בלאָק אין איין אונטער־הענדעל צום זוהן, טרינקען א גלאז ביער. אבער צופרידען איז דער טאטע ניט געווען. ערשטענס, דער שבת; דערצו לעבט לייבעל ווי א גוי: ער הערט קיינמאָל קיין אידישען וואָרט ניט, שמעקט ניט אריין אין א שוהל, א חוץ ראש השנה און יום כפור. די קינדער וואקסען אויס און ווייסען ניט וואָס אידישקייט איז. ער האָט שוין אבער אויפגעהערט רעדען וועגען די זאכען. וואָס וועט איהם העלפען דער רעדען? לייבעל ענטפערט ניט, און וויל אפילו ניט הערען.

אזוי זיינען פאראיבער עטליכע יאָהר. און ס'האָט פאסירט א געשיכטע, וואָס האָט געמאכט א מורא'דיגען ריס צווישען טאטען און זוהן.

ס'איז געקומען די גזרה „פראָהיבישאָן". לייבעל האָט זיך געמוזט זוכען א נייע פרנסה און ער האָט זיך דערוואוסט פון א גרויסער מציאה, א גוי'שקע בוטשער סטאָר פון אן אלטען דייטש, ערגעץ אויף דער וועסט סייד, מיט א גאראנטיע אויף איבער צוויי הונדערט דאלאר א וואָך פראָפיט. נאָר אזוי ווי לייבעל אליין האָט ניט געהאט קיין ידיעה אין בוטשעריי, האָט ער עס געקויפט מיט א שותף, וועלכער איז געווען אביסעל באקאנט מיט דער ביזנעס. דער אלטער האָט זיך דערפון דערוואוסט, אז עס איז שוין געווען נאָך אלעמען. לייבעל האָט פיינט געהאט צו עצה'ן זיך מיט'ן טאטען און וועגען אזא מין עסק האָט ער אין גאנצען ניט געפונען פאר נויטיג צו רעדען מיט'ן טאטען.

דער אלטער איז אויפגעציטערט און אויפגעקאָכט געוואָרען, דערהערענדיג די גוטע בשורה. ער האָט געוואָלט לויפען צו לייב־לען, נאָר איהם האָט „די הארץ געזאָגט", אז זיין לויפען וועט זיין אומזיסט — ער קאָן דאָך לייבלען! צו וואָס זאָל ער זיך נאָך מיאוס מאכען און גהען מיט איהם רעדען!...

דעם אלטענס טענות זיינען געווען בלוטיגע, פון טיפען האר־צען ארויס:

— קענסט מחלל שבת זיין, ניט נעמען קיין טלית און תפילין

אין האנט, קענסט אפילו קיין קדיש נאך מיר ניט זאגען! אמעריקא איז פול מיט אזעלכע. א איד בלייבט מען אלץ. אבער נעמען און ארײנשטעלען זיך אין טרפות און האלטען דאס מיט די אייגענע הענט און פארקויפען — אויף דאס דארף מען שוין זיין טויזענט מאל ערגער ווי גע׳שמד׳ט!... ווי קען א אידיש קינד דאס טאן? אזעלכע קינדער וואס האדעווען זיך אויס אין הויז, קומען ארויס ערגער פון גוים! א גוי ווייס דאך אויך, אז זיין אמונה!...

אבער דאך, די צייט, דער „פארפאלען" האבען געלינדערט דעם טאטענ׳ס וועהטאג. ער האט זיך צוגעוואוינט, ווי ער האט זיך צוגעוואוינט צו זיין זוהנ׳ס מחלל שבת זיין און ניט נעמען א אידיש ווארט אין מויל; ווי ער האט זיך דערנאך צוגעוואוינט, אז די אייביקלאך זיינען פון איהם אנטלאפען, ניט געוואלט מעהר געהן אין שוהל און זיינען פאר זיינע אויגען געוואקסען אזעלכע פרומע אידען, ווי זייער טאטע — און ער האט גאר נישט געקאנט טאן, געטראגען דעם וועהטאג, ביז די צייט האט עס געלינדערט — אזוי איצט מיט זיין זוהנ׳ס טרפה פרנסה. דערצו נאך האט ער דאס איצט נים געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען: יענער יז אין „אלדע־שווארץ־יאהר" צווישען גוים!

א סוף, ער האט ניט מעהר קיין זוהן לייבעל! ער וויל פון איהם ניט הערען און ניט וויסען, און פון דעם דור גוים, וואס דארט וועט אויסוואקסען אין טרפה׳ן בוטשער סטאר, וויל ער אויך ניט הערען און ניט וויסען — געשטארבען זיינען זיי פאר איהם! זיי זיינען ניט זיינע!

די אלטע מאמע האט זיך אויך גענוג געגריזשעט פון איהר זוהנ׳ס שעהנעם אויפטו מיט׳ן ווערען א גוי׳שקער בוטשער, און זי האט זיך געהיט, אז די שכנים און באקאנטע זאלען זיך, חס ושלום דערפון ניט דערוויסען. און ס׳האט איהר גערוכט, אז מ׳ווייס שוין, נאר מ׳מאכט זיך ניט וויסענדיג, מ׳וויל ניט פארגיסען איהר בלוט. איינמאל האט פאסירט, בשעת זי איז געגאנגען דורך סאפאלק סטריט, אויפ׳ן בלאק וואו דער זוהן האט געהאלטען דעם סאלון, האט איהר די „שוסטערקע" אפגעשטעלט און אומשולדיג־

ניינעריג געפריגט איהר וועגען איהר זוהן — מ'האָט איהם דאָרט גוט געקענט, א תושב געוועזען אויפ'ן בלאָק.

די אַלטע מאַמע האָט זיך דערשראָקען. די „שוסטערקע" ווייס געוויס וועגען לייבלען, נאָר זי פרעגט אום צו רייצען זיך מיט איהר... האָט זי געשטאַמעלט, צושראָקען, באַהאַלטענדיג די אויגען:

— מיין זוהן... וואָס געהאַלטען דעם סאַלון... ער'ט אוועקגע־מופט פון דאַנען... אין א קאַנטרי האַלט ער א סטאָר...

און זי איז אוועק, און מורא געהאַט א קוק טאָן הינטער זיך — וואָס איהר האָט זיך אזוי געוואָלט — זי איז זיכער געוועזען, אז יענע לאַכט איהר נאָך, און מסתמא שטעהט שוין לעבען איהר נאָך איי־נע, און זיי דערצעהלען זיך איינע די אַנדערע...

די אַלטע האָט אויסגעמיידט יענעם בלאָק.

אין האַרצען האָט זי זיך פון איהר זוהן מיט זיין פאַמיליע ניט אָפּגעזאָגט, ווי דער טאַטע. לייבעל איז אוועק אויף א שלעכ־טען וועג, ס'איז א גרויסער וועהטאָג און בזיון. אבער מאַכען איהם פאַר אוים קינד איהר'ם קען זי ניט, זי ווייס ניט, ווי אזוי מ'טוט עס.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַך צווישען קרובים און לאַנדס־לייט וועגען הילף פאַר הונגעריגע און פּאָגראָמירטע שטעדטלאַך אין דער אַלטער היים. דער אַלטער הערשמאַן, לייבעל'ס טאַטע, האָט דאָרט טעכטער, איידעמס מיט קינדער, און מען האָט זיי גע־מוזט העלפען. די משפחה אין אמעריקא באַשטעהט פון אָרעמע לייט. דער רייכסטער צווישען זיי איז לייבעל, דער געוועזענער סאַלון־קיפּער און איצטיגער גוי'שקער בוטשער. מען איז צו איהם אוועק און ער האָט געגעבען פינף דאָלאַר אוועקצושיקען. אבער ניט דאָס האָט מען געמיינט. פינפערלאַך און נאָך מעהר האָבען אַלע געגעבען. פון לייבלען האָט מען ערוואַרט א גרויסע מטבע — א גאַנצען הונדערטער — ער האָט און קען געבען, נאָר לייבעל האָט א נאַטור, אז ס'העלפט ניט קיין רייד — אַז דאָס גיט ער און מעהר ניט — מעג מען רעדען אפילו ביז איבער א יאָהר — ער

הערט זיך גאָר ניט צו. די אַלטע מאַמע איז בשתיקה דעם אַלטען אָוועקגעפּאָרען צו לייבלען, געוויינט און געבעטען פאר די טעכטער און אייניקלאַך, זיינע אייגענע שוועסטער און פּלימעניקעס, וואָס געהן דאָרטען אויס פון הונגער און קעלט. איהר בעטען און וויינען האָבען לייבעל'ען גערירט און ער האָט געגעבען נאָך דריי דאָלאַר — מעהר קען ער ניט, מעהר האָט ער ניט.

פינף מיט דריי איז אַכט — דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ניט די מטבע, וואָס לייבעל קען און מוז געבען פאר די אויסגעהונגערטע און נאַקעטע משפחה, זיינע אייגענע שוועסטער און פּלימעניקעס און שוואָגערס; און עס האָט זיך גערודערט און געקאָכט צווישען די „אייגענע": מ'טאָר איהם ניט אָפּלאָזען, מ'טאָר איהם ניט שווייגען: א הונדערטער מוז מען ביי איהם קריגען, ניט ווייניגער פון א הונדערטער!... אַלע בלוטיגען זיך, שניידען זיך ביז'ן ביין, און ער וויל אָפּקומען מיט אַכט דאָלאַר!

מ'איז צוגעשטאַנען צום אַלטען, ער זאָל אַליין אריבערפאָה־רען צו לייבלען און ארויסקריגען פון איהם, וויפיעל ס'וועט נאָר מעגליך זיין. דער אַלטער איז געוואָרען אין כעס און ניט געוואָלט הערען: ער האָט ניט צו ווען צו פאָהרען! ער האָט ניט מעהר קיין זוהן לייבעל! ער וויל ניט שטעהן אין זיינע ד' אמות! ער טאָר קיין זאַך ניט אָנריהרען פון זיין האַנט. מ'האָט גערעדט און גע'טענה'ט צו איהם: ווער קוקט דען איצט פון וואַנען די געלט קומט? מ'נעמט פון אַלעמען; אפילו פון גוים נעמט מען צו ראַ־טעווען אידישע לעבענס פון פאַגראָמען. מ'האָט עטליכע מאָל אי־בערגע'חזר'ט פאר'ן אַלטען דעם באַקאַנטען ווערטעל: „דער גוי איז טריף, זיין געלט איז כשר". און ס'איז גאָר א מצוה פון איהם ארויסצורייסען. אפילו פאר פרעמדע וואָלט ער אויך געדאַרפט געהן קריגען געלט, בפרט פאר זיינע אייגענע קינדער און אייניק־לאַך, וואָס שטאַרבען דאָרטען פון הונגער. ער מעג געהן אָנפרעגען ביים גרעסטען רב, וועט ער אויך פּסק'ענען, אז ער מוז געהן. לייבעל וועט געבען; ער וועט האָבען דרך ארץ פאר'ן טאַטען.

— יע, ער האָט פאר מיר דרך ארץ! — האָט דער אַלטער גע־

זיפצט. שוין ווייכער ווי אין אָנפאנג — גרויסען דרך ארץ האָט ער פאר מיר! א גע'שמד'טער טרפה'נער ביין דארף נאָך האָבען דרך ארץ פאר א טאַטען.

צום סוף האָט דער אלטער זיך אונטערגעגעבען; ניט געווען שטארק געגוג בייצושטעהן די שרעקליכע בילדער, וואָס די „אייגע־נע" האָבען פאר איהם געמאָלען פון זיינע טעכטער און אייניקלאָך דאָרטען; ווי זיי וואלגערען זיך אויפ'ן גאס הונגעריגע, באָרוועסע און נאקעטע, און אז מ'קען זיי נאָך ראטעווען מיט אביסעל געלט — ער האָט זיך אונטערגעגעבען.

עס איז געבליבען צו פאָהרען אהין שבת ביי נאכט. ביידע וועלען זיי פארען, דער אלטער מיט די אלטע. שבת ביי נאכט, צוליעב דעם, וואָס דער אלטער ארבייט דאָך ניט שבת, וועלען זיי קענען פאָהרען באלד פון אבענד, און פאר איין וועגס וועט ער שוין זיין אָנגעטאָן אין די שבת'דיגע בגדים — דאָרטען איז דאָך צווי־שען גוים...

די גאנצע וועג אין קאר האָט זיך דער אלטער געפיהלט א דערשלאָגענער, אן אונטערגעגעבענער, און דערצו נאָך ווי איינער, וואָס האלט ביים איינגעמען עפעס א חלשות'דיגע מעדיצין. ער האָט זיך געפיהלט דערשלאָגען און אונטערגעגעבען דורך דעם, וואָס ער מוז פאָהרען צו א י ה ם און צו איהם רעדען. דער פייער אין זיין הארצען, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען דורך זיין זוהנ'ס אויפ־טו, איז דורך דער צייט א רעכט ביסעל איינגעלאָשען געוואָרען און האָט שוין ניט געברענט אזוי ווי אין אָנפאנג, און ער האָט ניט מעהר גאנצע טעג, אָהן אָפּלאָז, געטראכט דערפון. וועה געטאָן האָט איהם איצט ניט די גרויסע עברה פון זיין זוהן, נאָר דאָס, וואָס ער מוז צו איהם פאָהרען, און מוז זיך מיט איהם חבר'ן.

די גאנצע וועג, איז דער אלטער געזעסען מיט'ן פנים אריינ־געגראָבען אין באָרד. די וועג מעג זיך ציהען און ניט ענדיגען. און ער האָט דורך דער גאנצער נסיעה א וואָרט ניט אויסגערעדט צו זיין ווייב. ווייל־ווייז האָט ער גאר פארגעסען, אז זי גע־

פינט זיך לעבען איהם. און איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז זי האלט גאר פאר'ן זוהן, ווארום ער האט די גאנצע צייט גאר קיין קללות ניט געהערט פון איהר, זי האט ניט „איינגעלעגט די וועלט".

— דאס איז דאס, קום אראפ! — האט איהם די אלטע א צופ געטאן ביים ארבעל, בשעת די קאר האט זיך אפגעשטעלט אויף א געוויסען קארנער אויף דער וועסט־סייד.

זיי זיינען ארוים פון קאר.

— ס'איז אויף יענער זייט, מיר דארפען אריבערגעהן — האט זי געזאגט — זאלסט ניט אנהויבען באלד זידלען.

— נעהם זיך פאר איהם ניט אן — האט ער איהר צוגעשטא־בען.

— כ'נעם זיך ניט אן. אבער, אז דו'סט באלד אנהויבען, קע־נען מיר נאך אוועקגעהן מיט'ן ליידיגען. רייזע מיט מלכה'ן מיט די קינדער שטארבען פון הונגער.

דער אלטער האט ניט געענטפערט. און ער האט איצט ניט געפיהלט דעם וועהטאג פון דעם, וואס רייזע מיט מלכה'ן מיט די קינדער שטארבען דארטען פון הונגער; ער האט געפיהלט דעם וועהטאג פון זיינע אייגענע דערשלאגענקייט און אונטערגעבענ־קייט.

— דארט איז דער נומער פון די סטאר — האט די אלטע איהם אנגעוויזען.

דער אלטער האט אויפגעהויבען די אויגען און א קוק געטאן. ער האט דערזעהן דעם פענסטער פונ'ם בוטשער סטאר. און וואס האט ער דערזעהן! זייטען פלייש און צוויי קעפ פון חזרים מיט די חזיר'שע נעזער ארויסגעשטעלט צום גאס, איהם אין פנים אריין. זיין זוהן לייבלען האט ער אין סטאר ניט געזעהן — דער פלאץ איז געווען פול מיט פרויען, — מיט גוי'עס. דער אלטער האט געקוקט און ער האט דערזעהן לייבעל'ס קאפ. דערנאך דעם גאנצען לייב־לען אין א ווייסען כאלאט — שטארק פארטאן מיט די גוי'עס. דערנאך איז לייבעל צוגעקומען צום פענסטער און א נעהם געטאן א דבר אחר'שען קאפ אין זיינע הענט אריין און איז דערמיט אוועק.

— קום! קום! — האָט דער אַלטער אַ כאַפּ געטאָן זיין ווייב, ווי ווערענדיג אַנהאַלטען זיך אָן איהר — קום פון דאַנען! צום קאַר!

זיין קול איז געווען איבערגעריסען פון שרעק.

די אַלטע האָט זיך דערשראָקען, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז ס'וועט ניט העלפען איצט רעדען צו איהם, און זי איז געגאַנגען צוריק מיט איהם צום קאַר. ער האָט זיך געשלעפּט ווי מיט אונ־טערגעהאַקטע פיס.

חזיר'שע קעפּ מיט נעזער האָט דער אַלטער ניט געזעהן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין אַמעריקאַ. אין דער היים האָט ער דאָס אָפּט געזעהן אין אַ מאַרק־טאָג. אָבער אָפּגעגעבען מיט דעם האָבען זיך גוים... אַ איד האָט פון דעם געוויכט. ס'האָט געקערט די גאַל... איצט האָט ער געזעהן זיין זוהן נעמענדיג דאָס אין די הענט אריין...

זיי זיינען געפאָרען צוריק אהיים.

דער אַלטער איז געזעסען מיט פאַרמאַכטע אויגען, און ער האָט געזעהן חזיר'שע קעפּ, חזיר'שע נעזער... עס איז אַ מאַרק־טאָג... גוים... גוים... זיי פרעסען שטיקער חזיר... זיין זוהן לייבעל איז אויך מיט זיי... ער האַלט אין די הענט אַ חזיר'שע קאָפּ... ער זעהט לייבעל'ס קינדער מיט חזיר'שע קעפּ... אַ פאַסטוך טרייבט אַ סטאַ־דע חזירים...

די אַלטע האָט אַלע ווייל אַ קוק געטאָן אויף איהם פון אַ זייט. הלואי זאָל גוט זיין מיט איהם... איהר דוכט זיך, אַזוי האָט ער אויסגעזעהן ווען ער איז אַמאָל אריינגעפאַלען אין אַ היץ־קרענק... נאָר זי האָט געשוויגען. אַ פולע קאַר מיט מענשען.

אריינקומענדיג אין הויז, האָט דער אַלטער זיך צואווייינט ווי אַ אידענע, אָדער ווי אַ יונגע מיידעל אין אַ גרויס האַרץ־אומגליק. די ווייב האָט זיך געזעצט לעבען איהם, און ניט געהאַט, וואָס איהם צו זאָגען. ער האָט געוויינט און געווישט דעם פנים מיט די שבת'דיגע רויטע פאַטשיילקע.

אין אַ ווייל ארום האָט ער געזאָגט, אַזוי ווי זידלענדיג זיך אַליין:

— וואס פאר א טאטע בין איך! וואס פאר א מענש בין איך? אז כ'וואלט געווען, ווי א טאטע דארף זיין, וואלט איך דארטען געכאפט א האק, צו א שטיק אייזען, און איהם דערלאנגט איבער'ן קאפ, און ס'וואלט געווען א סוף! וואס פאר א טאטע בין איך?!...

די אלטע האט זיך דערפיהלט אביסעל בארוהיגט פון זיינע רייד, ווארים איהר האט זיך די גאנצע וועג פאהרענדיג אהיים און דערנאך אין הויז אויסגעוויזען, אז דער אלטער וועט אריינפאלען אין עפעס א קריינק און וועט אפליגען צו־בעט א לאנגע צייט. נאר זיינע ווערטער „מיט א האק איבער'ן קאפ" האבען איהר דערשראקען — ניט פאר'ן אלטען, נאר פאר איהר זוהן.

— וואס וואלסטו שוין געהאט דערפון? — האט זי נעזאגט — ס'וואלט נאך ערגער געווען.

— וואס קען זיין ערגער?! — האט דער אלטער געזאגט מיט ארויסגעשטארטשעטע פארוויינטע אויגען — וואלט מען מיר גע־זעצט אויפ'ן עלעקטריק טשער, וואלט מיר געווען בעסער, ווי היינט און כ'וואלט געווען מעהר עהרליכער איד, און דער דזשאדזש וואלט אויך געזאגט, אז איך בין גערעכט.

— אפשר וועט ער נאך אוועקווארפען די סטאר — האט די אלטע געזאגט, אליין פיהלענדיג, אז זי גיט איהם א שוואכען טרייסט... זי אליין האט ניט געגלויבט אין דעם.

— דאס איז שוין ביי מיר אלע די זעלביגע... אפשר האלסטו גאר מיט איהם?... — האט ער איהר אנגעקוקט מיט שארפען פארדרוס.

— רייד ניט, ווי א קינד — האט זי זיך הארציג פארענטפערט — ווער קען דאס האלטען מיט איהם?

דער אלטער האט פלוצלונג זיך אויפגעשטעלט און גענומען געהן פון טיש. זי האט זיך דערשראקען און געוואלט שטעלען זיך אין וועג... אפהאלטען איהם... ער האט איהר אוועקגעשטופט פון זיך, אריינגעכאפט זיך אין בעד־רום, און באלד ארויסגעקומען פון דארט מיט א געפלאכטענעם „גאלאן" אין האנט, ארויסגעצויגען די קארק און געגאסען אין „סינק" אריין.

— כ'דאַרף ניט... כ'וועל לעבען אָהן בראַנפען... ביי מיר אין הויז טאָר זיך דאָס ניט געפינען — האָט ער גערעדט בשעת די בראַנפען איז געלאָפען פון קליינעם העלזעל אין „סינק" אריין.

און ער האָט אויסגעגאָסען דעם גאַנצען „גאַלאָן", וואָס לייבעל האָט איהם געגעבען בשעת ס'איז געוואָרען פּראָהיבישאָן, און דער אַלטער האָט דאָס געהיט ווי די אויג אין קאָפּ, גענומען טראָפּענוויז, ווי רפואות — באַלד וועט שוין ניט זיין און מ'וועט ניט קריגען פאַר קיין געלט.

כ'וויל קיין זאַך ניט האַלטען ביי מיר אין הויז, וואָס ס'איז געקומען פון זיינע הענט — האָט ער געזאָגט דער אַלטער, דערלאַנגענדיג איהר דעם ליידיגען „גאַלאָן" — וואַרף דאָס שוין אַרויס פון מיין הויז.

די אַלטע איז געשטאַנען כמעט א גליקליכע, וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזען צום „גאַלאָן" שנאַפּס... גאָט צו דאַנקען!...

דער אַלטער האָט דערזעהן נאָך עפּעס פון זיין זוהן. א קליין פּאָרטרעטעל, וואָס לייבעל האָט מיט א סך יאָהרען צוריק געשיקט אַהיים, ווען ער איז נאָך געווען א גרינגער בחור'ל אין אַמעריקאַ. אין א קאַפּלושעל שטעהט ער דאָרט, מיט איין האַנט אַראָפּגעלאָזען שטייף אויפ'ן זייט און מיט דער אַנדערער האַנט אַנגעשפּאַרט אָן א שטוהל. דער אַלטער האָט איצט א ריס געטאָן דאָס בילדעל פון וואַנט צוזאַמען מיט'ן טשוועקעל. די מאַמע האָט געוואָלט א געשריי טאָן: „אַי!" זי האָט אָבער פאַרקוועטשט אין זיך.

— אין די מיסט! אין די מיסט! — האָט דער אַלטער גערעדט — ניט ביי מיר אין הויז — אין די מיסט! און ער האָט עס אַריינגעשטאָפּט אינ'ם עמער מיסט אונטער'ן סינק.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַביסעל באַרוהיגט.

די אַלטע איז שוין איצט אין גאַנצען זיכער געווען, אַז מיט דעם אַלטען וועט שוין ניט פּאַסירען קיין בייזעס, ער וועט גאָר נישט אָפּטאָן. זי קען איהם שוין פון לאַנג. זי ווייס, אַז ער מוז צו עפּעס אויסלאָזען זיין כעס — דערנאָך איז שוין גאָר נישט. וויי
טער איז געווען ווי אין די פריהערדיגע פעלע. דער אַלטער

האט א שטיקעל צייט געטראכט פון זיין לייבלען צווישען חזרים... חזיר׳שע נעזער... חזיר׳שע „סנוקעס“... און איהם האט וועה געטאן; איהם האט שטארק געקרענקט... און דערנאך איז דער וועהטאג געווארען שוואכער, שוואכער... „פארפאלען“...

דער פארקריפעלטער הערשער

פון באגינען ביז שפעט ביינאכט זיצט ער אין א ווינקעל אין סטיישאָנערי סטאָר, מיט די פאראליזירטע פיס אויסגעצויגען אויף א בענקעל. ער זיצט און היט. און דורך די אלע לאנגע שטונדען הערט ער ניט אויף זאָגען זיך, אז ער איז דאָ באלעבאָס, ס'איז זיין ביזנעס, אלץ איז דאָ זיינס.

אז די שרעקליכע קראנקהייט האָט איהם געטראָפען, ס'איז ביי איהם פאראליזירט געווארען ביידע פיס און א האנט, האָט ער צו דעם קערפערליכען אומגליק זיינעם נאָך געפיהלט דעם שרעקליכען גייסטיגען וועהטאָג, זיך פאָרשטעלענדיג, אז די הערשאפט ווערט פון איהם אוועקגענומען. ער איז געווען א שטרענגער הערשער אין זיין הויז איבער זיין פאמיליע. מ'האָט זיך קיין ריהר ניט געטאָן אָהן זיין וויסען און ווילען. ער איז דער באליבאָס, דער פאָרדינער, דער ארייננברייננגער, דער אויסהאלטער פונ'ם הויז. ער האָט געמאָנט און געקראָגען חשבון פון יעדען סענט, פון יעדען איינעם'ס באוועגונג. די ווייב, די גרעסערע קינדער, ווי די קלענערע, די גאנצע הויזגעזינד האָט געפיהלט און זיך אונטערווארפען אונטער זיין שטרענגער מאכט, און דאָס אָנגענומען פאר גוט.

און מיט אמאָל איז געקומען דער גרויסער אומגליק, און ער האָט זיך דערפיהלט אוים הערשער. ער וועט ניט זיין מעהר דער פאָרדינער, דער ארייננברייננגער, דער אויפהאלטער פונ'ם הויז, אלעמענס שפייזער. און שוין באלד אין אנהויב, ווען אין הויז איז מען נאָך ניט צו זיך געקומען פון דעם פלוצלינגען אומגליק, האָט זיך איהם שוין אויסגעוויזען, אז ער זעהט ניט אויף זיך מעהר דעם דרך ארץ, דעם רעספעקט און מורא, וואָס מ'האָט אלע מאָל

פאר איהם געהאט. און ער האט נאכגעזוכט אויף אלעמענ'ס גע־זיכטער, צו זעהן, ווי מ'קוקט אויף איהם; געפארשט אין דעם טאן פון זייער רעדען צו איהם, צי זיי רעדען מיט חוצפה; געזוכט צו דערשפירען אויף זיי, צי זיי פיהלען זיך עפעס ניט פרייער איצט. און אלץ, וואס ער האט אין זיי געזוכט, האט זיך איהם אויסגע־וויזען, האט ער אין זיי געפונען. ער האט געזעהן אויף זיי עפעס א דערלייזונג. זיי רעדען פרייער, געהען גרינגער; מ'שטעהט ניט פאר איהם ווי אלע מאל פריהער... און ער האט זיך נאך מעהר איינגערעדט: זיי זיינען צופרידען מיט זיין אומגליק... זיי האבען נקמה... און די יסורים פון זיין גייסטיגער געפאלענקייט איז גע־וועו אזוי שרעקליך, ווי דער וויסען און פיהלען, אז ער איז געווא־רען א קאליקע. נאר דער געבארענער, איינגעפונדעוועטער אין איהם שטארקער ווילען צו זיין א שטרענגער באליבאס, צו הער־שען, האלטען אלעמען אונטערטעניג, האט איהם ניט דערלאזען פאלען ביי זיך, און געשטארקט איהם מיט האפנונג, אז ער וועט בלייבען, וואס געוועזן.

און אז ס'זיינען זיך צוזאמענגעקומען קרובים און נאהענטע באקאנטע און מ'האט גערעדט, וואס זאל זיין — ארבייטען און פארדינען קען ער דאך מעהר ניט, און מ'וועט דאך מוזען לעבען, האט ער, דער פארקריפעלטער, פארגומען דעם אויבען־אן, און ארויסגעוויזען, אז ער האט צו זאגען מעהר פון אלעמען. עטליכע הונדערט דאלאר האט ער פארמאגט אייגענע אפגעשאפרטע, נאך אביסעל געלט האבען די אייגענע אויסגעבארגט און מ'האט גע־קויפט א סטיישאנערי סטאר. און דא האט דער פארקריפעלטער הערשער ערשט דערפיהלט זיין מאכלאזיגקייט. איידער מ'קויפט א ביזנעס מוז מען פיעל ארומגעהן און ארומפאהרען, דורכקוקען און דורכשטודירען א סך ביזנעס — און דיזע ארבייט האבען געטאן אנדערע, ניט ער, דער שטרענגער באליבאס. ער איז געזעסען מיט אויסגעצויגענע, טויטע פיס, ניט געקענט ריהרען זיך פון ארט. דערפאר אבער האט ער שטרענג געמאנט און געקראגען פינקטליכע באריכטען פון אלץ, וואס מ'האט געזעהן און געטאן.

און געקויפט האָט מען די סטיישאָנערי סטאָר, וואָס ער האָט אויס־געקליבען, זיצענדיג ביי זיך אין הויז, מיט אויסגעצויגענע פיס.

די צוויי עלטערע מיידלאך האָט מען ארויסגענומען פון האי סקול. די עלטערע איז אוועק ארבייטען, און די מאמע מיט די אינגערע מיידעל ארבייטען אין סטאָר. ער אליין קען גאר ניט טאָן. קיינער קען אבער גאר נישט טאָן אָהן זיין וויסען און ווי־לען. קיין איין מינוט איז די סטאָר ניט אָהן איהם. באגינען איי־דער מ'עעפענט די טיר פון סטאָר, מוז מען איהם אוועקזעצען אין זיין ווינקעל און אויסציהען זיינע פיס אויפ'ן בענקעל; און מען נעמט איהם אריין צוריק אין דירה, הינטער'ן סטאָר, ערשט, ווען די טיר פון סטאָר איז שוין צוגעשלאָסען, אז ער איז זיכער, אז ס'וועט שוין מעהר קיין ביזנעס היינט ניט געטאָן ווערען. ער מוז הערען, וואָס יעדער אריינקומענדער פארלאנגט. די געלייזטע געלט דערלאנגט מען איהם עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג — ווען עס קלייבט זיך אָן א רעכט ביסעל קליינגעלט. פאפיר־געלט מוז מען איהם דערלאנגען באלד, ווי ס'קומט אריין, און מ'טאָר ניט קויפען קיין סחורה אָהן איהם, און קויפען מוז מען וואָס און וויפיעל ער הייסט. קיינער טאָר ניט רעדען צו א סיילסמאן, נאר ער אליין.

אזוי זיצט ער אין ווינקעל מיט די אויסגעצויגענע, טויטע פיס אויפ'ן בענקעל, און טראכט זיך און זאָגט זיך, אז ער איז דער באליבאָס; קיינער האָט דא גאָר נישט וואָס צו זאָגען; מ'טאָר דא ניט טאָן אָהן איהם וואָס דער האָר איז ווערט. און ער היט זיין ווייב און די אינגערע מיידעל און זוכט צו כאפּען זיי ביי עפּעס א פארברעכען געגען איהם.

און זיין הויז־געזינד פיהלט איצט די הערשאפט זיינע נאָך מעהר, ווי ווען ער איז געוועזן א געזונטער, שטארקער. פריהער איז ער דאָך ניט געווען אין הויז דעם גאנצען טאָג. איצט פעהלט ער א מינוט ניט אויס. און ער מוז וויסען, מ'מוז איהם זאָגען, וואָס מ'האָט גערעדט, אויב ער האָט אזוי גוט ניט דערהערט. ער מוז וויסען, פון וואָס מ'האָט א לאך געטאָן. און אז מ'גערט ארוים

פון הויז, מוז מען איהם פריהער זאגען וואוהין מ'געהט. ער ציהט אלץ פעסטער און פעסטער די לייצעס, און האט מורא, אז ס'איז נאך ניט פעסט גענוג. ער זוכט שטענדיג אויסצומארקירען אזוי, אז די מאמע און די טאכטער זאלען ניט זיין צוזאמען הינטען, אין דירה, אוועק פון זיינע אויגען און אויערען. ס'דוכט זיך איהם, אז ווי נאר זיי זיינען אוועק פון איהם, רעדען זיי פון איהם... טא־רען זיי ניט זיין אהן איהם... אין סטאר זעהט ער זייער יעדען באַ־וועגונג, הערט זייער יעדען ווארט. וואס „דארטען" טוט זיך, קען ער גענוי ניט וויסען... און ער טראכט אלץ פון עפעס נייעסען, ווי נאך פעסטער צו ציהען די לייצעס.

אין אנפאנג, בשעת דער קלאפ האט פלוצלונג געטראפען, האַ־בען די מענשען געפיהלט, אז ס'איז צו אלץ א סוף געקומען. מ'וויל ניט לעבען מעהר, מ'דארף מעהר ניט לעבען, מ'וועט ניט לעבען. דער קאפ פונ'ם הויז איז געבליבען ליגען פאר אלעמענס אויגען, און קען זיך מעהר פון ארט ניט ריהרען — האבען אלע אין הויז געפיהלט אוועקצולעגען זיך, ווי ער, און מעהר ניט אויפשטעהן. נאר מ'האט זיך ניט אוועקגעלעגט און מ'איז געבליבען לעבען, איינגעלעבט זיך מיט'ן אומגליק און ווייטער געלעבט. מ'האט זיך ביסלאכוויים צוגעוואוינט צום באליבאס אין זיין נייער גע־שטאלט, און מ'האט אויפגעהערט וויינען אין דער שטיל — אויף איהם און אויף זיך.

דער פנים איז ביים פארקריפעלטען געווארען איינגעפאלען, דער נאז — אויסגעצויגען. מיט א צייט שפעטער האט ער אנגע־הויבען ווערען דיק אין קערפער און פנים, פון זיצען טאג און נאכט אויף אן ארט, אהן באוועגונג, און דער נאז האט שוין ניט אזוי ארויסגעשטארטשט פון פנים.

דער פארקריפעלטער איז אין זיין פריהערדיגען לעבען געווען א שטרענגער, אבער ניט קיין בייזער, ניט קיין „שלעכטער". ער האט נאר „שלעכט" ניט געדארפט זיין. ער האט קיינמאל אויף

קיינעם אין הויז ניט געדאַרפט שרייען, ניט געדאַרפט אפילו הויך רעדען. זיין באַגעהר איז אַלע מאָל אויסגעפיהרט געוואָרען דורך זיינעם איין וואָרט, אָדער קוק. די מענשען אין הויז האָבען זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטעהן, וואָס ער פאַרלאַנגט, דורך זיינעם א וואונק. נאָר איצט דוכט זיך איהם, אז מ'האָט עפּעס ניט דעם אמאָליגען דרך ארץ פאַר זיין וואָרט אָדער קוק. און פון דער מינדס־טער קליינינקייט ווערט ער אויפגערעגט, אויפגעקאָכט; פאַרגעסט זיך און וויל זיך הויבען פון אָרט. ס'דוכט זיך איהם, אז מ'האָט אַזוי גיך ניט דערלאַנגט א קונה, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט — ער האָט געמוזט וואַרטען אן איבעריגע מינוט — ווערט ער דערפון אזוי אויפגעקאָכטער, קען זיך שוין ניט דערוואַרטען ביז דער קונה געהט אַרויס פון סטאָר, און הויבט אָן: מ'פאַרטרייבט איהם די קאָס־טאָמערס, מ'לעגט איהם אין דער ערד אריין די סטאָר. קלאָגט אויף זיך, וואָס ער קען זיך ניט ריהרען... אז ער וואָלט זיך גע־קענט שטעלען אויף די פיס, וואָלט ער זיי געוויזען ווי צו פיהרען א ביזנעס. צי עס טרעפט אמאָל, די מאַמע, אָדער די אינגערע מיידעל געהט ערגעץ אַרויס און פאַרזאַמט זיך מעהר ווי ער דענקט, אז מ'האָט געדאַרפט, הויבט ער אָן: „מ'ווערט פאַרפאַלען!" „מ'שלעפּט זיך אַרום גאַנצע טעג!" און א קורצען אָטעם האָט ער געקראָגען, קען ניט דערענדיגען זיין שרייען, ווערט פאַרכלינעט מיט'ן געשריי אין האַלז.

מ'איז ניט געוואוינט איהם צו ענטפערען, צו רעדען אנטקעג־נען — שווייגט מען. מ'בייסט די צונג און די ליפען און מ'שווייגט... און ס'קרענקט... דאָס איז שוין ניט מעהר רחמנות — דאָס איז די יסורים פון דעם, וואָס מ'מוז ליידען און שווייגען — מ'ווערט אָנ־געצונדענע מיט פאַרשטיקטען כעס.

די קלענערע קינדער ליידען פון טאַטען באַזונדער. אָבער זיי באַנעמען זיך ווי קליינע. זעהענדיג אַלע ווייל דעם טאַטען א צוקאָכטען, האָבען זיי מורא פאַר איהם, קומען צו איהם ניט צו, אז ער רופט זיי — זיי ווייסען, אז ער צו זיי קען ניט צוקומען. מוז מען א קינד צושלעפּען צו איהם, און ער זשאַלעוועט ניט דערלאַנגען

א פאטש. אין יענע צייטען האט ער א קינד קיינמאל ניט אנגע־ריהרט.

דער פארקריפעלטער איז אזוי טיעף ארייגעטאן אין זיין הער־שעווען, אין היטען זיין הערשאפט, אין יעדע ברעקעלע סחורה פון סטאר, אז איהם בלייבט ניט איבער קיין פיעל צייט און גע־דאנקען צו טראכטען פון זיך אליין — וואס מיט איהם האט פלוצ־לינג פאסירט. ער האט אויפ'ן קאפ די אלע סארטען סיגארעטס, ציגארען, בלייפעדערס, ביכלאך, קענדי און די איבעריגע פיעלע, פיעלע זאכען אין סטאר; וויים דעם פרייז פון יעדע זאך אין סטאר און פאר וויפיעל מ'דארף פארקויפען, און ווען מ'דארף צאהלען. ער לעבט אין דעם. אבער פארגעסען ווענען זיך האט ער ניט. אפט, טאקע אין מיטען השבון'ען און רעכענען ווענען די סחורות אדער באטראכטענדיג די פאליצעס, אדער אכטונג געבענ־דיג, ווי אזוי מען באהאנדעלט א קונה, דרעהט זיך זיין קאפ אוועק, ווי אהן זיין ווילען, פון די געשעפטען; זיין פנים ווערט פאר־קרימט מיט צער און גייסטיגע יסורים, און זיין קאפ לאזט זיך אראפ. און ער פייניגט זיך און פרעגט זיך: וואס טויג מיר דאס אלץ?... צו וואס דארף איך דאס?... ער עסט און גריזשעט זיך אין זיין געזונקענהייט, זיין ערנידעריגונג... און ס'איז אמאל ארויף אויף זיין געדאנק און ער האט זיך געזאגט און געפייניגט, אז ער איז שוין גאר קיין מענש ניט... א שטיק פלייש איז ער... און די פאר ווערטער — „שטיק פלייש" — האט זיך שוין פון זיין גע־דאנק ניט אפגעטשעפעט. „שטיק פלייש", „שטיק פלייש" — ברענט ער און שטעכט זיך. און וויפיעל ער איז ניט געווען אריינ־געטאן אין ביזנעס, אין היטען זיין הערשאפט, נאכקוקען און נאכ־שמעקען די זייניגע, האט די „שטיק פלייש" איהם ניט אפגעלא־זען, ניט ארוים פון זיין מוח. די דאזיגע פאר ערנידעריגענדע ווערטער האט ער בלויז געהאט אין זיין געדאנק. אבער ניט ארוים־געבראכט פון זיין מויל, אז אנדערע זאלען עם הערען, דערפון וויסען... אבער ס'האט זיך פון איהם דאך ארויסגעריסען. אז אימי־

צער פון די זייניגע האָט זיך געגעזעגנט מיט עפּעס פאַרזינדיגט, אדער איהם האָט זיך עס אפּגעדראכט, און ער האָט אויף זיי גע־שריען און געקלאָגט אויף זיך, וואָס ער קען זיך ניט ריהרען פון אָרט. האָט ער שוין אויך ארויסגעשריען, אז ער איז געוואָרען א שטיק פלייש. און אזוי איז די „שטיק פלייש" אריבערגעטראָגען געוואָרען אין די געדאַנקען פון די הויז־מענשען. און אויך זיי האָ־בען גענומען קוקען אויף איהם ווי אויף א שטיק פלייש. מ'האָט דאָס פון מויל קיינמאָל ניט ארויסגעבראכט; נאר ביי יעדען אין דאָס אויפ'ן געדאַנקען געוועזן. און ביי יעדען מאָל, וואָס ער פלעגט זיך צו זיי טשעפּען, אומזיסט אויף זיי שרייען און זידלען, און ענטפערען האָט מען ניט געקענט, האָט מען אין הארצען נקמה גענומען מיט „שטיק פלייש".

די ווייב, די מאַמע איז שוין מיט איהר וועלט פאַרטיג. אַט אזוי וועט זי שוין אָפּלעבען איהרע טעג. זי האָט ניט וואָס צו האָפען אויף בעסערס, אויף עפּעס גרינגערעס. זי איז א פאַרבי־טענע געוואָרען זייט דער אומגליק האָט געטראָפען — אזוי ווי איהר פאַרקריפּעלטער מאַן; עלטער געוואָרען מיט א סך יאָהרען. פריהער האָט מען געוואוינט אין א גערוימער דירה. איצט ליגט מען אין א פּאָר חדרים'לאך הינטער'ן סטאָר. און דוקא אין ווע־ניגער חדרים איז דאָ מעהר ארבייט. האָט זי די שווערע שטוב ארבייט מיט די ביזנעס, מיט דעם הילפלאָזען, פאַרביטערטען, און בעט'דיגען אינוואליד שטענדיג אויף די אויגען און אויף די הענט; מיט דעם פינסטערען לעבען פאַר זיך, וואָס זי האָט אונטערגענו־מען צו פיהרען — דאָס אַלעס האָט געמאכט פון איהר א תל, ס'איז איהר שווער צו דערקענען.

די קינדער אבער טראכטען פון א בעסערען לעבען אמאָל. די עלטערע מיידעל איז שוין דעם ניינצעהנטען יאָהר. זי געהט און פאַהרט אַלע טאָג ארום אויף דער וועלט. זי זעהט, אז מענשען לעבען. און א שטיקעלע ליבט האָט פאַר איהר אריינגעשיינט פון דרויסען. זי האָט זיך באקענט מיט א יונגען מאַן. זיי טרעפען זיך

און געהן צוזאמען. זיצט זי אפט אן אומעדיגע ביי איהר ארבייט, מיט א פארקלעמט הארץ — און דאס איז ניט פאר'ן אומגליקלי־כען טאטען איהרען, אדער צוליב דעם ביטערען לעבען אין דער היים; דאס איז צוליב זיך און דעם יונגען מאן, וועלכען זי האט ליעב.

די מאמע ווייס שוין פון דעם. זי האט דעם יונגען מאן אמאל געזעהן, און ער איז איהר געפעלען געווארען. מ'ווייס אויך, ווער ער איז. פאר'ן טאטען אבער היט מען זיך. מ'ווייס ניט ווי אזוי אנצוהויבען דערצעהלען איהם און ווי ער וועט די נייעס אויפ־געהמען. ציטערט מען, אז ער זאל עפעס ניט דערזעהן, דערהע־רען... מ'ווארט, מ'שטיקט זיך און מ'ווייס ניט, וואס צו טאן און וואס עס וועט זיין.

דער יונגער מאן וויל קומען צו דער מיידעל אין הויז. ער האט דאס איהר שוין געזאגט א פאר מאל. נאר זי קען דאס ניט טאן. זי האט מורא פאר'ן טאטען. און דערצו וויל זי אויך ניט, אז דער יונגער מאן זאל קענען איהר קאליקע טאטען... זי שעהמט זיך, און זי האט מורא, אז זי וועט צוליעב איהר טאטען פארלירען אין די אויגען פון איהר געליעבטען... עסט זי זיך ס'הארץ און וויינט באהאלטענערהייט. און זי האט אויך גרויסע צרות מיט'ן טרעפען זיך מיט'ן יונגען מאן. דער טאטע ווייס די מינוט, ווען זי דארף אריינקומען פון איהר ארבייט, און ער קוקט אויף איהר מיט אויס־געשטארטשטע אויגען, אז זי פארשפעטיגט זיך עטליכע מינוט. און אין אבענד, אז זי דארף זיך מיט איהם טרעפען, זוכט מען אויס אלערליי תירוצים, איידער דער טאטע לאזט איהר ארויס פון הויז. אלע מוזען זיין אין הויז, אויף זיינע אויגען, ער מוז וויסען פון יעדענ'ם ריהר און קעהר. און ניט אלע מאל נעמט ער אן א תירוץ, און די פארליעבטע מיידעל מוז בלייבען אין הויז... איהר הארץ איז דארט, וואו זיי האבען אפגערעדט זיך צו טרעפען, וואו ער ווארט אויף איהר... טוליעט זי זיך צו דער מא־מען, און איהר הארץ וויינט און ציהט אהין... און אין איהר הארץ צינדט זיך אן א צארן אויף איהר אומגליקליכען טאטען, און זי האט אויף איהר גערעדט די פאר ווערטער, וואס דער טאטע האט

אריינגעבראכט אין הויז: „שטיק פלייש". זי ווערט דורך דעם אביסעל געשטילט — נקמה....

די מאמע איז דורכגענומען מיט רחמנות אויף איהר טאָכטער, און איהרע אויגען קוקען מיט פארשטיקטע צאָרן־פייער אויפ'ן ווינקעל, וואו ער געפינט זיך.

א שטראהל

1

אין דער הויז פון די ראַסקינס האָט דער לעבען געוויאַנעט. ס'איז דאָרט ניט אריינגעקומען פון לאַנגע יאָהרען שוין קיין שום אָפּפרישונג; פון לאַנגע יאָהרען שוין האָט זיך דאָרט ניט געהערט דער געוויין און דער געלעכטעריל פון א קינד. מ'האָט דאָרט ניט געוואוסט דעם טעם פון דעם נחת און ליידען, וואָס א ניי־געבאָרען נפש ברענגט מיט זיך אין הויז אריין.

די ראַסקינס זיינען געווען דריי פרויען: א מאַמע, אן אלמנה, מיט צוויי טעכטער, מיידלאך עלטערע. עטליכע און צוואַנציג יאָהר איז די מיסעס ראַסקין געווען אן אלמנה. בשעת דער מאַן איז געשטאָרבען זיינען די קינדער, א אינגעל און צוויי מיידלאך, געווען קליין. האָט די מאַמע געאַרבייט ביז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסען. דאַן איז זי געבליבען אין דער היים און די קינדער זיינען אוועק אַרבייטען.

דער זוהן איז ווייט פון זיין מאַמע און שוועסטער. צוליעב געזונט האָט ער געמוזט אוועק נאָך קאַליפאָרניא, וואו ער איז פאַרבליבען.

די דריי ראַסקינס, די מאַמע מיט די טעכטער, זיינען שטילע מענשען. איז ביי זיי שטיל אוועק די יאָהרען. א שטילע הויז איז געווען זייערע, ניט ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל אין א הויז, וואו עס געפינען זיך מיידלאך. ס'זיינען ניט געקומען קיין יונגע לייט, מ'האָט דאָרט ניט געזונגען און ניט געטאַנצט; ס'האָט זיך עפּעס קיינער ניט צוגעקלעפּט צו די ראַסקינס הויז. אז די מיידלאך זיינען געווען גאָר יונג, פלעגען דאָרט אמאָל ארויפקומען יונגע לייטלאך פאַרברענגען א ווילע; ס'איז ניט געווען קיין ליע־

בעם און קיין שדוכים. די מיידלאך זיינען געווען ניט קיין מיאוס׳ע און ניט מיט קיין איבעריגע חסרונות, אזעלכע, אויף וועלכע מען זאָגט געוועהנליך: „וואוילע מיידלאך“, און דאָך האָבען זיי קיינעם ניט צוגעצויגען, ניט געהאט קיין חתנים און קיין געליעבטע. אפילו קיין גאָר נאָהענטע חבר׳טעס האָבען די מיידלאך ניט געהאט. זעל־טען פלעגט קומען צו די ראַסקינס אין הויז א חבר׳טע און אויך זעלטען פלעגען זיי געהן ערגעץ צו־גאַסט.

אז די מיידלאך זיינען געווען יונג, פריש, האָט דער לעבען דאָרט אין הויז געוואַקסען און געריסען זיך אויף ארויף. די יונגע מייד־לאך זיינען אלץ צייטיגער געוואָרען. דער לעבען האָט אין זיי גע־קאָכט, געבליהט און געהאַלטען לעבעדיג די ארימע, שטילע היים. נאָר דערנאָך, אז די מיידלאך האָבען איבערגעבליהט און אנגעהויי־בען פארבליהען, קיין נייער לעבען איז אין הויז ניט צוגעקומען, האָט דאָרט א פארגליווערונג זיך אוועקגעשטעלט; דערנאָך א פארוועלקונג. די עלטערע מיידעל איז א פּאָר יאָהר אריבער דרייסיג; די אינגערע דרייסיג. די פארוועלקונג צושפּרייט זיך אלץ מעהר אויף זיי. און די ראַסקינס זיינען געווען אזעלכע מענשען, אז זיי האָבען אפילו הויך ניט גערעדט פון זייער לעבען און וועגען דעם, וואָס ס׳איז נאָך פאראן אנגעגרייט פאר זיי. נאָר יעדע פאר זיך האָט ביי זיך געוואוסט און מורא געהאט, אז עס געהט צום ערגערען, און זיי האָבען קיין טרייסט איינע פאר די אנדערע ניט געהאט.

איין ברעקעלע נחת און פרייד איז געווען אין דער היים פון די ראַסקינס.

דער זוהן אין קאַליפאָרניא איז געווען פארהייראַט. די ראַס־קינס האָבען זיין פרוי ניט געקענט, קיינמאָל איהר ניט געזעהן. דער זוהן האָט צוויי קינדערלאך, וועלכע די ראַסקינס האָבען אויך ניט געקענט און קיינמאָל ניט געזעהן. פלעגט דער זוהן אָפט שרייבען בריף מיט גרוסען פון די קינדער; אריינגעשיקט פאָטאָג־ראַפיעס פון די קינדער, פון זיך און פון זיין פרוי. האָבען די דריי פרויען אלע טאָג גערעדט וועגען דעם זוהן און נאָך מעהר וועגען די

קינדערלאך. זיי האָבן ניט אויפגעהערט קוקן אויף די פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער. און די מאַמע און די טעכטער האָבן געפּיהלט, אַז ערגעץ ווייט אַוועק האָבן זיי זייערע נאָהענטע און אייגענע; זייער לעבן ענדיגט זיך ניט דאָ אין די אומעטיגע פּאַר צימערן. און דער ווינקעל אינ׳ם הויז, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די פאָטאָגראַפיעס פון די קינדערלאך, איז באַלויכטן געוואָרן ווי פון אַ נר תמיד. יעדע איינע פון די ראַסקינס פלעגט אָפט צוקומען צו יענעם ווינקעל און פּיהלן אויף זיך דעם הויך פון יונגען, פרישן לעבן, וואָס האָט געוויהט פון ווייט אַוועק, פון קאַליפאָרניאַ.

2

אין די פאַרוועלקטע לעבענס און הײם פון די ראַסקינס האָט אַריינגעשיינט אַ שטראַהל, וואָס האָט צוגעזאָגט נייעס לעבן און האָט דאָרט אויפגעלעבט אויף אַ ווײלע די מענשן, אַלע ווינקעלאך פון הויז.

אַ יונגער מאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, מיט׳ן נאָמען סעם, האָט זיך באַקענט מיט די ראַסקינס און האָט גענומען אַריינקומען אָפט צו זיי אין הויז. עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער זוכט די נאָהענטע פריינדשאַפט פון דער אינגערער מיידעל. ריכטיגער וואָלט געווען ווען ער וואָלט געמיינט די עלטערע: נאָר די מאַמע און די עלטערע טאָכטער זיינען צופרידן געווען אַזוי. דער יונגער מאַן, סעם, איז געווען פון דעם סאָרט מענשן, וואָס ווערן גיך באַקאַנט, ווערן גיך „אייגענע". ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט׳ן לעבן פון הויז: יעדע קלייניגקייט איז געווען זיין עסק: ער האָט פון אַלע געמוזט וויסן. ער האָט אַליין אַרויפגעשטעלט און גענומען זיך טיי, און אַז ס׳האָט אַמאָל עפּעס אויסגעפעהלט פון עסענוואַרג, איז ער אַראָפּגעלאָפן אין גראָסערי און געקויפט פאַר זיין אייגען געלט. ער איז געקומען כמעט אַלע אָבענד. ער איז געווען אַ גרויסער בעל דברן, ניט אויפגעהערט רעדן, און ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט, איבערגעזעצן אויף אַלע

שטוהלען, אין אלע ווינקעלאך פון הויז; אלצדינג אין הויז איבער־געטאַפּט און נאָכגעפרעגט, וואָס ס'האָט געקאָסט און ווען מ'האָט געקויפט.

א נייער מענש איז צוגעקומען אין דער הויז פון די ראסקינס און אריינגעבראַכט דאָרט א הויך פון נייעס, פרישען לעבען, מיט א פרעהליכען צוזאָג אויף שפּעטער.

סעם האָט גאָרניט גערעדט און גאָרניט צוגעזאָגט וועגען שפּע־טער. אבער מ'האָט דאָך עפּעס געזעהן: מ'האָט געוואָלט האָפען און מ'האָט געהאָפט. ער האָט זיך געקלעפּט צו דער אינגערער מיי־דעל; אוועקגעגאַנגען מיט איהר אין די אבענדען פון הויז, געקומען צוריק אהיים שפּעטלאך און ווייטער פארבראַכט מיט איהר אין קיך, בשעת די מאַמע און די עלטערע שוועסטער זיינען אוועק שלאָפען.

וואָכען זיינען אזוי פאַראיבער. קיין וויכטיגעס איז ניט פאָר־געקומען. נאָר מ'האָט עפּעס געזעהן, ס'האָט זיך געגלויבט און גע־האָפט. אז ס'האָט זיך אמאָל געמאַכט, אז סעם איז אזוי גיך ניט געקומען האָט ער אויסגעפּעהלט; ס'איז געווען אומעטיג אָהן איהם. און זעהענדיג איהם צוזאַמען מיט דער אינגערער מיידעל, זיצענ־דיג נאָהענט אין הויז, צוזאַמען אוועקגעהענדיג פון הויז, האָבען מוטער און שוועסטער געפיהלט, אז אן ענדערונג הויבט אָן פאָר־קומען אין זייער הויז: ס'האָט זיך געפיהלט דער אנקומען פון עפּעס גאָר וויכטיגעס, לעבעדיגעס. די פאָטאָגראַפיעס פון די קינדערלאך ווייט אין קאַליפאָרניא זיינען אי ליבליכער, אי עפּעס אביסעלע וואָכעדיגער געוואָרען.

און סעם געהט אָן מיט זיין היימישקייט: ער רעדט און רעדט, מישט זיך אין אלע הויז־זאַכען, ווי אן אמת היימישער. געהט אוועק מיט דער אינגערער מיידעל און זיצט דערנאָך מיט איהר אין קיך ביז שפּעט. נאָר קיין וויכטיגע רייד, וועגען דער צוקונפט, רעדט ער ניט. די ראסקינס ווילען ניט און קענען ניט פרעגען, וואָס ער האָט אין זינען אויף ווייטער. זיי זיינען צופרידען ווי עס איז, און

מ׳זעהט דאך, אז סעם איז אן איינענער געווארען. אבער דאך, צווישען זיך, רעדען די מאמע און די עלטערע טאכטער.

— ער געהט מיט איהר שוין אזוי לאנג — זאגט די מאמע — ער געהט מיט איהר, מיינט ער דאך מסתמא צו נעמען איהר.

— די בעסטע זאך איז ניט אריינמישען זיך — זאגט די עלטערע טאכטער. און זי האט מורא, אז די מאמע קען נאך עפעס קאליע מאכען — זאלסט זיך אקארשט קיין זאך ניט ארויסרעדען — זאגט זי אן דער מאמען.

— ווער וועט איהר זאגען א ווארט? מיט דיר מעג איך דאך רעדען. מ׳קען דאך זעהן, אז ער גלייכט איהר. אפשר האבען זיי שוין ביידע עפעס אפגעמאכט — ווילט זיך די מאמע איינרעדען, גלויבען.

— מיר דארפען זיך ניט מישען — פסק׳ענט די עלטערע טאכטער.

— ווער מישט זיך? איך זאג גלאט אזוי.

— די בעסטע זאך איז צו שווייגען. זאג זיי קיין זאך ניט.

— ווער וועט זיי זאגען?

די מאמע רעדט אויך אמאל מיט די אינגערע טאכטער גופא:

— וואס זאגט ער דיר?

— דו הערסטאך.

— אבער, אז איהר געהט ביידע?

— גאר נישט. די זעלבינע, וואס אין הויז.

— אבער ער זאגט דיר ניט, אז ער גלייכט דיר?

— מיר רעדען ניט דערפון?

— וועגען וואס רעדט איהר די גאנצע צייט?

— גאר נישט, גלאט אזוי.

— אבער וואס עס וועט זיין שפעטער רעדט ער מיט דיר גאר ניט?

— ניין.

ווילט זיך דער מאמען גלויבען, אז די טאכטער וויל איהר ניט אויסזאגען אלץ; זי באהאלט עפעס פון איהר; און די מאמע האט

גרויס נחת דערפון. און מיט דער צייט האָבען די מאַמע און די עלטערע טאָכטער ארייַנגעטראַכט זיך און ארייַנגעלעבט זיך אין דעם געדאַנק, אַז די אינגערע באַהאַלט עפּעס פון זיי. זיי האָבען דאָס נאָך מעהר ארויסגעזעהן פון סעם'ען, פון זיין צוגעלאָזענקייט און היימישקייט.

נאָר סעם און די אינגערע טאָכטער האָבען גאָר נישט געהאַט באַהאַלטען; ס'איז צווישען זיי גאָר נישט פאָרגעקומען. מיט איהר באַזונדער האָט סעם גערעדט די זעלביגע, ניט־וויכטיגע רייד, וואָס ער האָט גערעדט אין הויז צו אַלעמען. ער איז געווען א גרויסער ריידער, האָט ער גערעדט פון אַלץ און פון גאָר נישט, אָבער קיינמאָל ניט פון דעם, וואָס אַלע ראַסקינס האָבען געוואָלט פון איהם הערען. זי, די אינגערע, האָט געוואַרט און געגאַרט צו הערען פון איהם יענע געוויסע עטליכע ווערטער. און זי איז געווען אַזאַ מיידעל, וואָס קען ניט און וועט ניט מיט קונצען און כיטרע גענג ארויספיהרען איהם אויפ'ן וועג, וואו זי וויל איהם האָבען; און זי וועט אפילו ניט זוכען ארויסצוקריגען פון איהם, וואָס ער מיינט. האָט זי זיך געהיט מיט איהרע רייד, ער זאָל ניט קענען דענקען גאָר, אַז זי מיינט ארויסצוקריגען עפּעס פון איהם, אַז זי זוכט איהם ארייַנצוקריגען.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען. די פאַרוויאַנעטע ראַסקינס און די אָפּגעלעבטע היים זייערע איז באַשיינט געוואָרען מיט א שטראַהל פון נייעם לעבען.

3

דערנאָך האָט סעם אויפגעהערט קומען. ער האָט זיך באַקענט מיט א נייע הויז, וואו ער האָט אָנגעהויבען ארייַנקומען כמעט אַלע טאָג, און איז באַלד געוואָרען דאָרט היימיש, צוגעקלעפּט, ניט אויפגעהערט ריידען און איז איבערגעזעסען אויף אַלע שטולען. אַזאַ נאַטור האָט ער שוין געהאַט, און אַזוי ווי ער פלעגט מיט אַמאָל צוגעקלעפּט ווערען, אַזוי פלעגט ער מיט אַמאָל פאַרפאַלען ווערען, אויפהערען ווייזען זיך און פאַרטיג.

די ראסקינס זיינען ניט געגאנגען פרעגען אויף איהם און האָבען איהם ניט געזוכט. אז ער האָט אויפגעהערט קומען, האָט מען זיך געפרעגט, וואָס מיט איהם קען זיין: אפשר איז ער קראנק, אפשר האָט מיט איהם עפּעס פּאסירט, און ווי אזוי מען קען דאס אויסגעפינען. אבער געהן זוכען איהם האָבען די ראסקינס ניט געקענט. זיי האָבען זיך געהיט, מ׳זאָל ניט מיינען, אז זיי יאָגען זיך נאָך איהם, ווילען איהם ניט אָפּלאָזען. עטוואס שפּעטער האָט די עלטערע טאָכטער איהם געטראָפען אויפ׳ן גאס. ער האָט איהר באַגריסט פון ווייטען און זיך אפילו ניט אפּגעשטעלט. האָבען זיי שוין פארשטאנען, אז ער איז אוועק און וועט מעהר ניט קומען.

אין די הערצער פון די ראסקינס איז עפּעס אָפּגעשטאָרבען. מען האָט וועגען סעם׳ען ניט גערעדט, ניט דערמאָנט איהם, ווען די אינגערע איז געווען דערביי. די מוטער און די עלטערע טאָכטער פלעגען זיך גוט צוקוקען צו די אינגערע, נאר טאָן עס אזוי, אז זי, די אינגערע, זאָל דאס ניט מערקען. זיי האָבען געזוכט אויף איהר צו זעהן, אויב זי איז פארוויינט, אויב זי איז שטארק צו־קרענקט, זאָגען איהר עפּעס, טרייסטען איהר, האָבען זיי זיך ניט אונטערנומען. און ביינאכט, פאר׳ן איינשלאָפען און בשעת זיי באַפען זיך אויף פון שלאָף אמאָל, ווייסען זיי, די מאַמע און עלטערע, אז סעם זיצט איצט ניט מיט איהר אין קיך; סעם איז מעהר ניטאָ.

די מאמע און די עלטערע טאָכטער רעדען זיך אמאָל קורץ דורך צווישען זיך וועגען סעם׳ען.

— וואָס האָט געקענט זיין מיט איהם — זאָגט די מאמע מיט וועהטאָג — פאר וואָס האָט ער אויפגעהערט מיט אמאָל ארויפקומען אהער?

— פון וואנען זאָל איך וויסען?

— ס׳האָט אויסגעזעהן, אז ער האָט איהר געגליכען — רעדט ווייטער די מאמע — אז ניט, וואָלט ער דאָך ניט געקומען און מיט איהר ניט געגאנגען אזא צייט. וואָס זאָגסטו?

— אז ער האָט אויפגעהערט קומען, קען מען איהם גאר נישט טאָן. וואָס זאָל מען איהם טאָן?

— אפשר איז ביי זיי וואָס פאַרגעקומען, וואָס ער קומט ניט. אז זי זאָגט קיין זאַך ניט.

— לאָז איהר צורות, טשעפּע איהר ניט.

— אומזיסט האָט דאָך דאָס פונדעסטוועגען ניט געקענט זיין — מאָגט די מאַמע — ער איז דאָך געוועזן ווי אן אייגענער דאַ אזא צייט.

— וואָס מאַכט דאָס אויס... דערמאָן איהר ניט. זאָל זיך אויס־דוכטען, אז ס'איז קיין זאַך ניט געוועזן.

פאַר דער מאַמען איז דאָס אבער א קנאַפּער טרייסט. ס'איז דאָך יאָ געוועזן!... פאַר וואָס, פאַר וואָס האָט זיך דאָס אזוי אויס־געלאָזען?... עסט איהר און קרענקט איהר די האַרץ. אפשר איז איהר טאָכטער אליין שולדיג.

און די מאַמע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען; זי האָט געמוזט רעדען צו דער אינגערער טאָכטער.

— ביי אייך איז עפּעס פאַרגעקומען?

— ס'איז קיין זאַך ניט פאַרגעקומען.

— פאַר וואָס אזוי מיט אמאָל? פאַר וואָס איז דאָס געוועזן? האָסט איהם אפשר עפּעס געזאָגט?

— איך האָב איהם קיין זאַך ניט געזאָגט.

— טו ווי אזוי איז דאָס מיט אמאָל געוואָרען? ער האָט דיר געזאָגט, אז ער וועט מעהר ניט קומען?

— ער האָט מיר גאָר נישט געזאָגט.

— אפשר האָסטו איהם פאַרט עפּעס געזאָגט, וואָס ער איז געוואָרען אין כעס. ער האָט דיר די גאַנצע צייט גאַרניט געזאָגט, אז ער וויל דיר?

— מאַמע, לאָז מיר צורוה! — זאָגט זי ארויס און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, און זי זעהט סעם'ס געזיכט. זי וויל ניט, אז די מאַמע זאָל איצט קוקען אויף איהר, ארייגקוקען איהר אין די אויגען.

די מאַמע טוט א גוטען קוק אויף איהר טאָכטער, און זי לאָזט איהר צורוה. אבער זי קלערט ביי זיך, אז זי טאָר דאָס אזוי ניט לאָזען; זי מוז עפּעס טאָן אין דעם; אפשר קען מען נאָך צורעכט

מאַכען. זי וועט זיך מיט איהם זעהן, רעדען מיט איהם... ס׳קען נאָך צוריק ווערען... נאר זי ווייס, אז זי טאָר דאָס ניט טאָן. ס׳וועט זיך אָפּטאָן מעשים, אז די טעכטער וועלען זיך דערפון דערוויסען. האָט זי גאָר מורא ווייטער צו טראַכטען דערפון.

„אַנקעל בענדזשאמין"

1

עטליכע און צוואנציג יאָהר האָט „אַנקעל בענדזשאמין" גע־וואוינט ביי זיין עלטערער שוועסטער — געוואוינט דאָרט ביז די דאָזיגע היים איז פאר איהם אונטערגעגאנגען.

די שוועסטער איז געווען אַן אָרימע; דער מאַן אַן אַר־ביטער און אַ שוואכער פארדינער, און קינדער עטליכע — איז „אַנקעל בענדזשאמין" געווען מעהר ווי אַ האַלבער „לעבען" פאר דער פאמיליע, דאָס הייסט, ער האָט געגעבען אין הויז אריין געלט און זאכען אַלס פרעזענטס פאר די קינדער, וואָס האָט באַטראָפען אַ גוטע העלפט, און אפשר נאָך מעהר, ווי דער באַלעבאָס פון הויז האָט אריינגעבראַכט מיט זיינע פארדינסטען, שוין ניט רעכענענ־דיג די קליידער און העמדס און שיך און „נעקטיים" און אנדערע זאכען, וואָס דער שוואָגער האָט שטענדיג געטראָגען בענדזשאמין'ס — „אַנקעל בענדזשאמין" איז געווען אַ „ספאָרט" און ליעב גע־האַט און זיינע פארדינסטען האָבען איהם ערלויבט אַלע ווייל־ניע זאכען. און דערפאר איז טאקע „אַנקעל בענדזשאמין" געווען אַ גאנצער באַלעבאָס אין הויז. די גרעסטע רום, די פראָנט־רום, איז געווען זיינע. ער האָט זיך געהאט זיינע אייגענע מעבעל: אַ שעהנעם, גרויסען טיש, באדעקט מיט אַ דיקען גלאָז, אויף וועל־בען ס'איז געשטאַנען אַ שעהנער לאָמפּ; אַ ביכער־שראַנק, אַ „דייווענפּאָרט", וואָס איז ביי־טאָג אַ סאָפע און ביי־נאַכט אַ בעט; אַ שאָקעל־שטול און אנדערע שטולען; אַ קארפּעט אויפ'ן פּלאָר און בילדער אויף די ווענט. די פראָנט־רום איז שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרען, ווייל „אַנקעל בענדזשאמין" האָט ניט געוואָלט ליידען, אז מ'האָט אָנגעריהרט עפּעס פון זיינע זאכען, און אַלץ האָט גע־מוזט זיין אין אָרדנונג. די קינדער האָבען שוין געוואוסט, אז די

פראָנט־רום איז עפּעס אַן אָפּגעלייגטער ווינקעל אינ׳ם הויז און זיי האָבען דאָרט ניט וואָס צו טאָן. דעם גאַנצען טאָג איז „אָנקעל בענדזשאמין" ניט געווען אין הויז און עסען סאַפּער פלעגט ער באַזונדער, ווייל ער פלעגט קומען שפּעטלאַך אהיים. און פאַר איהם פלעגט די שוועסטער גרייטען דעם טיש שעהנער און ריינער ווי פאַר דער גאַנצער פאמיליע און געמאַכט פאַר איהם יעדען מאָל אַן עקסטרא געריכט. און געטאָן האָט זי עס ניט דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט פאַר איהם איבריגען דרך ארץ, אדער מורא געהאַט פאַר איהם, אדער ווייל ער האָט עס פאַרלאַנגט — ניין, ניט צוליעב דעם, נאָר עפּעס האָט עס איהר געצויגען און געהייסען אזוי טאָן: ער איז געגאַנגען שעהנער און ריינער אנגעטאָן, ווי יעדער איינער אין הויז; ער האָט ניט געאַרבייט אין שאָפּ, און ער האָט אַריינגעגעבען אין הויז אזוי פיעל געלט. די קינדער האָבען געוואוסט פון די געריכטען און זיי האָבען אַלע מאָל געוואַרט אויף „אָנקעל בענדזשאמין" מיט זיין סאַפּער. ער פלעגט זיי יעדען מאָל געבען צו פאַרזוכען פון׳ם געשמאַקען ביסען.

2

עס איז געווען עפּעס אַ מאָדנע זאַך מיט „אָנקעל בענדזשאמין" וואָס איז שווער צו ערקלערען. געווען איז ער וואָס מ׳רופט אַ „שטוב־מענש": ער האָט ליעב געהאַט צו פאַרברענגען אין הויז, ליעב געהאַט די קינדער, געמישט זיך און געוואוסט פון אַלץ, וואָס אין הויז טוט זיך; מ׳האָט געמוזט זיך עצה׳ען מיט איהם וועגען יעדע קלייניגקייט: וואָס צו קויפען פאַר זיך און פאַר די קינדער, פאַר׳ן הויז, וועגען „מופען". ער האָט אפילו הנאה געהאַט פון מישען זיך אין „די טעפּלאַך"; פיינט געהאַט רעסטאָראַנטס. מיטאָג־צייט, אז ער האָט געמוזט עפּעס עסען אין אַ רעסטאָראַנט, איז דאָס געווען פאַר איהם אַ שטיקעל אָפּקומעניש. דער שוועסטער׳ס קינדער האָבען זיך אויסגעהאָדעוועט אויף זיינע הענט, און זיי האָבען געטראָגען מעהר קליידער און שיך, וואָס איז געקויפט געוואָרען פאַר זיין געלט, ווי פאַר זייער פאָטער׳ס. מיט שמחה

און ליעבע האָט ער אויסגעגעבען זיין געלט פאר די קינדער, און ניט געקארגט פאר די שוועסטער, אבי אין הויז זאָל זיין שעהנער און אנגענעהמער — און דאך איז ער פארבליבען אָהן אן אייגענע היים, אָהן אייגענע קינדער.

אויפ'ן חתונה־מארק איז „אָנקעל בענדזשאמין" געווען פון די סאַמע בעסטע סחורה. א שעהנער יונג אין די פריהע צוואנציגער, מיט א פרישען פנים פון רויטליכען קאָליר, וואָס האָט זיך נאך שעהנער ארויסגעזעהן דורך די שטענדיגע בלאַהקייט פון די באַקען און מאַרדע, וואָס איז געשאפען געווארען דורכ'ן ראזירען; א גוטער פארדינער אלס אינשורענס אגענט; א קלוגער; אלע מאָל ריין און שעהן אָנגעטאָן, מיט א דימענטענע שפּילקע און דימענטענעם רינג, און אלע מאָל מיט'ן וויץ און גלייכווערטעל און שטענדיג וויליג צו „דינען" און טאָן א טובה. און דערצו האָט מען נאך געוואוסט פון זיין גוטסקייט צו די שוועסטער און די קינדער. קיין פרויען־האסער איז „אָנקעל בענדזשאמין" אויך ניט געוועזן. אדרבא, ער האָט דוקא ניט פיינט געהאט צו פארברענגען מיט מיידלאך, געהן מיט זיי, נעמען זיי אין טעאטער, „טריטען" זיי, אפילו אויסבאָרגען זיי א פּאָר דאלאר, ווען נויטיג. אבער ניט מעהר ווי דאָס. א קלוגע מיידעל וואָלט, דאכט זיך, געקענט אראָפּ־לייענען פון זיינע באנעמונגען: „אלץ וועל איך פאר דיר טאָן, שוועסטערקע, אבער ניט חתונה האָבען מיט דיר".

א רעכט ביסעל פון די באקאנטע מיידלאך האָבען ניט געקענט אזוי גרינג אויפגעבען די האָפנונג אויף „אָנקעל בענדזשאמין" און זיי האָבען געוואַרט. ער פלעגט קומען צו זיי און זיי צו איהם אין פראָנט־רום. די צוויי האלבע טירען פונ'ם פראָנט־רום פלעגען זיך צוזאמענרוקען, און זיי פלעגען פארברענגען: פריהער ביים טיש, דערנאָך זיך זעצען אויפ'ן „דייווענפּאָרט", עסען קענדי פון איין באקסעל און זיך וויצלען. עס פלעגט אויך קומען צו א גלעט און א קוש, אָבער ווייטער איז בענדזשאמין'ס פריינדשאפט צו די מיידלאך ניט געגאנגען. עס איז ניט געקומען די מיידעל, וואָס זאָל צונעמען בענדזשאמין'ס הארץ, און ער זאָל דערפיהלען,

אז ער מוז איהר קריגען, זי מוז ווערען זיינע. און קיינמאל האט ניט געטראפען, אז א געוויסע מיידעל זאל זיין די איינציגע ביי איהם. עטליכע זיינען זיי אלע מאל געווען. אנדערע פון די מיידלאך האבען ניט געוואוסט, אז ער האט „נאך"; און די, וואס האבען דערפון געוואוסט, האבען געמיינט, זיינען זיכער געווען, אז ער וועט מיט דער צייט מיט „יענע" ניט האבען צו טאן און אפגעבען זיך אין גאנצען מיט איהר. נאר קיין איינע פון זיי האט זיך אויף איהם ניט דערוואַרט, און זיי האבען געגומען, וועמען זיי האבען געקענט קריגען.

אנקעל בענדזשאמין האט נאך זיי ניט געבענקט; נאך קיין איינציגע פון זיי ניט געטרויערט.

עטליכע פון די מיידלאך, וואס האבען זיך געיאגט נאך „אנקעל בענדזשאמין" זיינען געווען שונאים זיין שוועסטער. ס'איז ביי זיי אויסגעקומען, אז זי איז די שולדיגע. ווען ניט זי, די שוועסטער, וואס בענדזשאמין האט זיך ביי איהר אזא גוטע היים, און ווען ניט די קינדער, וועלכע ער האט אזוי ליעב, וואלט ער חתונה געהאט — און טאקע מיט איהר — האט יעדע געדענקט. און זיי האבען דאך אויך געוואוסט פון דעם, וואס „אנקעל בענדזשאמין" גיט אין הויז אריין — ווייל איהם די שוועסטער ניט ארויסלאזען, און ער פאלגט איהר. די מיידלאך, וואס האבען אין זיך געהאט דעם חסרון פון חניפה, האבען געזוכט זיך צוצושארען און זיך איינקויפען ביי דער שוועסטער מיט אלערליי זיסע ריידעלאך און חנ'דלאך און האבען געזוכט ארויסצואווייזען זיך פאר איהר אלס די בעסטע פריינט, און דערנאך זיינען זיי איהר געווארען ביטערע שונאים — ניט אנדערש, זי לאזט איהם ניט חתונה האבען; זי וויל איהם ניט ארויסלאזען פון די הענט. די דאזיגע מיינונג איז אבער געווען א פאלשע. ווי נויטיג די שוועסטער האט איהם געדארפט האבען אין איהר הויז, האט זי איהם פונדעסטוועגען אונטערגעטריבען, ער זאל חתונה האבען. זי וואלט שוין ווי־עס־איז געמאכט א לעבען אהן איהם, אבי ער זאל חתונה האבען. זי האט שטארק פארליבט פאר איהם די מיידעל, יענע; אויס־

געטראכט זיך מעלות, וואָס זיי האָבען גאָר ניט געהאַט. און צוויי־שען די פארלויבטע מיידלאך זיינען אויך געווען א פּאָר פון יענע, וואָס האָבען געמיינט, אז די שוועסטער איז די שולדיגע — זי וויל איהם ניט ארויסלאָזען פון די הענט, און זיי האָבען זיך דער־פאר ארומגעטראגען מיט א שנאה צו איהר.

3

מיט'ן גאַנג פון די יאָהרען האָט דער נאָמען „אַנקעל בענ־דזשאמין" געוואקסען און זיך פארשפּרייט.

די אַלע מיידלאך, וואָס האָבען זיך אויף איהם ניט געקענט דערוואַרטען, האָבען חתונה געהאַט, האָבען זייער מאַן און זייערע קינדער.

מיט עטליכע פון זיי קען זיך נאָך בענדזשאמין. מ'איז זיך גוטע פריינט. דאָס זיינען די קליגערע, די פארשטענדיגערע פון בענדזשאמין'ס „אַמאָליגע", און אויך די, וואָס האָבען ניט שלעכט „געטראָפען" און זיי האָבען קיין חרטה ניט אויפ'ן שידוך, און דער מאַן איז ניט „דזשעלאַס". צו זיי קומט אַמאָל בענדזשאמין. מ'פארברענגט און מען רעדט פון אַמאָל. געווים, דעם פראַנט־רום און „דייוועונפּאָרט" דערמאָנט מען ניט — אָן דעם האָט מען „פאר־געסען". מ'רעדט גלאַט פון „אַמאָליגע צייטען", און מ'רעדט פון היינט. זיי זיינען איהם די בעסטע פריינט און זיי רעדען איהם צו חתונה צו האָבען, מאכען זיך אַן אייגענע היים, וועט ער וויסען פון א לעבען. אַנדערע פון זיי געהן נאָך ווייטער און רעדען איהם א שידוך. מ'האָט געפּרובירט „צוזאמענפיהרען" בענדזשאמין'ען מיט באַקאַנטע מיידלאך, און מ'האָט עס געמאכט אזוי, אז בלויז די מיידעל האָט געוואוסט צו וואָס זי קומט, און בענדזשאמין ניט — אבער אויסגעלאָזען האָט זיך דערפון גאָרנישט.

אויך די קינדערלאך פון די „אַמאָליגע", ביי וועלכע „אַנקעל בענדזשאמין" קומט אריין, האָט ער ליעב און האַלט זיי אויף די הענט, שפּיעלט זיך מיט זיי און קושט זיי, ברענגט זיי קענדי און קליינע „בוירטה דעי פּרעזענטס". און אז די קינדערלאך האָבען

אנגעהויבען רעדען, האָבען זיי, אזוי ווי זיין שוועסטער'ס קינדער, פריהער גערופען איהם „אַנקי בענזשאם" און דערנאָך „אַנקעל בענדזשאמין".

מיט א פּאָר פון די „אמאָליגע" האָט זיך בענדזשאמין געטראָפען נאָר צו איין מאָל, און מעהר זיי ניט געזעהן. איינע פון זיי האָט ער געטראָפען אין לאָבבי פון א טעאטער. זי האָט ניט געענטפערט אויף זיין באגריסונג און זיך פון איהם אוועקגעקערט, ניט געוואָלט רעדען צו איהם — איז ער צו איהר ניט צוגעגאנגען. פון דער צווייטער האָט איהם דערצעהלט א באקאנטער, אז זי האָט געקראָגען א שלעכטען מאן, און זי איז נאָך דערצו זעהר ארים, און אז ער האָט זיך מיט איהר דערנאָך באגעגענט אין גאס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט איהם רעדען, און איהם איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. נאר איהם איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס זי האָט צו שטארק באַטאָנט, אז ער זאָל דוקא קומען, ווען דער מאן איז ניטאָ אין הויז; און נאָך אנדערע רייד און חנ'דלאך איהרע אין איהם ניט געפעלען געוואָרען; און דערצו האָט ער נאָך ניט פאַרגעסען איהרע אמאָליגע ביטרע גענג און וועגען, און ס'איז דאַמאָלסט געוועזן ביי איהם א שמחה, אז זי האָט אויפגעהערט קומען — איז ער צו איהר ניט געגאנגען און איהר מעהר ניט געזעהן. „אַנקעל בענדזשאמין" האָט זיך קיינמאָל ניט געזוכט אזעלכע „באַקאַנטשאַפטען".

4

די יאָהרען זיינען געגאנגען און געלאָפען; אלע זיינען עלטער געוואָרען, און „אַנקעל בענדזשאמין" אויך. ער איז געוועזן אין די וויטליכע דרייסיגער. ער האָט זיך ניט געפיהלט אומרוהיג און ניט געטראכט און ניט געבענקט נאָך אן אייגענע היים מיט אייגענע קינדער. מיידלאך האָט ער נאָך אלץ געהאט גענוג. ער האָט נאָך איצט אויך געקענט קריגען די אינגסטע און די שעהנסטע. ער האָט גאנץ פיין פארבראכט מיט זיי, מיט וויצען און גלייכווערטלאך, טעאטער און קענדי, א גלעט, א קוש; די צוויי האלבע

טירען פון פראָנט־רום זיינען זיך צוזאמענגעקומען, ווי אין די פריי־ערדיגע יאָהרען. דער נייער „דייוועגפאָרט" איז ניט געווען עלענד און פארלאָזען. אבער מיט דעם האָט זיך דאס געענדיגט. א קלוגע מיידעל וואָלט נאָך אלץ געקענט אראָפּלייענען פון „אָנקעל בענדזשאמין'ס" באנעמונגען: „אלץ וועל איך פאר דיר טאָן, שוועסטערקע, אבער ניט חתונה האָבען מיט דיר". די מיידלאך האָבען געוואַרט, ווי לאנג זיי האָבען געקענט, און אז זיי איז מיאוס געווארען ווארטענדיג און ס'האָט זיך זיי געמאכט עפּעס „ביים וועג", אָדער זיי האָט זיך עס געדאכט, האבען זיי חתונה געהאט. די יענע געוויסע איינע איז אלץ ניט געקומען.

די שוועסטער בענדזשאמין'ס האָט איהם נאָך אלץ ניט אפּ־געלאָזען מיט חתונה האָבען. און איצט נאָך שטארקער ווי פריהער. אין יענע צייטען, בעת בענדזשאמין איז געווען אין די צוואנציגער, זיינען איהרע טענות וועגען זיין חתונה האָבען געווען ניט קיין טיעף־הארציגע. אין דער אמת'ען, זי האָט דען עפּעס געשראָקען זיך וועגען איהם? וואָס איז ער, א מיידעל? זי האָט דען מורא געהאט, אז ער וועט פארזעסען ווערען? זי האָט דאָך געוואוסט, אז ער קען זיך אויסקלייבען ווענען ער וויל אליין, די שעהנסטע און די בעסטע, און געהן מיט איהר צו דער חופה כאָטש היינט. זי האָט גלאַט גערעדט, ווייל ס'האָט זיך גערעדט — א ברודער — ווילט זיך זעהן נחת. אָבער איצט, אז ער איז שוין ווייט אין די דרייסיגער, הייסט שוין דאס אן אלטער בחור, און ער קען אזוי פארבלייבען — דערפאר האָט זיך די שוועסטער געשראָקען, און זי האָט גע'טענה'ט צו איהם מיט הארץ און געבעטען, ער זאָל נעמען א מיידעל און חתונה האָבען. זי איז אויך געוואָרען צייטענווייז אין „כעס" און געשריען, אז זי וויל איהם ניט האָבען אין הויז, זאָל ער געהן! זאָל ער זיך איינפּיקסען אן אייגענע הויז! זאָל ער געהן, וואוהין ער וויל, נאָר ביי זיך אין הויז וויל זי איהם מעהר ניט האָבען — פאר קיין געלט ניט! און אין אזא צייט האָט זי איהם ניט גערופען „בענדזשאמין", נאָר „ביאָמקע", און איהר קול פלעגט זיך איבעררייסען ווי פון א געוויין מיט א כעס צוזאמען.

דאס איז אבער געווען א „געמלאכעטער" כעס, און דער „ביאמקע" האט ניט געמיינט אראפצוואורפען איהם, זידלען איהם — דאס איז געווען א כעס, וואס מען פיהלט פון ליעבשאפט און געטריי־שאפט, זעהענדיג, אז די געליעבטע פערזאן געהט אויף א שלעכ־טען וועג און לאזט זיך ניט לערנען, און דער „ביאמקע" האט נאך מעהר געוויזען ווי ליעב און טייער ער איז איהר. זי האט איהם „געטריבען פון הויז" — און וואלט זיך איהר נאר אפגערוכט, אז בענדזשאמין נעמט זיך ריהרען פון ארט, וואלט זי אפשר גע־חלש'ט פון שרעק.

בענדזשאמין האט געלאכט פון איהר ערנסטקייט און בעטען זיך, און געזאגט איהר דאס זעלביגע, וואס אלע מאל פריהער: זי דארף זיך ניט שרעקען און ניט זארגען, און זיך ניט בעטען ביי איהם. אז ער וועט נאר דערזעהן די מיידעל, וועלכע ער וועט „וועלען", וועט ער מיט איהר חתונה האבען, און זי, די שוועסטער, וועט איהם אפילו קיין איין מאל ניט דארפען בעטען. און עס איז שוין אויך געווען איצט א שטיקעל אונטערשיעד פון דעם בענדזשא־מין אין די צוואנציגער און דעם בענדזשאמין אין די דרייסיגער. דאמאלסט האט ער זיך גארניט צוגעקוקט אום צו דערזעהן די „ריכטיגע". אז איהם האט זיך נאר געוואלט געהן מיט איהר, וויצלען זיך און פארברענגען אויפ'ן „דייוועןפארט", איז שוין דאס גענוג געווען פאר איהם. איצט האט ער זיך צוגעקוקט שארפער צו די באקאנטע מיידלאך, מיט אן אויג פון א זוכער, א מבין. נאר די יענע געוויסע איינע איז ניט געקומען און ער האט איהר ניט דערזעהן. וואס אייגענטליך ער האט געזוכט צו „דערזעהן", וואלט ער ניט געקענט ערקלערען — ער האט עס אליין ניט געוואוסט, און וואלט ער זיך שוין אנגעשטרענגט צו ערקלערען, וואס פאר א מין כלה ער זוכט, וואלט ער געקענט בלויז זאגען, אז ער זוכט א מיידעל, וועלכע ער זאל „וועלען". די אלע מיידלאך, וואס זיינען געקומען און געגאנגען, האבען ניט אנגעריהרט זיין הארץ. ער איז ניט געווען צוקאכט ביים באקענען זיך מיט זיי, און איהם האט ניט געארט, ווען זיי זיינען אוועק.

5

די צייט האָט געבראַכט נייע אינטערעסען אין בענדזשאַמין'ס לעבען. דאָס איז געווען בעת דער שוועסטער'ס עלטערע קינדער האָבען געהאַלטען ביים ענדיגען סקול, און מ'האָט זיך געישוב'ט, וואָס ס'זאָל ווייטער זיין מיט זיי. די מיידעל האָט זיך געריסען געהן אין האַי־סקול און דער באָי האָט געטראַכט פון קאַללעדזש; און די מאַמע — נאָך מעהר פונ'ם באָי. „אַנקעל בענדזשאַמין" איז אין דעם עסק געווען פאַראינטערעסירט, ווי זיי וואָלטען גע־ווען זיינע אייגענע קינדער. עס איז געווען אַ גאַנץ שווערע פראַגע. דער פאָטער איז אַ שוואַכער פאַרדינער — ווי אַזוי וועט מען קע־נען אויסהאַלטען די קלענערע קינדער אין סקול און די גרעסערע אין האַי־סקול און קאַלעדזש? אמת, בענדזשאַמין וועט טאַקע אויסהעלפען, אבער עס וועט אַלץ ניט זיין גענוג. דער טאַטע האָט געוויס געוואָלט, אַז די קינדער זאָלען געהן אין האַי־סקול און קאַ־לעדזש; פון דער מאַמען איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען — אבער ווי אַזוי? האָט שוין דער טאַטע ביי זיך גע'פועלט, אַז די מיידעל זאָל געהן אין שאַפּ אַריין און דער באָי זאָל דערווייל געהן „אבי־סעל" אין האַי־סקול, דערנאָך וועט מען זעהן. די מאַמע האָט מיט וועהטאָג שוין געהאַלטען ביים נאָכגעבען דעם טאַטען, נאר „אַנ־קעל בענדזשאַמין'ען" האָט עפּעס זיין האַרץ ניט דערלאָזען, אַז דאָס זאָל אַזוי זיין, און מען האָט זיך ווייטער געישוב'ט, ביז מען האָט זיך ענדליך צו עפּעס דערקלערט: דער באָי וועט געהן אין האַי־סקול און קומענדיג פון סקול און אין אבענד וועט ער ביי עפּעס אַרבייטען און פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר אַ וואָך אויף זיין עסען, און וועגען אַ „סוט" וועט אויך רעכט ווערען — האָט בענדזשאַ־מין צוגעגעבען. און די מיידעל וועט אין שאַפּ ניט געהן. זי וועט זיך אויסלערנען אין אַ ביזנעס־סקול טייפּרייטינג, וועט זי קענען אַרבייטען אין אַן אָפיס. וועגען קאַללעדזש פאַר'ן באָי האָט אַנקעל בענדזשאַמין אויך געהאַט אַ פּלאַן: ער האָט געהעכערט זיין וועכענטליכע צאָהלונג אין הויז, און דיזע הוספה מיט אַ קליינע

סומע, וואס מען וועט אראפנעמען פון דעם באַ'ס פּאַרדינסטע, וועט אוועקגעלעגט ווערען אַן א זייט פאר'ן קאלעדזש.

אבער די חשבונות און מיה איז געווען ארויסגעווארפען. ניט די מיידעל איז געווארען א טייפּרייטערקע און זי האט ניט גע־ארבייט אין אַן אָפיס, און ניט דער באַי איז געגאנגען אין האַי־סקול און קאלעדזש. די מיידעל האט קיין געדולד ניט געהאט אויסצושטודירען דעם טייפּרייטער און ניט האבען דערווייל די אלע זאכען, וואס עס האבען געהאט די צוויי חבר'טעס איהרע, וועלכע זיינען אוועק פון סקול אין שאפּ. יענע האבען שוין געהאט אייגענע געלט און געקויפט זיך דרעסעס און העטס און געגאנגען אין טעא־טער — האט זי געווארפען דעם טייפּרייטער מיט די איינגעצאהלטע עטליכע דאלאר אין סקול, אויסגעזוכט זיך א שאפּ און גענומען פארדינען. די רייד האט ניט געהאלפען און עס איז געווען פאר־פאלען.

דער באַי האט אָנגעהויבען געהן אין האַי־סקול און קומענדיג פון סקול האט ער געארבייט אויף גרענד סטריט אין א סטאר פון „פּיקטשור פריימס", „טראנקס" און נאך אזעלכע ארטיקלען. די פיער דאלאר א וואך, וואס ער האט דערפאר געקראגען, האט ניט דערלעבט צו קומען אהיים — ער האט עס דורכ'ן וואך אפגענומען האלבע דאלאר־ווייז און פארספּענט מיט חברים אויף סיגארעטס און נאשערייען. קומען אהיים פלעגט ער שפּעט נאך האלבע נאכט און ניט קענען אויפשטעהן אין דער פריה צו געהן אין האַי־סקול. אלע טאג זיינען פארגעקומען „סצענעס" מיט'ן באַי, אין וועלכע „אנקעל בענדזשאמין" האט זיך געערגערט ניט ווייניגער פון טאַ־טע־מאַמע. דערנאך איז דער באַי גאָרניט געקומען אהיים. ער איז מיט אמאל פארפאלען געווארען. אויף גרענד סטריט האט זיך באוויזען עפּעס א האַמעטנע פארשוין אין א משונה'דיגע העט און הויזען פון פעלכלאך, מיט א בייטשעל אין האנט, און ער האט געזוכט באַיס צו פאהרען מיט איהם אין „די וועסט", וואו ער וועט מאכען מיט זיי א מאָווינג פּיקטשור פון די „ווילד וועסט". יעדער באַי האט איהם געמוזט איינצאהלען צו פופצעהן דאלאר

— וועניגער האָט ער אויך גענומען. די ביזנעס פּלענט געשלאָסען ווערען אויף א קאָרנער אויף ברום סטריט, ארונטער צום וואסער. דער „וועסטערנער" האָט צוזאמענגענומען א רעכט ביסעל באָים, צוגענומען פון זיי, וויפיעל געלט זיי האבען געקענט קריגען, און מיט זיי אוועקגעפאָהרען. עטליכע צעהנדליג מייל פון ניו יאָרק האָט ער זיך פון זיי אפּגע'גנב'עט, און די באָים זיינען געבליבען וויט פון דער היים אָהן א סענט געלט. איינער פון די באָים איז געווען בענדזשאמין'ס פּלימעניק פון האי־סקול. אין הויז האָט זיך געטאָן חושך, די מאַמע האָט געקלאָגט און גע'חלש'ט. אין עטליכע טעג ארום איז ער געקומען צוריק אהיים א הונגעריגער און פארבלאָטיגטער. און דערמיט האָט זיך געענדיגט זיין האי־סקול און קאָלעדזש. דער טאַטע האָט איהם מיטגענומען מיט זיך אין שאָפּ.

די עטליכע דאָלאר, וואָס איז אָנגעקליבען געוואָרען פאר'ן באָי'ס קאָלעדזש האָט אַנקעל בענדזשאמין ניט געלאָזט ריהרען — זאָל עס ליגען פאר די אינגערע קינדער — און ער האָט ווייטער געצאָהלט די הוספה, וואָס איז אָפּגעלייגט געוואָרען באזונדער. און צוזאמען מיט טאַטע־מאַמע האָט ער געהאָפט צו האבען מעהר נחת פון די איבעריגע קינדער. ס'איז אָבער מסתמא ניט באשערט געווען. ניט געווען אין יענעם הויז קיין האי־סקול און קאָלעדזש־קינדער. אלע זיינען זיי אוועק אין די שעפּער.

6

„אַנקעל בענדזשאמין" האָט זיך א רעכט ביסעל געענדערט. נאָך פערציג איז ער געוואָרען פעט, מיט אַן אָנפאנג פון א בייכעל, און די מאָרדע איז געוואָרען ביי איהם קיילעכדיג, מיט עטליכע רויפעלאך, בעת ער האָט געהאלטען אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. די האָר ביי די שלייפען רעכט גרוי; אָבער דער פּנים נאָך אלץ מיט'ן רויטליכען געזונטען קאָליר, איינגעפאסט אזוי ווי אין א בלויען ראם פון די זייטען באקען און מאָרדע. ער געהט נאָך אלץ שעהן געקליידט, מיט'ן דימענטענעם רינג און דימענטענע

שפּילקע. אבער דאָך, די קליידער ליגען שוין ניט ווי אויסגעגאָ־סען אויף איהם, ווי דאן, ווען ער איז געווען אינגער און זיין קער־פּער איז געווען גלייך און גלאַט. פון מויל שיינען ארויס א פּאָר גאָלדענע ציין און אויפ׳ן קאָפּ איז שוין דא א סימן פון א טעלעריל, וואָס דארף זיך ענטוויקלען אין א פּליך. ער פּאסט זיך שוין עפּעס מעהר ניט צו זיצען אויפ׳ן „דייוועגפּאָרט״ מיט א יונגע מיידעל, ־וויצלען זיך און עסען קענדי. ער אליין וואָלט זיך גע־ווים איצט אויך ניט אפּגעזאָגט דערפון. זיי, די מיידלאך, זיינען אבער ניט געקומען אהער, ווי אין יענע צייטען. וואָלט ער שטארק געזוכט, וואָלט ער מסתמא געקראָגען — אפשר ניט אזעלכע שעהנע און יונגע, ווי אמאָל; אבער „צווייטע קלאס״ וואָלט איהם ניט אויסגעפּעהלט. איז ער אָבער ניט געוואוינט געווען צו דיביידע זאכען: ניט ער האָט געקענט זוכען און ניט ער האָט געוואָלט „צווייטע קלאס״. די פראָנט־רום און דער „דייוועגפּאָרט״ זיינען פאר׳יתום׳ט געוואָרען. וואָלט נאָך איצט געקומען די יענע געוויסע איינע, וואָלט „אָנקעל בענדזשאמין״ באלד גענומען און חתונה געהאט. ער האָט שוין איצט גוט געטראַכט דערפון. זי איז אבער ניט געקומען. און ער האָט איהר דוקא געזוכט — די, וועלכע ער זאָל „וועלען״. ער האָט זיך שוין אפילו געלאָזט עטליכע מאָל צו־זאמענפיהרען מיט כלות דורך דער שוועסטער און באקאנטע. ער האָט אָבער „יענע״ ניט געטראָפען. די שוועסטער טענה׳עט נאָך אלץ מיט איהם. אבער אָהן הויכע טענער: אין הארצען ביי איהר האָט זי א רחמנות אויף איהם: זי זעהט, אז ער פּארבלייבט שוין נעבאך אזוי אויפ׳ן גאנצען לעבען, און העלפען קען זי איהם ניט. שולדיג אין דעם איז ער טאקע אליין — וועט איהם אָבער דען דער־פון גרינגער זיין? פּארדריסט איהר אָפּט, פאר וואָס זי טשעפּעט זיך צו איהם. ווער קען איהם העלפען? א מענש האָט זיך אריינ־גענומען אין קאָפּ, אז פאר איהם איז גאָר ניטאָ קיין מיידעל אויף דער גאנצער וועלט!

7

ניט אויף לאַנג איז די פראָנט־רום און „דייוועגפאַרט" געבלי־בען עלענד און פאַרלאָזען. דאָרט איז צוריק לעבעדיג און פרעה־ליך געוואָרען. און „אַנקעל בענדזשאַמין" האָט געהאַט א באַפרי־דיגונג פאַר זיין איינזאַמקייט דאָרט. דער שוועסטער'ס עלטערע מיידלאַך זיינען געוואָרען „גרויסע" און ס'האָבען גענומען ארויפ־קומען צו זיי יונגע לייט, פיינע באָים; ס'וועט אפשר „עפּעס" ארויסקומען פון זייער ארויפקומען אין הויז. ס'פּאַסט ניט צו האַלטען א יונגען מאַן אין קיך און די יונגע ווילען גאָר זיין אָפּ־געזונדערט פון אַלעמענס אויגען — האָט „אַנקעל בענדזשאַמין" זיי געגעבען אָפּגעטראָטען די שעהנע פראָנט־רום מיט'ן „דייוועג־פאַרט" אין די געוויסע אבענדען — מיט דיזעלביגע שמחה און נחת, ווי דאָס וואָלט געטאָן א טאַטע אדער א מאַמע.

א נייער אינטערעס אין „אַנקעל בענדזשאַמין'ס" לעבען. צו־זאַמען מיט טאַטע־מאַמע האָט ער נאָכגעקוקט די יונגע לייט, וואָס דאָס זיינען פאַר מענשען, ווי אזוי זיי באַנעמען זיך; געזאָגט מבינות, געזוכט צו דערגעהן, וואָס זיי „מיינען" מיט'ן ארויפקו־מען אין הויז; געלערענט די מיידלאַך, ווי אזוי „אַנצוגעהן", ווי זיך צו „האַלטען". און „אַנקעל בענדזשאַמין" האָט שטאַרק ניט געוואָלט ליידען און זיך גענומען צום הארצען, ווען איהם האָט זיך אָפּגעדוכט, אז אימיצער פון די יונגע לייט, פון וועלכען ער האָט געהאַלטען, מיינט בלויז דעם „פּלעזשור" פון זיצען מיט זיין „ניעס" אויפ'ן דייוועגפאַרט, וויצלען זיך, עסען קענדי און די אי־בעריגע זאַכען, וואָס געהן געוועהנליך צוזאַמען. און מעהר גאָר נישט... ניין, עס טויג ניט.

אויפהאָדעווען מיידלאַך און זיי חתונה מאַכען איז ניט קיין גרינגע זאַך. עס האָט זיך געגוג געטאָן. די עלטערע האָט געהאַט זעהר א פיינעם יונגען מאַן און ס'האָט שוין געהאַלטען ביי תנאים און חתונה — איז זי מיט אמאָל געקומען מיט א נייעם, א סך אָן ערגערען, מיט א „ראָפען" פּנים ווי ביי א „גענגסטער", און קיינער

האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז און וואָס ער טוט — און דוקא מיט דעם מוז זי חתונה האָבען. יענער, דער פיינער באָי, האָט נעבאך געוויינט און ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון הויז. ס'איז געווען אַן אמת'ער צער זיך צוצוקוקען צו איהם, און די מאַמע האָט מיט איהם מיטגעוויינט. ס'האָט ניט געהאָלפען דער בעטען זיך, בייזערען און סטראַשען — דער מיט'ן „ראָפּען" גענגסטערשען פּנים האָט אַזוי ווי אַ כישוף אָנגעטאָן דער מיידעל און מ'האָט איהר פון איהם ניט געקענט אָוועקרייסען. קנאַפּען נחת האָבען פון איהר טאַטע־מאַמע און „אַנקעל בענדזשאַמין".

די אנדערע מיידעל האָט גלאַט קיין מזל ניט צו חתנים. מ'ווייס ניט, וואָס מיט איהר איז. זי איז גראָד אַ שטיל, פיין קינד און פאָלגט. זי איז שעהנער פון דער עלטערער, אָבער עס געהט איהר ניט. אַז אַ באָי באַקענט זיך מיט איהר, פארליבט ער זיך באַלד אין איהר, ווערט אַ צוגעקלעפּטער און וויל ניט אַוועקגעהן, קומט צופליהען באַלד נאָך סאַפּער און אַז דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף, וויל ער נאָך ניט געהן אהיים. אין אַ קורצע צייט ארום אָבער ווערט ער פארפאַלען און ווייזט זיך מעהר ניט. פאַר וואָס? וואָס האָט זי איהם געטאָן? גאָר נישט, דאַכט זיך. מ'קען זיך ניט ערקלערען וואָס דאָ איז פאַר אַ מין אומגליק. אַלע באָים אַזוי: פריהער קען מען זיי פון הויז ניט ארויסקריגען, דערנאָך אנט־לויפען זיי. דער טאַטע מיט דער מאַמען מיט „אַנקעל בענדזשאַ־מין" פאָרשען פון איהר, ווילען דערגעהן, וואָס זי האָט איהם גע־זאָגט, וואָס זי האָט איהם „געטאָן", ווי זי האָט זיך געגען איהם באַנומען — ווייס זי ניט, וואָס צו דערצעהלען. זי האָט איהם גאָר נישט געטאָן! זי ליידט נעבאך, גרויסע יסורים, און קיינער קען איהר ניט העלפען.

דאָך, מיט דער צייט, האָבען די מיידלאַך חתונה געהאַט. די עלטערען דוקא ניט מיט'ן גענגסטער און ניט מיט'ן ארענטליבען חתן, פון וועלכען דער גענגסטער האָט איהר אָוועקגענומען. דער גענגסטער איז אליין אנטלאָפען ערגעץ און דער פיינער באָי האָט שוין פריהער חתונה געהאַט. זי האָט געקראָגען אַן אנדערען. און

די שלמזלניצע איז אויך ניט פארזעסען געווארען; דער באשערטער איז ענדליך געקומען. „אַנקעל בענדזשאמין" איז געווען פונקט אזא מחותן אויף די חתונה, ווי טאַטע־מאַמע, און געהאַט דעם זעלביגען נחת און גריזשעניש, ווי זיי. ער איז געווען, פארטאַן, פארשמייעט פאר די חתונות מיט קויפען, נייען, מיט'ן האַל, און געהאָלפען אויסרעכענען וואס'ערע פּרעזענטען ס'וועלען אריינקערמען, און דערנאָך געווען ענטוישט מיט'ן חשבון.

אין הויז זיינען איבערגעבליבען די צוויי אינגסטע קינדער — א באַי און א מיידעל, זעכצעהן און זיבעצעהן יאָהר.

8

די שוועסטער איז שוין געווען אלט און שוואך אין געזונט. אויסגעהאָרעוועט, אויסגעמאַטערט פון'ם טראָגען און האָבען און האָדעווען און „אויסגעבען" עטליכע קינדער, שווערע האָרעוואניע און אָרימקייט. די לעצטע צייט האָט זי גענומען ליגען ביסלאכווייז צו־בעט מיט „קידנים", מיט געשוואָלענע פיס. דערנאָך איז זי אוועק אין האָספּיטאל און איז שוין צוריק אהיים קיין לעבעדיגע ניט געקומען. מען האָט איהר געבראַכט צופיהרען אין א „באָקס" און געלייגט מיט די פיס צום טיר.

דער שוועסטער'ס טויט איז געווען גאָר א שטאַרקער קלאַפּ פאר „אַנקעל בענדזשאמין". דאָס איז געווען דער ערשטער טויט פון זיינעם א נאָהענטען אין א סך יאָהרען. און די פארשטאָרבענע איז דאָך געווען מעהר ווי א שוועסטער צו „אַנקעל בענדזשאמין". זי איז געווען שוועסטער, ווייב און קינדער, און זיין לעבען איז דאָך געווען צוזאַמענגעוואקסען מיט איהרען עטליכע און צוואַנציג יאָהר נאָכאנאנד. און מעהר ווי די שוועסטער מיט איהר פאַמיליע האָט ער אין זיין לעבען ניט געהאַט.

„אַנקעל בענדזשאמין" איז שוין איצט געווען גרוי ניט בלויז ביי די שלייפען, נאר איבער'ן גאנצען קאָפּ, ארום דעם גאָר נישקשה'דיגען פּליך. און דער פּנים איז ביי איהם געווארען מעהר

געלבלאך איידער רויטלאך. דערפאר די בויך ארויסגעשטופּט צום פּראָנט און די מאָרדע א דאָפּעלטע.

נאָך דער שוועסטער'ס טויט איז די מיידעל געבליבען אין הויז אלס באַליבאָסטע. און ס'איז געווען „מאָדנע": „אָנקעל בענדזשאמין", דער שטוב־מענש, וואָס האָט זיך דעם גאַנצען לע־בען געמישט אין די מינדסטע זאך פון דער באַליבאַטישקייט, איז איצט, ווען די אמת'ע באַליבאָסטע איז שוין ניט געווען און ער האָט געקענט האָבען נאָך א ברייטערע פעלד, ווי פריהער, פאר זיין „פאך" — איז ער גאָר קאַלט געוואָרען צום גאַנצען עסק, און זעהר וועניג, במעט גאָרנישט אריינגערעדט אין די הויז־זאכען — פאר־לאָרען דעם גאַנצען אינטערעס און „יצר הרע" פאר דעם. עפּעס איז דער פונדאמענט פון זיין גאַנצען לעבען צוטרייסעלט געוואָרען און איהם האָט זיך מעהר ניט געוואָלט וויסען, וואָס אין הויז טוט זיך — ווי עס טרעפט א מענש קריגט עפּעס א שווערען קלאַפּ און פארלירט דורך דעם זיין ווילען און מוט.

דער שוואָגער, דער שוועסטער'ס מאן, איז לאַנג ניט געזעסען אַן אלמן. ס'האָט ניט גענומען קיין פולען האלב יאָהר. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט מישב געווען און אריינגעבראכט אין הויז א נייע ווייב. באקאנטע האָבען זיך געוואונדערט וועגען איהם: נאָך זיין ווייגען און קלאָגען נאָך דער פארשטאָרבענער ווייב האָט מען געקענט מיינען, אז ער וועט שוין קיינמאָל ניט חתונה האָבען. „ווי מען קען דאָס קיינמאָל ניט וויסען אויף א מענשען" — האָט מען געזאָגט.

„אָנקעל בענדזשאמין" האָט געזעהען אז ער מוז זיך זוכען א נייע היים.

די נייע ווייב האָט גראָד געוואָלט האבען „אָנקעל בענדזשאָ־מין'ען" אין הויז. ער איז געווען פאר א הויז א שטיקעל „שמאַלץ־גרוב" מיט זיין צאָלען. און ס'האָט זיך גרינג געלייגט אויפ'ן שכל, אז דער אלמן האָט זיין כלה אָנגעגעבען אין נדן זיין „געוועזענעם שוואָגער", און זי האָט איהם שטארק געבעטען צו פאר־בלייבען. וועגען די „באהאנדלונג" דארף ער זיך ניט זאָרגען. ס'וועט

איהם קיין זאך ניט פעהלען, אזוי ווי פריהער, מיט די בעסטע אויפ־פאסונג און מיט אלצדינג. „אנקעל בענדזשאמין" האט אבער ניט געקענט פארבלייבען מעהר אין דעם דאזיגען הויז.

ביידע קינדער האבען ביטער געוויינט, קומענדיג פון אבענד אין הויז און געפינענדיג די פראנט־רום אן אויסגעראמטע, א ליי־דיגע, און „אנקעל בענדזשאמין" איז ניטא און וועט ניט קומען. זיי האבען ווי עפעס דערפיהלט שטארקער דעם אומגליק, וואס זיי האט געטראפען מיט דער מאמען... זיי האבען א לאנגע צייט ניט געקענט אויפהערען וויינען און האבען קיין סאפער ניט געגעסען. די מיידעל האט זיך אוועקגעלייגט א וויינענדיגע אין בעט אין די קליידער און דער באי האט געוויינט פאר זיך אין פוסטען פראנט־רום. דער טאטע און די שיפמאמע האבען ניט געהאט וואס צו זאגען די קינדער, א חוץ בעטען זיי געהן עסען סאפער.

זעהר גוט וואלט פאר „אנקעל בענדזשאמין" געווען, אז ער וואלט געקענט אריינקלייבען זיך צו איינע פון זיין שוועסטער'ס פארהייראטע טעכטער. אבער ביי קיין איינע פון זיי איז איהם ניט געווען צום הארצען. די „מאנען" זייערע געפעלען איהם ניט, און איהם געפעלט ניט, ווי דארט געהט אין אלגעמיין אן. חבר'ט ער זיך ווענינ מיט זיי און האלט זיך פון וויטען; קומט ווען־ניט־ווען „זעהן די קינדער". האט ער זיך אויסגעזוכט א פראנט־רום אין דער פרעמד. פיעל זאכען מיטצונעמען האט ער ניט גע־האט. דער „דיינגווענפארט" איז שוין לאנג אויף דע ר וועלט ניט געווען. דער קארפעט איז געווען כמעט צומאלען אונטער די פיס און ס'האט זיך ניט געלוינט צו רייסען עס פון פלאר. דער לאמפ איז שוין לאנג געווען צובראכען און ארויסגעווארפען, ווארים דורך דער שוועסטער'ס לאנגער קראנקהייט איז געווארען א תל פון די הויז־זאכען און אויך פון „אנקעל בענדזשאמין'ס" פראנט־רום. ער האט זיך דאס ניט גענומען צום הארצען. דער חשק צו האבען אן אייגענע שעהנע רום מיט שעהנע זאכען, איז שוין געווען ביי איהם אזוי ווי אפגעטויט.

דערנאך האט שוין „אנקעל בענדזשאמין" געוואנדערט פון

פראָנט־רום צו פראָנט־רום. זיין יענע נייע דירה האָט זיך געהאט איהר חסרון און אנדערע עטליכע חסרונות מיט אמאָל. און „אָנ־קעל בענדזשאמין" איז דאָך אזוי פיעל יאָהרען געוואוינט געווען צו זיין אייגענער היים. פעהלט איהם איצט די אמת'ע היים, וואו ער זאָל זיך קענען „טומלען", מישען זיך און זאָגען דעות אין דער באַ־ליבאטישקייט, העלפען רעבענען די היימישע פינאנצען און געבען עצות. אין די פרעמדע היים קען דאָס ניט געהן. עס ציהט איהם ניט און ער וואָלט עס גאָר ניט געקענט טאָן. ער שעהמט זיך — און ווער וועט זיך דאָס צו איהם צוהערען? ליידט ער, און זיין „היים" האָט פאר איהם קיין שום אינטערעס ניט. דער שוועס־טער'ס קינדער זיינען איהם געווים נאָהענט, און ער וואָלט שטארק געוואָלט צוטוליען זיך דארט, זיינען די דאָרטיגע פיהרונגען ניט קיין גוטע, און מ'האָט זיך צו איהם ניט געוואָלט צוהערען און ניט געפאָלגט איהם — האָט איהם אויפגעהערט אַרען.

בייטאָג איז ער פארנומען מיט זיין באשעפטיגונג; און דער אבענד, ווען אין די אמאָליגע יאָהרען פלעגט זיך ביי איהם אָנ־פאנגען דער רעכטער לעבען, איז איהם אומעטיג און לאנגווייליג. ער האָט דאָרט ניט וואָס צו טאָן. שפאצירט ער אויף די גאסען, פארגעהט צו מואווינג פיקטשורס. דאָס איז פאר איהם אַ שווערע אָפּקומעניש — פון אייביג אָן אַ שטוב־מענש.

מיט די אמאָליגע באַקאַנטע קומט ער זיך ווייניג צוזאמען. זיי זיינען ניטאָ. צומופט, צוגאנגען, צופאָהרען, צושטאָרבען. אַ פּאָר זעהט ער נאָך אמאָל. זיי זיינען שוין לאנג באָבעס. און אז ער טרעפט דאָרט די אייניקלאָך, לערנען די באָבעס זיי איהם רופען „אָנקעל בענדזשאמין". ער קנייפּט זייערע בעקלאָך, נעמט זיי אויף'ן שויס, גיט זיי פּענים און ניקעלס.

אין זיין אלטע היים קומט ער גאָר־גאָר זעלטען; נאָר ווען ער פארבענקט זיך צו זעהן די קינדער, אדער ער האָט זיי עפּעס נויטיגעס צו זאָגען אדער פרעגען. מיט'ן געוועזענעם שוואָגער זיינעם האָט ער ניט וואָס צו רעדען. יעדער איז עפּעס גאָר ניט דערזעלבינגער. אז ער רעדט, האַלט ער אין איין קוקען אויף דער

ווייב, אזוי ווי ער וואָלט זיך געהיט מיט זיינע רייד, טאָמער וועט עס איהר ניט געפעלען. פאר דער ערשטער ווייב האָט ער זיך דוקא ניט געשראָקען. איצט זעהט ער אוים דערשלאָגען און ס'ווייזט אוים, אז ער האָט מורא „עפּעס א מויל". נאר „אַנקעל בענדזשאַמין" אינטערעסירט זיך ניט וועגען איהם — עפּעס אזוי ווי ער וואָלט איהם גאָר קיינמאָל ניט געקענט.

9

דער שוועסטער'ס מיזינקע איז געראָטען אין דער מאמען. די, וואָס האָבען געקענט דער מאמען אין איהרע יונגע יאָהרען, זאָגען, אז זי, די מיזינקע, זעהט אוים אקוראט ווי זי אין איהר יוגענד. „אַנקעל בענדזשאמין" זעהט דאָס קלאָרער פון אַלעמען; און ער האָט די מיזינקע שטארק ליעב, ער איז צו איהר „צוגעקלעפּט". ער אינטערעסירט זיך שטארק מיט איהר. ער האָפט, אז דורך איהר וועט אויך קומען א סוף צו זיין ארומוואנדערען. ער וועט ביי איהר זיך איינקלייבען און שוין פארבלייבען. ער וועט זעהן, אז זי זאָל טאָן א גוטען שדוך און ער וועט איהר געבען א שעהנע פּאָר טאָלער צו דער חתונה.

א יונגע אלמנה

1

די קליינע, פיער יאָהריגע סאָפּעלע לאָזט זיך ניט פארשלעפּע־רען. זי איז חושד, אז אזוי גיך ווי זי וועט נאר איינשלאָפען, וועט די מאַמע אוועקגעהן — פארמאכט זי ניט די אויגען און שטרענגט זיך אָן, ניט איינצושלאָפען.

יעדען אבענד, ווען די מאַמע קומט אהיים פון דער ארבייט, און כאַפּט סאָפּעלען אויף די הענט, קושט איהר און פרעהט זיך מיט איהר, איז סאָפּעלע׳ס שמחה ניט פארפול. זי איז אין צווייפעל; זיווארט צו זעהן, וואָס די מאַמע וועט באַלד טאָן: אויב די מאַמע נעמט אראָפּ פון זיך די גאס־קליידער מיט די שיך, טוט א ווארף דעם קאָרסעט, און טוט אָן די שטוב־קלייד מיט די פּאַנטאָפעל, ווערט ערשט סאָפּעלע ריכטיג דערפרעהט: זי איז שוין זיכער, אז די מאַמע בלייבט מיט איהר אויף די גאנצע נאכט, זי וועט שוין ער־גען ניט געהן היינט. סאָפּעלע קריגט דעם פולען מוטה, לאכט און שטיפט. איהר שמחה הויבט זיך אָן, ווען די מאַמע נעמט זיך צו די קליידער. זי שטעהט און קוועלט, כאַפּט אונטערטאַנ־צען און ווארט, די מאַמע זאָל וואָס גיכער פארטיג ווערען. דער־נאָך פאַלט זי ארויף אויף דער מאַמען און הערט ניט אויף איהר קושען. בלייבט אָבער די מאַמע אָנגעטאָן אין די קליידער, איז וועלכע זי איז געקומען, איז סאָפּעלע אומעטיג; זי שרעקט זיך, אז די מאַמע וועט שפּעטער אביסעל אוועקגעהן; עסט סאָפּעלע איהר סאָפּער אָהן דעם פולען אפּעטיט. און אז די מאַמע הויבט נאָך אָן באַלד נאָך סאָפּער רעדען וועגען שלאָפען געהן, איז שוין סאָפּעלע אין גאנצען זיכער, אז די מאַמע וויל אוועקגעהן. זי הויבט אָן וויינען, די מאַמע זאָל ניט געהן, זי זאָל זיצען מיט

איהר אדער ליגען זיך מיט איהר אין בעט. און דער מאמע'ס אלע רייד און צוזאגונגען, אז זי וועט ניט אוועקגעהן, גלויבט סאפעלע ניט. עס נעמט א סך, א סך לענגער דער איינשלעפערען איהר אין אזא אבענד, ווי ווען די מאמע האט אויף זיך די שטוב־קלייד מיט די פאנטאפעל. סאפעלע שלאפט ענדליך איין אין חשך און מורא. און אז זי כאפט זיך אויף און געפינט ניט די מאמען לעבען זיך, הויבט זי אן וויינען און רופען: „מאמע". ס'העלפט ניט די פאר־זיכערונגען פון דער „מיסעס", אז די מאמע קומט באלד אריין, די מאמע איז געגאנגען קויפען קענדי. סאפעלע וויל פון גאר־נישט הערען און וויסען; זי וויינט און וויל די מאמען. אזוי וויינט זי אפ, הערט אויף און הויבט ווידער אן, פארגעסט זיך אויף א ווײלע און הויבט ווידער אן און שלאפט שוין צוריק ניט איין ביז די מאמע קומט.

דער מאמע'ס אוועקגעהן אין דער פריה צו דער ארבייט, האט זיך שוין סאפעלע אויסגעלערענט צו פארשטעהן, אז דאס מוז אזוי זיין, א פארפאלענע זאך, און קיין וויינען און קלאגען וועט איהר ניט העלפען. שווייגט זי. אין דער פריה כאפט זי זיך אויף באלד ווי די מאמע נעמט זיך נאר ריהרען פון בעט — מעג די מאמע ווי היטען זיך, איהר ניט אויפצואוועקען — קוקט נאך דער מאמע'ן ווי זי טוט זיך אן, און היט איהר, אויב זי לאזט איבער אויפ'ן טישעל פאר איהר אלץ, וואס איהר קומט — די גוטע זא־כען, מיט וועלכע די מאמע קויפט איהר אפ פאר'ן לאזען איהר אוועקגעהן. די מאמע לאזט איבער אויפ'ן טישעל קענדי, אן עפעל, א שטיקעל „טשואינג גאם", קרעקערס און — קעש — א ניקעל אדער פינף פענים. סאפעלע קוקט איבער די דאזיגע זאכען, און מעהר פון אלץ באקוקט זי די געלט. פונ'ם געלט מאכט זי איי־גענטליך קיין שום געברויך ניט, און די מאמע געפינט עס גאנץ, ווען זי קומט אהיים, נאר וואס דען? עס טרעפט אמאל, אז די מאמע האט גראד פארגעסען אנצוגרייטען א ניקעל אדער די פולע פינף פענים — האט סאפעלע א פרימשעפקע ניט צו וועלען לאזען דער מאמע'ן אוועקגעהן. העלפען העלפט עס איהר טאקע ניט —

די מאמע געהט אוועק; אבער דערווייל געפינט זי א שטיקעל באַ־פרידיגונג אין איהר גערעכטען פראַטעסט. א „דיים" טויג ניט, ס'מוז זיין דוקא א ניקעל אדער פינף פענים, כאָטש סאַפּעלע וויים שוין, אז א „דיים" איז מעהרער.

2

דעם גאנצען טאָג זיצט די מאמע איבער איהר ארבייט און טראכט וועגען זיך און וועגען איהר קינד. איהרע צרות, דער שווע־רער, עלענדער לעבען איהרער, נעמט זיך און איז צוזאמענגעוואק־סען מיט איהר איינציגע שטיקעלע טרייסט, איהר קינד, איהר סאַ־פּעלען. וואלט זי געוועז אליין, סאַפּעלען ניט געהאט, וואָלט זי „געלעבט". דער פארשטאַרבענער ווערט פארגעסען; דער טרויער נאָך איהם ווערט אויסגעווישט, און ער וואָלט שוין מעהר קיין אָפּ־האַלט ניט געווען פאר איהר צו „לעבען". וואָס וואָלט זי איצט געהאט צו זאָרגען? קיין פולע זיבען און צוואנציג יאָהר איז זי נאָך ניט אלט, מיט דיזעלביגע שעהנקייט ווי אמאָל. וואוהין וואָלט זי ניט געגאנגען און וואָס וואָלט זי ניט געזעהן? עס וואָלט גע־ווען ווי אמאָל, איידער זי האָט חתונה געהאט. דאמאָלסט, קומענ־דיג פון איהר ארבייט, האָט זי מיט פרייד געפיהלט ביי זיך, אז די לעבעדיגע, רוישענדע, פרעהליכע וועלט לאָזט זי איבער הינטער זיך נאר אויף א קליינע ווייל. אָפּגעגעסען, איז די דרויסענדיגע וועלט ווידער געוונען איהרע. זי איז געגאנגען, אויף וועלכער זייט זי האָט זיך נאר אויסגעקליבען, און ס'האָט איהר קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט וואוהין און מיט וועמען צו געהן. און זי איז גע־גאנגען און געזעהן און געהערט. דער טאָג ביי דער ארבייט האָט זיך געצויגען און דערגרייכט אלץ נעהנטער צו דער פרייער, פרעה־ליכער וועלט; און דער פרעהליכער אבענד האָט פארשלונגען דעם שווערען טאָג, און די גאנצע וואָך האָט זיך געלאָזט אלץ נידריגער צום זונטאָג, דעם טאָג פון לעבען, פון געהן, פאָהרען, זעהן, הערען. און דער טייערער זונטאָג האָט ארייגעצויגען און פארשלונגען די שווערע וואָך.

איצט איז אנדערש. ניטאָ היינט די אבענדען און ניטאָ דער זונטאג. דער טאָג ארבייט ציהט זיך און שלעפּט זיך שווער, און ווערט ניט פארגרינגט פון די גוטע האָפנונגען אויפ'ן אבענד, ווען די דרויסענדיגע וועלט וועט ווערען איהרע, און זי וועט געהן, לעבען, זעהן און הערען. עס ציהט זיך דער שווערער טאָג צו דעם שווערערען אבענד און אומעטיגען צימער. אבער דער שווערער טאָג, וואָס ציהט זיך צו דעם שווערערען אבענד, ווערט אלע ווייל'ע באַהויכט מיט א ליבליכע ווארימקייט, טראכטענדיג פון איהר קינד, פון איהר סאָפּעלען, טאקע די סאָפּעלע, צוליעב וועמען זי פארברענגט אזעלכע טעג און אבענדען. אבער קיינמאָל פאלט איהר ניט איין צו מאכען סאָפּעלען פאר די שולדיגע. און דער מאמע'ס טראכטען וועגען זיך און די ליבליכע ווארימקייט איז נאָך דורכגעמישט מיט בענקעניש, זאָרג און שרעק, וואָס דאַרט טוט זיך מיט סאָפּעלען — איבערגעלאָזען איהר אויף פרעמדע הענט — אפשר איז זי פלוצלינג ניט געזונט געווארען; אפשר האָט איהר די מיסעם איבערגעלאָזט אליין אין הויז מיט די מעטשעם... אפשר האָט זיך סאָפּעלע ארויסגע'גנב'עט אויפ'ן גאס, ס'פאָהרען ארום וועגען און אַטאָמאָבילס...

אין גאנצען איז איצט עפּעס אריבער א יאָהר זייט זי איז אן אלמנה, און מוז צוריק ארבייטען בייטאג און די אבענדען פארברענגען מיט איהר קינד אין געדונגענעם פרעמדען צימער. נאר עס דוכט זיך איהר, זי פיהלט, אז דאָס איז שוין א לאנגע, לאנגע צייט; און יעדער טאָג, יעדער אבענד איז לענגער, ערגער, שווערער. דער לעבען אין איהר איז צוגעשמידט אויף א שווערער קייט, און דער לעבען רייסט זיך, רייסט זיך.

אריינקומענדיג, פון אבענד, אין הויז, נאָך דער ארבייט, דערפיהלט זי, ווי זי האָט איבערגעלאָזען די לעבעדיגע, קאָכעדיגע וועלט הינטער זיך ביז מאָרגען אין דער פריה — אזוי גוט ווי אויף אלע מאָל. זי ווייס, אז דער „דרויסען“ וועט לעבען, עס וועט רוישען און קאָכען; מ'וועט געהן, וואוהין מ'וועט וועלען, מ'וועט זעהן, מ'וועט הערען, מ'וועט געפעלען ווערען...

3

סאָפּעלע וואַרט אויף דער מאַמען. אויפ'ן זייגער פאַרשטעהט זיך נאָך ניט סאָפּעלע, נאָר עפּעס שמעקט זי אָן די מינוטען, ווען די מאַמע דאַרף אַריינקומען, און זי טרעט שוין ניט אָפּ פון טיר. זי דערקענט דעם גערויש פון דער מאַמע'ס גאַנג אויף יענער זייט טיר. מאַמע און טאָכטער כאַפּען זיך אַרום. ביידע פאַרגעסען זיי אָן דעם לאַנגען טאָג. דאָס איז די ערשטע באַגעגעניש, ווען די מאַמע איז נאָך אָנגעטאָן מיט'ן הוט און דזשעקעט. דערנאָך, נאָכ'ן אויס־טאָן זיך, הויבט זיך עס אָן פון דאָס ניי. די מאַמע האַלט סאָפּע־לען אויף די הענט; סאָפּעלע'ס בעקעלע איז פעסט צוגעדריקט צו דער מאַמע'ס, מיט דער מאַמעס האַנט אויף איהר דרויסענדיגע בעקעלע. אָבער סאָפּעלע'ס שמחה איז ניט פאָלקאָם. זי ווייס ניט, וואָס דאַ וועט באַלד זיין: וועט די מאַמע אויסטאָן די ווייסט, אוועקוואַרפען דעם קאָרסעט, אויסטאָן די שיך און אָנטאָן די הויז־קלייד מיט די פאַנטאָפעל?... וועט זי בלייבען ווי זי איז, און נע־מען באַלד רעדען פון שלאָפען געהן?...

דאָס רוב אָבענדען בלייבט די מאַמע אין הויז, סיידען זי מוז גאָר נויטיג צוגעהן ערגעץ. זי האָט גענוג וואָס צו טאָן אין הויז: זי מוז סאָפּעלען באָדען און קעמען. זי האָט צו פּרעסען די וועש, יעדען אָבענד עטליכע שטיקלאַך, פון זונטאָגדיגען וואַשען; זי האָט צו נייען אויפ'ן מאַשין פאַר זיך און פאַר'ן קינד; און זי האָט צו טאָן די אַרבייט, וואָס זי דאַרף גאָר ניט טאָן, פאַר וואָס זי באַ־צאָהלט דער „מיסעס". ס'איז באַדונגען, אַז יענע דאַרף האַלטען דעם צימער ריין, באַציען די בעט, אָפּוואַשען די פּלאָר און דעם פענסטער. האָט אָבער יענע גענוג אייגענע אַרבייט צו טאָן; און זי ווייס נאָך דערצו, אַז אויב זי וועט ניט טאָן, וועט „אָן אַנדערע" טאָן. לאָזט זי איבער די אַרבייט פאַר די „אַנדערע". די מאַמע וויל בעסער זיין גוט מיט דער „מיסעס" — זי לאָזט איבער איהר קינד אויף אַ גאַנצען טאָג ביי יעדער אויף די הענט — לאָזט זי בעסער איהרע „איבערגעהן", מאַנט וואָס ווייניגער, טוט אַליין די

ארבייט, באצאָהלט נאָך פאר געז באַזונדער, וואָס דאָס איז נאָר ניט אפגערעדט געוואָרען; נייהט נאָך אָפּט פאר דער „מיסעס" אויף'ן מאשין, און פרעהט זיך, אז יענע ווערט ניט ברוגז אלע ווײַלע.

אין די אָרימע, אומעטיגע אָבענדען רייסט זיך אריין צו דער יונגער אלמנה אין צימער דער גערויש פון דער דרויסענדיגער וועלט. אמאָל איז זי פארטאָן אין איהר ארבייט, און איהר קינד, און זי דערהערט ניט, אדער זי הערט נאָר דעם הו־האַ, וואָס טומעלט בלויז אין די אויערען און מאכט קיין שום ווירקונג ניט. אבער דאָס רוב פיהלט זי, ווי דער דרויסען שרייט און דערצעהלט און רופט; דאָרט געהט מען, מען זעהט, מען הערט, מען לעבט, מען געפעלט... און לעבען איהר איז סאָפּעלע, איהר זיסער יאָך, די ברעקעלע ליכט און וואַרימקייט... סאָפּעלע איז די שווערע קייט, וואָס האַלט דעם לעבען אין איהר צוגעשמידט... און זי פרעהט זיך און די ליעבליכע וואַרימקייט צושפּרייט זיך אויף איהר הארץ... און דער לעבען רייסט זיך פון דער שווערער קייט...

4

היינט האָט די מאמע ניט אָנגעטאָן די הויז־קלייד מיט די פאַנטאָפּעל. סאָפּעלע ליגט אין בעט און די מאמע זיצט לעבען איהר. די מאמע רעדט איהר איין, זי זאָל איינשלאָפען, ווייל ס'איז שוין זעהר שפּעט; אבער סאָפּעלע וויל ניט הערען. זי פארשטעהט, אז די מאמע וויל ערגעץ אוועקגעהן. קוקט די קליינע מיט רוגז און האַלב־אויסגעשטעלטע ליפּעלאַך אויף דער מאמע'ס ווייסט, און זי פיהלט, אז דער קאָרסעט, אויף וואָס די ווייסט איז אנגעצויגען, רייצט זיך עפּעס מיט איהר... זי קוקט אויף דער מאמע'ס צוגעקליבענע האָר, און זי פרעגט אלע ווײַלע דער מאמען, וואוהין זי וויל געהן. די מאמע פארזיכערט איהר, אז זי וועט היינט ניט געהן, און פאר אן עדות ווייזט זי אָן אויף'ן פרעס־אייזען, באַלד נעמט זי זיך צום פּרעסען די וועש. סאָפּעלע גלויבט אבער דעם עדות אויך ניט — זי געדענקט, אז ער האָט איהר אמאָל אָפּגענאַרט. און

זי ווייס, אז זי טאָר ניט איינשלאָפֿן — די מאַמע וועט אוועקגעהן. די דעקלאַך לאָזן זיך אַראָפּ אויף סאָפּעלע׳ס אויגלאַך און זי רייסט זיי צוריק אַרויף — די מאַמע זיצט נאָך. און אַזוי היטענ־דיק דער מאַמען, פֿאַרמאַכן זיך סאָפּעלע׳ס אויגעלאַך, איהר רעכ־טע הענטעל שטרעקט זיך צום וואַנט — דאָס איז שוין דער ריכ־טיגער סימן, אַז זי שלאָפֿט איין. זי איז איינגעשלאָפֿען.

די מאַמע איז נאָך פֿאַרבליבען זיצען אַ פּאָר מינוט, צו זיין זיכער, אַז סאָפּעלע איז טאַקע אויף אַן אמת איינגעשלאָפֿען. דער־נאָך האָט זי זיך אָהן געררויש אויפֿגעשטעלט, גענומען די הוט מיט׳ן דזשעקעט, אַראָפּגעדרעהט די גאַז און אַריין צו דער „מיסעס״. דאָרט האָט זי אָנגעטאָן די הוט מיט׳ן דזשעקעט, געבעטען דער „מיסעס״ אַ קוק טאָן אַביסעל צו סאָפּעלע׳ן, און זי איז אַרויס פֿון הויז.

5

אין אַ ווייל ארום איז די יונגע אלמנה געזעסען אין „פּראָנט רום״ ביי די „באַריהמטע און באַוואוסטע״ שדכנ׳טע, מאַדאַם קאָרן.

זי קומט דאָ די לעצטע צייט אַריין אַלע וואָך, אַ פּאָר מאָל דורכ׳ן וואָך, אז זי קען זיך נאָר אַרויסרייסען. זי לייגט ניט קיין גרויסע האָפֿנונגען, אַז איהר אויסלייזונג וועט קומען דורך דאַנען. אַבער דאָך ציהט עס איהר אַהער. און היינט האָט עס איהר גע־צוויגען נאָך מעהר ווי ווען עס איז פֿריהער. נעכטען איז זי דאָ געוועזען, און די אויגען איהרע האָבען זיך באַגעגענט מיט אַן אַנדער פּאָר אויגען; ביידע פּאָר אויגען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען, נאָר איהרע אויגען זיינען עפּעס געבליבען פֿאַרטשעפּעט און האָבען איהר פֿאַרהאַלטען. זי האָט דאָ אַבער לאַנג ניט געקענט פֿאַרבלייבען. זי האָט שוין געהאַט אָפּגערעדט אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפֿט, זי איז געשטאַנען אוועקצוגעהן — איהרע אויגען זיינען אַבער געוועזען פֿאַרטשעפּעט, און זי האָט ניט געקאָנט געהן. איז זי פֿאַרבליבען אויף אַן איבריגע פּאָר מינוט, אויסגעטראַכט זיך צו זאָגען עפּעס מאַדאַם קאָרן, ניט האָבענדיג ביי זיך דעם קלאָרען חשבון, צי זי

טוט עס אום נאָך אביסעל אנצוקוקען יענעם, אדער ווייזען זיך אליין, צי אפשר ביידע זאכען... ווער איז ער געווען יענער? זי ווייס ניט. זי האָט איהם פריהער קיינמאָל ניט געזעהן. א שעה־נער יונגער מענש, שעהן אנגעטאָן און ס'האָט זיך איהר אויסגע־וויזען, אז די „אנשטענדיגקייט" ליגט אויף איהם. אייגענטליך גאר ניט אויסערגעוועהנליכעס האָט זי געזעהן אויף איהם. אזעלכע ווי ער, און נאָך „בעסערע", זעהט זי אלע טאָג אויפ'ן גאס, אין קאר. אויף דיזע קוקט זי אויך, נעמט זיי א מאָס און אויף דער מינוט מאכט זיך א חשבון ביי איהר אין קאָפּ. אבער אָט זיינען זיי שוין ניטאָ — און ווי ניט געווען. אנדערש איז דאָ. יעדער איינער, וואָס קומט דאָ אריין, קומט וועגען דער זעלביגער געווי־סער זאך, און יעדער איינער וויים, צו וואָס דער אנדערער קומט אהער, און מען קען זיך דאָ ווידער זעהן. און די מענער און פרויען דאָ זיינען „חושד" איינע די אנדערע — אפשר וועט דאס זיין ע ר; אפשר וועט דאָס זיין ז י. דאָס רוב זיינען די אריינקו־מענדע אהער נאָר געפאלענע סחורה. די פרויען — די עלטערע — אויסגעווייקטע אין צרות, אין עלענד, מיט א רעטונגס־זוכעניש אויפ'ן פנים און אין די אויגען. די אינגערע פרויען, מיידלאך—פאר־טריקענטע, איינגעפאלענע, דיק־באקאלכטע, אנגעטאָן אין די גריל־צענדיגסטע קאָלירען. און זיי, די אינגערע, האָבען דעם אויסזעהן פון פארלעגענע טאנדעטנע סחורה, וואָס מ'האָט פון דאס ניי אנ־געקראָכמאָלט אפצונארען, ווער ס'וועט זיך נאר לאָזען. און דאס רוב עלטערע מענער דא זיינען מיט בערד און בערדלאך, און די עלטערע געגאָלטע זעהען אוים ווי „משומדים", און מ'זעהט אויף זיי, אז זיי האָבען איבערגעלאָזען אין דער היים קינדער, וואָס האָבען ניט, ווער ס'זאָל אויף זיי אכטונג געבען. און זיי אליין, די חתנים, דארפען אומיצען צו דערלאנגען זיי „א לעפעל ווארימע וואסער". און מ'זעהט דאָ מענער, וואָס מאכען דעם איינדרוק פון היישערי־קען, אידישע „ראזבאָיניקעס", וואָס מוזען האָבען אויף גיך די „פאר־טאָלער". און מ'זעהט דאָ „לעמעכס", לאקרעצדיגע יונגע לייט, וואָס ווילען קומען פון דער ארבייט „צו זיך אליין", און א מיידעל דארף

זיי „נעמען“. און זי, די יונגע אלמנה פון קנאפע זיבען און צוואנ־ציג יאהר, וואס דער לעבען איז ביי איהר אנגעשמידט אויף א שווער קייט און איז אנגעפילט מיט א ליבליכע ווארימקייט, און טראכט פון געפעלען און ליעבען — זי האט זיך געהאלטען העכער פון די אלע אריינקומענדע, וואס זי האט דא ביז איצט געזעהן, און זי האט ניט געזעהן ווי אזוי איהר רעטונג קען קומען פון דא־נען. אין דער צייט פון איהר אריינקומען אהער האט זיך איהר בליק אויף קיינעם ניט פארטשעפעט כאטש אויף דער קלענסטער מינוט און זי האט קיין מאס פון קיינעם דא ניט אראפגענומען — ביז דעם לעצטען מאל, ווען זי האט געהאלטען ביים ארויסגעהן. ס'איז אריינ־געקומען יענער, דער שעהנער, יונגער מענש, דער שעהן אנגעטא־נענער, מיט די „אנשטענדיגקייט“ אויף איהם. און ער איז ביי איהר פארבליבען, ניט ווי די פיעלע, פיעלע אנדערע, וועלכע זי זעהט אויפ'ן גאס און אין קאר און וועלכע פארשווינדען באלד אויף אייביג. זי האט געטראכט פון איהם קומענדיג אהיים, און היינט דורכ'ן טאג.

ביי מאדאם קארן אין הויז רעדט מען ניט קיין ראמאנטישע רייד און ניט פארשטעלט, מיט איידעלע אנצוהערעניסען. דארט רעדט מען ביזנעס און צום פונקט: „וויפיעל געלט האט זי?“ „ער געפעלט מיר אביסעל“. „אפשר קען זי אוועקגעבען ערגעץ א קינד?“ „אז ער וואלט ניט געהוסט אזוי שטארק“. „די רויטע פרויקע האט אפגעלאזען דעם שידוך?“ „וועניגער פון פינף הונדערט טאלער וועל איך א סענט ניט נעמען“. „קיין בלאפס וועט ביי מיר ניט געהן“. „זאל זי קריגען ערגעץ נאך א פאר הונדערט טאלער“. „זי האט דאך געזאגט, אז איהר אנקעל האט א קלאטהינג סטאר!“ די יונגע אלמנה קען שוין אביסעל אויף אויסוויינינג די דאזיגע רייד, און זי ווייס וואס מען דארף דא טאן, האט זי געפרעגט דער מא־דאם קארן, וואס דאס איז פאר א יונגער מאן, וואס איז דא נעכ־טען אריינגעקומען, ווען זי האט געהאלטען ביים ארויסגעהן.

מאדאם קארן האט א קורצען טראכט געטאן און זיך דערמאנט.

— ער איז צו מיר רעקאמענדירט געווארען דורך א באקאנט־

שאפט — האט זי געזאגט — א פיינער יונגער מאן, א ביזנעס מאן. איצט דערמאן איך זיך: ער האט טאקע אויף אייך געפרעגט וועגן איהר זייט. זיין פרוי איז ניט לאנג געשטארבען.

— וואס האט ער געפרעגט? — איז די יונגע אלמנה נייגעריג צו וויסען.

— ער האט געפרעגט, ווער איהר זייט. ער האט נאך געזאגט, אז איהר זייט א שעהנע מיידעל.

— מיידעל? — האט איבערגעפרעגט די יונגע אלמנה מיט אזא שמייכעל, וואס צייגט אי פרייד, אי וועהטאג — וואס האט איהר איהם געזאגט?

— ס'איז ניט אויסגעקומען פיעל צו רעדען וועגען דעם. ער האט זיך שוין דא געטראפען ביי מיר מיט איינע. ער דארף געלט אין זיין ביזנעס. סיידען, אפשר, אז ס'וואלט זיך געמאכט נאר א שעהנע, וואס ער וואלט שטארק געגליכען, וואלט ער גענומען אהן געלט אויך.

עס איז א גאנץ שווערע פראגע... די יונגע אלמנה האט אויף דעם מאמענט ניט וואס צו זאגען, נאר ס'פינטעלט אין איהר א שטיקעל האפנונג פון דעם, וואס ער האט געזאגט. אז זי איז א שעהנע... אנגענומען איהר פאר א מיידעל...

מאדאם קארן האט ניט קיין פיעל צייט און זי וויל ניט פאר־לירען קיין איבעריגע רייד, זאגט זי קורץ:

— מ'קען ניט וויסען, אמאל קען זיך אפשר מאכען, קומט אריין הייַנטיגע וואך.

דער יונגער אלמנה ווילט זיך אבער נאך ווייטער רעדען וועגען דעם ענין, און זי פרעגט:

— איהר'ט געזאגט, אז כ'בין ניט קיין מיידעל?

— כ'האב געזאגט, אז איהר זיינט אן אלמנה.

און וועגען קינדער?

— מיט אזעלכע זאכען באפ איך זיך ניט ארוים גלייך — ערקלערט איהר מאדאם קארן — פריהער מוז מען זעהן וואס

ס'מוז זיך, וואו מ'איז אין דער וועלט. מ'דערצעהלט ניט באלד וועגען א קינד.

די יונגע אלמנה איז הערצליך פאראינטערעסירט; זי פאר־שטעהט אבער ניט אוקראט, וואס מאדאם קארן מיינט, און זי ווארט אויף ווייטערע רייד.

מאדאם קארן איז אומגעדולדיג, ס'ווארט אויף איהר ביזנעס, און זי האלט די איצטיגע רייד דא פאר גלאט פוסטע רייד. זי האט אבער ערפאהרונג און זי ווייס ווי אנצוגעהן מיט יעדען סארט „קאסטאמער". מיט עלטערע, פארהארטעוועטע מענשען באגעהט זי זיך הארטער, ווי מיט אזא ווייבעלע, אזא יונגינקע, געשלאגענע, וואס איהר איז נעבאך ביטער אויפ'ן הארצען און די אנגעלעגענ־הייט דא געהט איהר פשוט אום לעבען; רעדט זי צו איהר געדול־דיגער, מיט אביסעלע א מוטערליבען טאן:

— אמאל טרעפט — ערקלערט זי דער יונגער אלמנה — א מאן פארליעבט זיך אין א פרוי, קוקט ער אויף קיין זאך ניט, צי זי האט א קינד, צי ניט, אמאל טרעפט נאך, אדרבא, אז ער נעמט איהר מיט צוויי אויך, אז ער פארליבעט זיך שטארק אין איהר. און מיט אנדערע טרעפט, ווי ער דערוויסט זיך, אז זי האט א קינד, הערט ער איהר באלד אויף ליעבען. אמאל טרעפט, אז ער איז פארליעבט, איז שוין פארפאלען, נעמט ער איהר מיט'ן קינד. מ'מוז אכטונג געבען ווי צו געהן ארום דעם, מ'זאל ניט איבער־פיהרען איידער וואס ווען.

א שטילער ציטער געהט דורך אין הארץ פון דער יונגער אלמנה... סאפעלע... זי שווייגט.

— ס'איז מסתמא גאר ניט כדאי צו רעדען אין גאנצען — זאגט ווייטער מאדאם קארן — ער דארף דאך געלט אין זיין ביזנעס, אבער ס'קען זיך אמאל אויסלאזען, ער זאל נעמען אהן געלט אויך. דא האלט זיך גאר אין מאכען עפעס פאר איהם.

די יונגע אלמנה איז אבער געשטארקט פון דעם, וואס יענער האט געזאגט, אז זי איז א שעהנע און איהר אנגענומען פאר א מיידעל; קען זי ניט אפלאזען אזוי גרינג:

— איהר האָט געזאָגט, אז ער וואָלט גענומען אהן געלט אויך. קענט איהר דאָך טרייען.

— איהר'ט אריינקומען דורכ'ן וואָך, מיר'ן זעהן.

— מיט'ן קינד, וואָס וועט זיין? — פרעגט די יונגע אלמנה אין א שוואַכען טאָן.

— דערוויילע האָט איהר קיין קינד ניט. אז ער וועט זיך אין אייך גוט פארליעבען, וועט איהר דערנאָך זאָגען.

— דערנאָך וועט ער אפשר ניט וועלען, איז בעסער איהם שוין אויסזאָגען.

— דערמיט קען מען איבערפיהרען באלד אין אַנהויב. אנדערע קענען זיך גאָרניט פארליבען, אז זיי ווייסען פון א קינד.

— איהר האָט דאָך אליין געזאָגט, אז מיט צוויי קינדער נעמט מען אויך, אז מ'ליעבט זיך איין.

— דארף מען דאָך פריהער וויסען, וואָס פאר א מענש דאָס איז.

— טו ווי קען מען וויסען?

— איכ'ל זעהן, ס'איז דאָך ערשט נאָך קיין וואָך ניט ווי ער קומט דאָ אריין.

— ווען וועט איהר וויסען?

מאדאם קאָרן האָט פארשטאנען, אז די ווייבעלע קען דאָ אזוי אפזיצען און פרעגען און רעדען „פוסטע רייד" עטליכע שעה נאָכ־אנאנד, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, געגעבען איהר צו פארשטעהן, אז פאר היינט וועט זיין גענוג.

— זאָגט איהר, אז מ'דארף דערווייל ניט זאָגען וועגען קינד?

— אפילו ניט דערמאָנען.

— און ס'קען ניט ווערען ערגער? — וויל די יונגע אלמנה כאָטש נאָך עפּעס זאָגען.

— פריהער דארף מען זיך צוזאמענקומען, מ'דארף זיך גוט זעהן און רעדען — זאָגט מאדאם קאָרן, שוין געהענדיג צום טיר — קומט אריין דורכ'ן וואָך.

די יונגע אלמנה איז אוועק אהיים. אויפ'ן וועג האָט זי גע־

טראכט, אז ס׳קען נאך ארויסקומען א גרויסער אומגליק פון פאר־לייקענען א קינד... ס׳קען דערפון פאסירען עפעס מיט סאפעלען... פארלייקענען א קינד....

ארייגקומענדיג אין הויז, האט זי, ווי איהר שטייגער איז אלע מאל, א פרעג געטאן דער „מיסעס״, אויב סאפעלע האט געוויינט. און דערהערענדיג, אז ס׳קינד איז די גאנצע צייט שטיל געווען, איז זי מיט א דערשראקענע הארץ האסטיג אריין אין צימער און זיך איבערגעבויגען איבער סאפעלען, הערען ווי זי שלאפט... און דער־פיהלענדיג סאפעלע׳ס אטעם, האט זי אליין גרינגער אפגעאטעמט...

מיט איהר אויסטאן די קליידער און זיך לייגענדיג אין בעט, האט די מאמע סאפעלען אויפגעוועקט. סאפעלע האט פארשטאנען, אז די מאמע איז איצט געקומען פון ערגעץ. זי האט איהר אבער מוחל געווען — אבי זי איז שוין דא און לייגט זיך לעבען איהר. מיט איהרע ווייכע, ווארימע הענטעלאך האט זי געגלעט דער מאַ־מע׳ס האלז און ברוסט. און געפרעגט איהר, וואו זי איז געווען, וואס זי האט געטאן, וואס זי האט פאר איהר געבראכט. און די מאמע האט איצט דערפיהלט, אז זי וועט איהר קינד קיינמאל, קיינמאל פאר קיינעם ניט פארלייקענען, אפילו ניט פאר דעם גרעס־טען מיליאנער... אבער, אז די ערשטע באגעגענים איז פאראיבער, און סאפעלע האט געשטערעקט א הענטעל צום וואנט און איינגע־שלאפען, איז אויף דער מאמעס געדאנק ארויפגעשוואומען וואס יענער האט געזאגט: זי איז א שעהנע. ער האט איהר אנגענומען פאר א מיידעל... אפשר איז ער פון די, וואס קענען ניט איינליע־בען זיך, אז זיי וויסען פון א קינד... סאפעלע... איצט מוז זי זיך וואלגערען דעם גאנצען טאג אין דער פרעמד... די אנשטענדיגקייט ליגט אויף יענעם... אפשר פארלאזען זיך אויף מאדאם קארן... זי וועט זיך אין גאנצען פארלאזען אויף מאדאם קארן...

דער מחותן

אין א באַגעגעניש מיט אימיצען פון די אַלטע באַקאַנטע, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זי מאַכט חתונה די טאָכטער היינטיגע וואָך, דאָנערשטאָג. דער באַקאַנטער האָט אפילו אָנגעגעבן דעם פּלאַץ פון דער חתונה־צערעמאָניע — אין א שול מיט די אַלע זאַכן, אין האַרלעם. דער באַקאַנטער האָט געהאַט מיט זיך די געדרוקטע איינלאַדונג — לעקסינגטאָן עוועניו, ביי הונדערט און זיבעצעהנטע סטריט.

די באַגעגעניש מיט דעם אַלטען באַקאַנטען איז געווען א צו־פעליגע און א גאַנץ קורצע — עטליכע מינוט אין גאַנצען, און אַז ער איז אַליין געבליבען און ער האָט איבערגעטראַכט, וואָס יענער האָט איהם דערצעהלט, האָט זיך איהם א טראַכט געטאָן: „א צנועה געוואָרען אויף דער עלטער — אין א שול"... ער האָט צו איהר גאָר נישט געהאַט, און ער האָט ניט געמיינט א שטאָך צו טאָן איהר מיט'ן וואָרט „צנועה", נאָר אַזוי ווי אָהן זיין וויסען איז דורך זיין געדאַנק דורכגעלאָפען: „א צנועה געוואָרען אויף דער עלטער".

א סך יאָהרען האָט ער איהר ניט געזעהן, און איהם האָט ניט אינטערעסירט צו וויסען פון איהר. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז זי איז רייך געוואָרען. ס'האָבען זיך צו איהם דערטראָגען גרוסען, אַז איהר מאַן האָט זיך „ארויפגעאַרבייט", געוואָרען א רייכער מאַנו־פעקטשורער פון קלאָוקס. האָט דאָס איהם ניט געפרעהט און ניט פאַרדראָסען. די פּאַסירונג אין די יונגע יאָהרען איז דורך דער לאַנגער צייט אויסגעמעקט געוואָרען פון זיין לעבען. און האָט ער וועןניט־איז געטראַכט פון אַמאָליגע צייטען און אויך אַז יענער

פּאַסירונג זיך דערמאָנט, איז דאָס געווען אָהן בענקעניש נאָך דער פּאַסירונג אין דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט.

איצט, דערוויסענדיג זיך, אַז די טאָכטער האָט חתונה די וואָך, האָט יענע פּאַסירונג גענומען ארויסוויקלען זיך פון דעם באַרג דורך די יאָהרען אנגעקליבענעם „לעבען", און ער האָט געטראַכט פון יענער צייט. און ער פלעגט בלייבען שטעהן א פאַרטראַכטער, א פאַרגעסענער אָן זיך, מיט ביידע הענט אראָפּגעלאָזען אויפ'ן „קאַנטער" אין זיין סטיישאָנערי סטאָר, און אוועקגעקוקט ווייט און טיעף. די פּאָר טעג נאָכדעם ווי ער האָט די נייעס דערהערט, איז ער פאַראומעטיגט, פאַרבענקט, פאַר'חלום'ט געוואָרען.

ביי איהם איז דאָס דאַמאָלסט געווען א זאַך אויף א ווייַלע. צוויי און צוואַנציג יאָהר איז ער אַלט געווען. זי איז געווען אין דיזעלביגע יאָהרען. זי איז געווען פאַרהייראַט און א מוטער פון א צוויי יעהריגען אינגעלע. ער האָט מיט דעם מאַן אין איין פּלאַץ געאַרבייט און איז אַמאָל אין הויז אריינגעקומען. זי איז זעהר א שעהנע געווען און ער האָט א שטאַרקען חשק צו איהר באַקומען. האָט ער זיך גענומען צו איהר מיט די אַלע נויטיגע געוועהר — קאָמפּלימענטען, פאַלשע, פייערדיגע רייד פון ליעבע, ביז ער האָט איהר באַזיעגט. זי האָט איהם אוועקגעגעבען איהר לייב און נשמה. ביי איהם איז דאָס געווען ניט מעהר ווי א שפּילכעל ביז עס וועט פאַראיבערגעהן. נאָר פאַר איהר איז דאָס א געפעהרליך־ערנסטע זאַך געוואָרען. זי האָט א מאַן און א קינד. דורך איהר געוואַל־דיגער ליעבע פאַר'ן נייעם האָט זי דעם מאַן פיינט געקראָגען, ניט געקענט פאַרטראָגען איהם נאָהענט צו זיך, און ס'איז אין הויז סקאַנדאַלען פאַרגעקומען צווישען איהר און איהר מאַן. זי האָט צום געליעבטען גענומען רעדען וועגען מאַכען א סוף. זי איז גרייט אויף אַלץ — זי וועט דעם מאַן איבערלאָזען און מיט איהם אוועקגעהן. זי איז געווען א „פּראָסטע" ווייבעל, אָהן פּרעטענזיעס, נאָר דורך די גרויסע נייע ליעבע איהרע האָט זי שוין אויך פאַר־

נומען און ס׳זיינען אין איהר פארבליבען זיינע אלע רייד, וואס זי האט קיין מאל פריער ניט געהערט, וועגען אמת׳ע ליעבע און אז פאר די אמת׳ע ליעבע מעג מען און מען מוז טאן אלץ.

פון מאכען א סוף האט ער ניט געוואלט הערען. ביי איהר האט מאכען א סוף געהייסען פארלאזען דעם מאן און אוועקגעהן מיט איהם. אין זיין געדאנק האט אבער מאכען א סוף געמיינט עפעס אנדערש; מאכען א סוף פון זייער ליעבע. און ער האט קיין שום סוף ניט געוואלט מאכען: ער האט ניט געוואלט אוועקנעמען איהר פון איהר מאן, און ניט געוואלט איבעררייסען זייערע פארהעלט־ניסע. האט ער געזוכט איהר צו „פאררעדען די ציין" — ס׳זאל בלייבען ווי עס איז.

דער סוף איז אבער געקומען. אין א בייטאג, ווען ער האט מיט איהר ביי איהר אין הויז פארבראכט, האט זי איהם געזאגט, אז זי שוואנגערט און דאס וועט זיין זיין קינד. זי האט איהם אלע באווייזע אנגעגעבען, און זי האט איהם שוין פריהער אויך דער־צעהלט וועגען דעם ווי ווייט זי האלט איהר מאן פון זיך. עס וועט זיין זיין קינד.

און עס איז געווען פונקט פארקעהרט, ווי זי האט גערעכענט. געמיינט האט זי, אז מיט דער דאזיגער בשורה וועט זי איהם נעהנ־מער צו זיך צוציהען. ער וועט זיך דערוויסען, אז ער וועט ווערען א פאטער פון א קינד, און ער וועט איהר צו זיך נעמען. זי וועט ווערען זיין ווייב. איצט מוז דאך שוין נעמען א סוף... זי וועט ניט פארבלייבען לענגער אין הויז... מיט דעם וויסען, אז זיינס א קינד ווערט אין איהר געשאפען, האט זי זיך שוין אין גאנצען זיינע דערפיהלט, און דעם מאן איהרען שוין ערגער ווי א פרעמדען בא־טראכט... עפעס א טרפה זאך... א שטיק צוגעוואקסענע ווילד־פלייש, וואס זיצט אויף איהר לעבען און זי מוז דערפון פטור ווערען.

דער געליעבטער האט די זאך אנדערש פארנומען. ער האט זיך באלד געזאגט, אז זי זאגט איהם א ליגען. דאס האט זי זיך אויסגעטראכט כדי איהם אריינצוציהען אין איהר נעץ, ער זאל

מוזען מיט איהר חתונה האָבען... אָנטאָן אויף איהם א יאָך... און אויב דאָס זאָל אפילו אמת זיין — איז נאָך ערגער. צו וואָס טויג דאָס איהם?... און ער האָט אָנגעהויבען באַנעמען זיך אַזוי, אַז עס זאָל וואָס גיכער נעמען א סוף; געגומען אפטרייסלען זיך, אפשאָקלען זיך פון איהר. אָנגעהויבען קומען זעלטענער... גערעדט צו איהר די געוויסע רייד; באַנוצט די אַלע נויטיגע געוועהר, וואָס פאָדערען זיך אין אזא מין קאַמף, ביז ער האָט געוואונען — זי האָט שוין אַליין איינגעזעהן, אַז עס איז געקומען דער סוף פון זייער ליעבע. און זי האָט זיך איצט דערפיהלט אויפגעשווידערט, ווי איינער, וואָס איז נאָהענט צום גע'הרג'עט ווערען און זוכט אין טויט־שרעק, מיט בלוט אין די אויגען און מיט אַנגעצונדענע חושים, ווי זיך צו ראַטעווען. ער, וועמען זי האָט אַזוי ליעב, געהט פון איהר אוועק... דעם מאַן קען זי ניט פאַרטראָגען און קען מיט איהם אין איין הויז ניט זיין, און זי האָט א קינד, און נאָך א קינד ווערט אין איהר געשאַפען... זי וועט פון איהר הויז אַנטלויפען... נאָר וואוהין וועט זי לויפען מיט א קינד אויף די הענט און מיט נאָך א קינד אין איהר קערפּער?... זי וועט זיך דעם טויט מאַכען. נאָר אויך דאָס איז אַזוי שווער אָפּצוטאָן, ווי צו געפינען אַן אָרט צו אַנטלויפען מיט א קינד אויף די הענט און מיט נאָך א קינד אין קערפּער.

קיין געוויין און געבעט ביים געליעבטען האָט ניט געהאָלפען. ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינע געוויסע טענות, אַז עס טויג ניט פאַר ביידען, איבערהויפּט פאַר איהר טויג דאָס ניט... ער וועט אפילו פאַר זיך אַליין קיין לעבען ניט קענען מאַכען. ער דענקט גאָר איצט אָנהויבען שטודירען... ער וועט גאָר אפשר אין גאַנצען אוועקפאָהרען פון דאַנען... עס טויג ניט, עס טויג ניט...

איז זי פאַרבליבען אויף איהר אָרט און געטאָן דאָס בעסטע, וואָס זי האָט געקענט. אַז ס'איז פאַראיבער דער שטורעם און זי האָט זיך אביסעל איינגעשטילט, האָט זי שלום געמאַכט מיט איהר מאַן און ווייטער געלעבט. און ער, דער מאַן, אַזוי ווי ער האָט פון גאָר נישט געוואוסט, האָט איהם גאָר נישט געשאַדט.

צו דער ריכטיגער צייט האָט זי אַ מיידעלע געבוירען.

אין קינפּעט האָט זי טיעף און געהיימניספול געזיפצט, אבער דער נחת איז זיך געבליבען נחת.

ער איז מעהר צו איהר אין הויז ניט געקומען, און ערגעץ אַנ־דערש האָבען זיי זיך אויך ניט געטראָפען. זיי האָבען זיך מעהר ניט געזעהן. ער האָט גאָר גיך פארגעסען. זי האָט לאַנג נאָך שטיל פאר זיך געזיפצט

ער האָט ניט שטודירט און ניט אוועקגעפאָהרען. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָהר האָט ער חתונה געהאט און זיך פארקליבען אין אַ סטיישאָנערי סטאָר אין פלעטבוש, און ער איז שוין פארבליבען אַ פלעטבושער תושב. זיין לעבען איז געווארען — סטיישאָנערי ביזנעס. ער האָט אין פלטעבוש געקויפט און פארקויפט סטיישאָ־נערי סטאָרס; געקויפט „אראָפּגעארבייטע" סטאָרס, זיי „ארויפ־געארבייט" און פארקויפט מיט פארדינסט. אמאָל האָבען זיך די „אראָפּגעארבייטע" סטאָרס ניט געלאָזט „ארויפארבייטען" און ער האָט דערלעגט געלט. אבער ער האָט געוואוסט נאָר פון איין וועלט — סטיישאָנערי סטאָרס אין פלעטבוש. זיין פאמיליע איז געוואַק־סען, די קינדער זיינען געווארען גרויס. צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גרויסע סטיישאָנערי סטאָר אין פלעטבוש און מאכט דאָרט אַ פיינעם לעבען. דורך דער גאנצער צייט האָט ער „יענע" פאמיליע ניט געזעהן, ווי ער האָט ניט געזעהן די אַלע אַלטע באקאנטע פון דער איסט סייד פון די אמאָליגע יאָהרען, איידער ער האָט זיך פארקליבען אין פלעטבוש. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט ער געהאט גרוסען דורך צופעליג געטראָפענע באקאנטע, אז יענע זיינען רייך געווארען. ער איז געווארען אַ גרויסער קלאָוק מאַנופעקטשורער. האָט דאָס איהם ניט געפרעהט און ניט וועה געטאָן.

איצט האָט מען איהם געזאָגט, אז די טאָכטער האָט חתונה די וואָך, דאָנערשטאָג... און דער פאר צוויי און צוואנציג יאָהרען

איז אין איהם אויפגעשטאנען תחית המתים, און א בענקעניש נאך די לאנג־פארגאנגענע צייט האט זיך איבער זיין הארצען פאר־שפרייט. א מאדנע זאך: זיין הארץ, וואס האט פריהער ניט גע־וואוסט גאר פון בענקעניש אדער פון ארייגלאזען זיך אין חלום'ען פון פארגאנגענע צייטען, איז איצט פארנומען געווארען פון א נאגעניש, א ציעניש, און האט איהם ניט אפגעלאזען. עס איז ניט לעבעדיג געווארען אין איהם און אויפגעשטאנען די לאנג־פארגע־סענע ליעבע אדער די שטארקע ליידענשאפט, וואס ער האט אמאל צו יענער געהאט. ניין, ניט דאס איז עס געווען. עס איז געווען א בענקעניש נאך יענער לאנג־פארפלויגענער צייט פון דער יוגענט... נאך זיינע צוויי און צוואנציג יאהר, נאך די איבערלעבענישען אין יעער צייט. און אזוי ווי אין יענער צייט איז די פאסירונג מיט איהר געווען גאר א וויכטיגע זאך, אפשר גאר די וויכטיגסטע אין יענער פארגאנגענער צייט, האט זיין בענקעניש נאך דער צייט אויך איהר אריינגענומען...

די טאכטער האט חתונה די וואך, דאנערשטאג... און ער האט אויך געטראכט פון די געוויסע רייד איהרע, וואס זי האט איהם דאמאלסט געזאגט ווענען אט דער טאכטער, וועלכע איז נאך זיין אוועקגעהן פון איהר געבוירען געווארען... א, דאס איז נארישקייט... דאס קען ניט זיין... נארישקייט... ער האט זיך דערמאנט, אז דאן האט איהם אייגענטליך ניט געארט, צי ס'איז טאקע אמת, צי ניט... ס'איז איהם אלץ איינס געווען... און ער האט געטראכט פון דעם ווי זי האט דאמאלסט פאר איהם געוויינט און געשווארען זיך ביי איהר לעבען און ביי איהר קינד'ס לעבען, אז עס איז אזוי ווי זי זאגט איהם, זי זאגט איהם דעם אמת... אבער דאס איז נא־רישקייט... ער האט איהר גוט געקענט: זי איז געווען אן עהרליכע און אמת'ע, זי האט איהם קיינמאל קיין ליגען ניט געזאגט... אבער דאס איז נארישקייט... און ער האט ניט געוואלט גאר טראכטען דערפון, געוואלט פארטרייבען דעם געדאנק, ווי מען פארטרייבט א בייזע פליעג... נאר די פליעג איז אלץ צוריקגעקומען, ניט גע־לאזט זיך פארטרייבען.

דאַנערשטאַג פאַרנאַכט איז ער פון סטאַר ארויס און אוועק נאָך ניו יאָרק. ער איז געווען פאַרפּלאָנטערט און זיך עפּעס שטאַרק גע־איילט, ווי צו גאָר א וויכטיגער געשעהעניש, און פאַר־יום־טוב'ט איז ער געווען.

ער איז אנגעקומען אויף דער איסט־סייד און אוועק נאָך יענער גאַס, וואו זי האָט געוואוינט אין יענער געוויסער צייט. א פּאָר צעהנדליג יאָהר איז ער אין דער דאָזיגער גאַס ניט געווען. א פּאָר מינוט האָט איהם געדויערט ביז ער האָט די הויז אויסגעקליבען... אָט שטעהט זי אויף איהר אָרט... אָט זיינען די פענסטער...

איז ער געשטאַנען אויף דער אנדער זייט גאַס און ארויפגע־קוקט... ער האָט אין יענער צייט איצט זיך געפונען. נאָר איהם האָט ניט געלאָזט לאַנג שטעהן דאָ — עפּעס נאָך וויכטיגערעס ערוואַר־טעט איהם היינט.

דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט דעם רעסטאָראַן, וואו ער פּלעגט אין יענער צייט פּיעל פאַרברענגען. ער איז אריין, געזעצט זיך ביי א טישעל און געהייסען ברענגען א גלאָז טיי. ער האָט באַקוקט די מענשען ביי די טישען, די אריינקומענדע. פרעמד... קאַלט און פרעמד... אויך דאָ האָט איהם ניט געלאָזט לאַנג איינזיצען. ער האָט איבערגעלאָזט די גלאָז טיי ניט־אָנגעריהרט און ארויס פון רעסטאָראַן.

פאַרקלערט אין בענקעניש איז ער א קליינע ווייַלע געגאַנגען איבער די אַלט־באַקאַנטע פרעמדע גאַסען. דערנאָך איז ער ארויף אויף אַן עלעווייטעד־סטיישאַן און געפאָהרען נאָך האַרלעם.

א קליינער עולם האָט זיך אנגעזאַמעלט ביים שול, ווי ביי אַלע חתונות. ער איז געשטאַנען צווישען עולם, מיט'ן הוט אַראָפּגע־רוקט אויף די אויגען. עס זיינען אנגעקומען אָטאָמאָבילס און טעקסים. ער האָט געהיט. דער חתן מיט די כלה זיינען פון אַן אָטאָמאָביל ארויס. אבער איהר געזיכט האָט ער ניט געקענט זעהן, ווייל עס איז געווען פאַרהאַנגען מיט א וואַאל. עס זיינען ארויס פון די אָטאָמאָבילס און טעקסים מענשען אומבאַקאַנטע. און ער

האַט צווישען זיי דערזעהן א י ה ר מיט'ן מאַן. זי איז זעהר דיק. ער האַט איהר אָבער דערקענט. עס האָבען שטארק געבלישצעט פון איהר די דימענטען.

דערנאָך איז ער ארויס פון עולם און אריבער אויף דער אנדער זייט גאַס — — מיט א פאררי‌סענעם קאָפּ אריינגעקוקט אין שול דורך די ליכטיגע פענסטער... אפשר האַט זי דעם וואוּל אראָפּגענומען... פאַר וואָס איז איהר געזיכט פארהאנגען געווען?... ווי זעהט זי אויס?... כאָטש איין קוק טאָן אויף איהר געזיכט!... אפשר וועט זי ארויסקומען פון שול אָהן א וואוּל... ער מוז איהר זעהן... כאָטש איין קוק... ער וועט ווארטען, ער וועט ניט אוועקגעהן...

אין אייביגען שרעק

דער אומגליק איז געקומען כמעט פלוצלינג. מיט אמאָל האָט ער אָנגעהויבען באַנעמען זיך „מאָרגנע“, גערעדט „פון וועג“. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און מ'האָט איהם אוועקגענומען פון הויז. פאַר דער וועלט האָט עס געהייסען — אַזוי ווי מ'האָט איהם אליין איינגערעדט — אַז ער איז אוועק אין אַ האָספּיטאַל, אין אַ סאַניטאַריום, אויף אַ קורצע צייט. נאָר זי, די ווייב, און די נאָהענטע האָבען געוואוסט, אַז מ'האָט איהם צוגענומען אין אַ משוגעים־הויז, פון וואַנען מ'קומט זעהר זעלטען, אַזוי גוט ווי קיינמאָל ניט, צוריק.

די זאַך איז אויף לאַנג קיין סוד ניט פאַרבליבען.

פאַר די נאָהענטע מענשען איהרע האָט די ווייב געקלאָגט און גערעדט: וואָלט ער בעסער געשטאָרבען, וואָלט ער בעסער אַ קאַליקע געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לעבען; בעסערביידע פיס פאַרלאָרען, בלינד געוואָרען, דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן גאַס פון אַ קאַר, פון אַ וואַגען!... בעסער וואָלטען אַט די אַלע אומגליקען מיט איהר אַליין געטראָפען! זי וואָלט זיך בעסער געוואונשען, אַז ביידע קינדער איהרע — — נאָר וועגען די קינדער האָט זי ניט דערענדיגט — איידער „דאָס“!... זי האָט אַזוי ווי מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פון איהר מויל דעם וואָרט „משוגע“ און פאַרביטען דעם שרעקליכען וואָרט אויף „דאָס“... דער בזיון, די שאַנד, וואָס זי האָט פון איהר אומגליק געפיהלט, איז אפשר גרעסער געווען פון דעם רחמנות אויף איהם, איהר מאַן, וואָס זיין לעבען איז ערגער ווי געשטאָרבען... גרעסער פון דעם בראָך, וואָס האָט געטראָפען איהר מיט די קינדער, וואָס זיי האָבען דעם פאָטער און שפּייזער פאַרלאָרען... בעסער וואָלטען אויף איהר אַלע

אומגליקען געקומען איידער „דאָס“ — פאַר אַלעמען וואָלט בעסער געווען. זי האָט זיך פון די באַקאַנטע מענשען, די שכנים, באַהאַלטען; די קינדער וואָס מעהר אין הויז געהאַלטען, וואָרים איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מ׳לאַכט פון איהר אָפּ, מ׳ווייזט אויף איהר מיט די פינגער מיט אָפּלאַכעניש און שפּאָט... מ׳לאַכט פון די קינדער אויפ׳ן גאַס...

איהר לעבען מוז זיך איצט אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג פאַרנעמען, אַז דער שפּייזער און פּאַרזאָרגער איז מעהר ניטאָ — דאָס האָט זי געוואוסט, פון דעם האָט זי ניט געקענט אויפהערען טראַכטען. אַבער נאָך אַ געדאַנק האָט איהר אפשר נאָך מעהר געמאַטערט — דער געדאַנק, אַז זי מוז וואָס גיכער פון דאַנען אַנטלויפען; אַנטלויפען פון דעם אָרט, וואו מ׳קען איהר, וואו יעדער איינער ווייס פון „אַלץ“. וואָרים געדאַכט האָט זיך איהר איצט, אַז די באַקאַנטע מענשען, די שכנים, רעדען ניט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען איהר מיט די קינדער, וואָס זייער לעבען איז איבערגעהאַקט געוואָרען; נאָר מ׳רעדט און מ׳ווייזט אויף איהר מיט אָפּלאַכעניש און שפּאָט, ווי עס איז די נאַטור פון מענשען זיך לוסטיג צו מאַכען, אָפּצושפּאָטען פון אַ משוגענעם... האָט זיך איהר איצט אויסגעוויזען, אַז ווי נאָר אימיצער פון די שכנים דערזעהט איהר, ווילט זיך יענעם לאַכען... אַזוי דערשלאָגען איז זי אין איהר בזיון געווען, אַז עס איז אויף איהר געדאַנק ניט אַרויפגעקומען אַ רעכען צו טאָן, אַז די באַקאַנטע און שכנים זאָלען וועגען איהר רעדען אָהן חוזק׳עריי, אין זיי האָבען רחמנות, באַדויערען איהר... און זי האָט געזוכט און אויסגעפיהרט צו טרעפען זיך וואָס ווייניגער מיט זיי, און די קינדער אָפּגעהאַלטען פון מישען זיך מיט די איבעריגע. עפּעס איז אין איהר צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען אָפּלאַכעריי און שפּאָט מיט „דאָס“, אַז עס האָט זיך ניט געקענט פונאַנדערטיילען. און ווי זי האָט דערזעהן אַ געזיכט פון אַ שכן, איז איהר אומגליק, וואָס זי האָט אפשר אין דער מינוט געהאַט פאַרגעסען, אויף איהר געדאַנק אַרויף, און זי האָט מיט חרפּה איהרע אויגען באַגראָבען.

זי מוז אנטלויפען פון דאנען.

אין דעם פארוואָרפענעם עק שטאָדט, וואו די נאָהענטע מענ־שען איהרע האָבען פאר איהר א שטיקעל ביזנעס, א גראָסערי, געקויפט, האָט זי זיך פאר אן אלמנה אָנגעגעבען. די קינדער אָנגעזאָגט, אז זיי האָבען ניט קיין טאַטען. טאָמער וועט מען ביי זיי פרעגען וועגען א טאַטען, זאָלען זיי זאָגען, אז זיי האָבען ניט קיין טאַטען אָדער זיי זאָלען גאָר ניט ענטפערען. זי האָט זיך דאָ פרייער דערפיהלט. א חוץ דעם, וואָס קיינער ווייס דאָ ניט, וואָס איהר האָט געטראָפען, דער בזיון איז אין איהר הארצען באגראָ־בען, און זי איז א גלייכער מענש מיט אלעמען, איז דא אויך גע־ווען דער געוויסער געפיהל ביי א מענשען אין אן אומגליק, א צער, וואָס איהם ווייזט זיך אויס, אז איהם איז עפּעס גרינגער, ווען ער טרעפט זיך מיט אזעלכע וואָס ווייסען נאָך פון גאָר נישט... עס ווייזט זיך איהם אויס, אז עס איז איצט יענע צייט, ווען ער האָט זיך מיט דיזע מענשען אמאָל, פאר׳ן אומגליק, געזעהן...

זי האָט מורא געהאט, אז זי וועט זיך די ביזנעס קיינמאָל ניט אויסלערנען. ס׳האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי וועט ניט קע־נען געדענקען די ארטיקלען און די פּרייזען, וואָס איהר קאָסט און וואָס זי דארף נעמען — האָט זי זיך שטארק געזאָרגט, געציטערט, אז זי וועט ניט טויגען, ניט קענען א לעבען מאכען פאר זיך מיט די קינדער. אבער ס׳איז ניי און אינטערעסאנט געווען. איהר גע־דאנק איז דערוויל פארנומען. זי פארגעסט א וויילע, „ווער" זי איז. מענשען קומען אריין און ארויס. זי שטעלט איבער, לעגט איבער זאכען, ס׳זאָל אויסזעהן שעהנער אין סטאָר. ס׳קומט אן סחורה. זי דארף איבערקוקען, איבערצעהלען, צושטעלען. שעה׳ן גאנצע טרעפט, אז זי פארגעסט אָן איהר אומגליק. א קלאַפּ אי־בער׳ן מוח דערפיהלט זי, ווען די צוויי קינדער באווייזען זיך פון סקול. זי דערזעהט איהר גאנצען לעבען...

דער אומגליק פארלאָזט איהר אויך ניט אויף קיין מינוט, ווען זי געפינט זיך אין איהר דירה, הינטער׳ן סטאָר. דאָ איז זי צוריק

אין איהר אלטער וועלט. דער אומגליק איז דא פריש און לעבעדיג, און די שאנד, דער בזיון — „דאס" — מאטערט און עסט איהר.

צוויי אפגעטיילטע וועלטען — די סטאר און די דירה הינטען. די סטאר איז א נייע וועלט: דא האט גאר נישט פאסירט; דא איז זי דיזעלבע, וואס געווען, ווען זי איז דא אריין; קיין זאך האט זיך דא ניט געענדערט. אבער ביי די קינדער, אין איהר דירה, איז די וועלט די אלטע, וואו דער גרויסער בראך האט איהר געטראפען. די צימערען זיינען טאקע אנדערע, אבער די וועלט איז דיזעלביגע. און יעדען שפעט אין דער נאכט, ווען די נייע וועלט איהרע איז צוגע־שלאסען, איז זי צוריק אין רעכטען אנהויב, אין רעכטען מיטען פון איהר אומגליק... זי וויינט און די שרעקליכע שאנד עסט איהר...

עס איז דאך אזוי: די ערשטע שארפע יסורים פון דעם, וואס זי האט פארלארען איהר פארזארגער, דעם פאטער פון איהרע קינדער — דיזע יסורים האבען דאך געמוזט פארלינדערט ווערען מיט'ן גאנג פון דער צייט. דאס האט פאסירט איין מאל און נאך אמאל פאסירען קען דאס ניט. זי וויים, אז זי דארף זיין די פארזאר־גערקע, זי מוז הארעווען — דאס טוט זי און דאס וועט זי טאן. אבער איהר שאנד, איהר בזיון — דאס איז ניי אלע טאג, דאס ווערט ניט אלט, דאס הויבט זיך אן אלע טאג פון אנהויב. אין די נייע וועלט איהרע וויים מען דערפון ניט; אבער זי אליין וויים... זי האט דא ניט צו וועמען צו רעדען, נאר זיך אליין זאגט זי נאך אלץ דיזעלביגע, וואס זי האט געזאגט גאר אין אנפאנג: בעסער וואלט ער געשטארבען, בעסער וואלט ער אן אייביגע קאליקע גע־ווארען אויףביידע פיס, בלינד געווארען, דער'הרג'עט געווארען... פאר איהם אליין וואלט דאס בעסער געווען, פאר אלעמען וואלט בעסער געווען. בעסער וואלטען מיט איהר די אלע אומגליקען געטראפען... א סוף, וואלטען די קינדער געווען יתומים... גענוג יתומים פאראן אויף דער וועלט. אבער „דאס"... היינט זיינען די קינדער ערגער ווי יתומים... פאר אלעמען וואלט בעסער געווען.

אין איהר נייע וועלט פארגעסט זי. נאר ווען די קינדער קומען

פון סקול, מיט די ביכער אין די הענט אדער אויף די פּליײצעס, טוט איהר אומגליק א כאפּ זיך אריין אין איהר הארץ און מוח...

אמאָל קומט צו איהר געוואהר ווערען אימיצער פון די נאָהענטע איהרע, וואָס האָבען איהר געהאָלפען די ביזנעס קויפען — דערשרעקט זי זיך און לויפט אנטקעגען — ס'זאָל זיך ביי דעם אנקומענדען ניט ארויסכאפּען א וואָרט וועגען א י ה ם. זי קען גאר דעם גאַסט ניט אָנטרויען צו פאַרבלייבען אין סטאָר. זי פאַרבעט איהם אין דירה אריין און זעהט שוין צו האַלטען איהם דאָרט.

עס געהט ניט שלעכט. זי לערענט זיך אלץ מעהר אוים די וויכטיגקייטען און קלייניגקייטען פון די ביזנעס. זי ווערט מעהר באקאנט און דערנעהענטערט צו די קויפערקעס. זי פיהלט שוין היימיש צווישען זיי. אבער דאָס טאקע, דער ווערען נעהענטער, היימישער, טויג ניט פאַר איהר.

אין אָנפאנג, אז זי איז דא פרעמד געוועזן, איז די גאנצע וועלט א פרעמדע פאר איהר געוועזן. די קויפערקעס זעהען, אז זי איז אליין. קיין מאַן איז ניטאָ — אן אלמנה. מ'קויפט, וואָס מ'דאַרף און מ'געהט ארוים. נאר דערנאָך, אז מ'האָט זיך מעהר בעקענט, האָט מען שוין גענומען רעדען היימישער, פון נעהענטערע זאכען, ווי קויפען. ווייבער, ווילען וויסען ווי לאנג זי איז שוין אן אלמנה, פון וואָס איהר מאַן איז געשטאָרבען. און יעדען מאָל ווערט זי טויט-בלאַס דערשראָקען. ס'נעמט זיך וואַרפען ביי איהר אין הארצען... זי קען גאָר ניט ענטפערען. און וויפיעל זי, די „אלמנה“, זאָל ניט וועלען אויסמיידען אזעלכע ריידערייען, אָפּ'פּטר'ען מיט א פּאָר ווערטער און רעדען וועגען אנדערע זאכען, אדער גאר ניט רעדען, גיט זיך איהר דאָס ניט איין. מ'וויל וויסען אלצדינג.

פאראן אויך קויפערקעס מיט „מיאוס'ע“ מיילער, און זיי האָבען זייערע וויצען און חכמות וועגען אלמנות. זיי וואָלטען מסתמא זייערע מיילער ניט געברויכט, ווען די „אלמנה“ וואָלט אן אלמנה געווארען פאר זייערע אויגען. נאר אזוי ווי זי איז דאָ א פאַרטיגע אלמנה געקומען, זאָגען זיי פריי זייערע וויצען און חכמות —

זאָגען איבער שטענדיג דיזעלביגע. אנדערע קויפּערקעס וואונ־דערען זיך גלאט, פאר וואס די אלמנה דארף אזוי שווער האָרעווען, פאר וואס האָט זי ניט חתונה — טאקע א דאגה אזא ווייבעל צו טאָן א שדוך! דער שעהנסטער באַי וואָלט זיך געפרעהט, אז זי וואָלט איהם גענומען.

מ׳רעדט, מ׳הערט ניט אויף רעדען.

און איהר באהאלטענער יסורים׳דיגער בזיון ווערט אומרוהיג אין איהר. זי האָט דאך געמיינט און געהאָפט, אז זי וועט דאָ, אין איהר נייער וועלט, פרעמד פארבלייבען. מ׳וועט פון איהר גאָר נישט וויסען, מ׳וועט זיך ניט מישען, מ׳וועט ניט דערמאָנען איהר וועגען דעם, צוליעב וואס זי איז אהער אנטלאָפען, זיך באהאלטען... קיינער וועט איהר דאך ניט קענען... און אין איהר שרעק האָט זיך גענומען שאפען א פארדאכט: אפשר ווייס מען, מ׳איז דערגאנגען עפּעס וועגען איהר, מ׳ווייס אלץ... מ׳האָט זיך דערוואוסט... זיי זיינען ווי ניט איז דערגאנגען „ווער" זי איז... און דעריבער וויצ־לען זיך יענע מיט די מיילער... און די וואָס גיבען איהר עצות וועגען חתונה האָבען, לאכען דאָס אָפּ פון איהר...

און זי קוקט מיט שרעק אויף די קויפּערקעס. זיי ווייסען שוין אודאי פון אלץ... און וויפיעל איהר גיט זיך נאר איין, היט זי די קינדער, קיינער זאָל פון זיי גאָר נישט אויספארשען... אז די קינדער דארפען אנקומען פון סקול, קוקט זי ארוים אויפ׳ן גאס, צו פאר־היטען זיי זאָלען זיך ניט אפּשטעלען רעדען מיט אימיצען. דער־נאָך זוכט זי זיי צו האַלטען הינטען, אין דירה, אדער לעבען זיך אין סטאָר. נאר מ׳קען קינדער ניט אויסהיטען. זיי געהען פאָרט ארוים אויפ׳ן גאס; אמאָל רעדט אימיצער צו זיי; זיי געהען אמאָל אריין צו א שכן אין הויז, ניט פאָלגענדיג איהר אנזאָג, אז זיי זאָ־לען „ערגעץ" ניט געהן. ווען די קינדער דרעהען זיך ארוים, ווע־רען פארפאלען פון איהר אויג אויף א ווייל, ווארפט עס איהר פון שרעק און מורא. און ווי נאר זיי באווייזען זיך, וויל זי וויסען, וואס מ׳האָט זיי געפרעגט, און וואס זיי האָבען געזאָגט.

זי ווייס ניט, ווי זיך צו ראטעווען.

מאַדנע פּלענער פאַלען איהר איין. זי וועט זיך מיט די קוי־פּערקעס צוקריגען, וועלען זיי אויפהערען רעדען. נאָר זי כאַפּט זיך, אַז אויב זי וועט זיך מיט זיי צוקריגען, וועלען זיי דאָך ניט קומען קויפען... זי וועט זיי בעטען, זיי זאָלען ניט רעדען מיט איהר וועגען „דעם", וועגען חתונה האָבען... אבער זי כאַפּט זיך, אַז בעסער מאַכען מיט דעם וועט זי דאָך ניט: ווי באַלד זיי ווייסען שוין, איז דאָך פאַרפאַלען... טאָמער ווייסען זיי ניט, קען זי מיט איהרע רייד ארויספיהרען זיי אויף עפּעס א וועג... ס'קען זיין, אַז זיי ווייסען טאַקע ניט. זי האָט דאָך זיי ניט געהערט דערמאָנען עפּעס וועגען „דאָס"...

זי „היט" זיי, און זי ווערט אַלץ זיכערער, אַז זיי ווייסען פון אַלץ... זיי לאַכען אָפּ...

איין פּלאַן איז איהר געבליבען: אנטלויפען פון דאַנען... אנט־לויפען... אנטלויפען, איידער זיי דערוויסען זיך... זיי ווייסען געוויס פון אַלץ... טאָמער ניט, איז דאָך בעסער אוועקצוגעהן פון דאַנען, איידער זיי וועלען זיך דערוויסען... זי מוז זיך פאַרקלייבען ווייט, ווייט פון דאַנען...

מאקס געהט אויף קבר אבות

1

מיט יאָהרען צוריק, אז ראָזע איז פיעל אינגער געווען, וואָלט זי מאקס'ען ניט גענומען פאר איהר חתן. זי האַלט ניט מאקס'ען פאר איהר גלייכען; ניט א.א. ווי מאקס, האָט זיך ראָזע פאָרגע־שטעלט, וועט זיין איהרער.

ראָזע איז א מיידעל א באַלעזענע, האָט א סך ביכער. א בוך אדער א ביכעל נעמט זי שטענדיג מיט זיך, ווען זי געהט אדער פאָהרט. זי לייענט און פארשטעהט, און זי ווייס וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. האָט ראָזע געדענקט און געהאָפט, אז „איהרער" וועט זיין אזא, ווי זי; איינער, מיט וועמען זי וועט קענען „אויס־רעדען א וואָרט", צוזאמען לעזען, „אויסבייטען א מיינונג, א גע־דאנק". נאָר ער איז ניט געקומען, און ס'זיינען פאראיבער א היבש ביסעל יאָהרען. ראָזע האָט זיך געפיהלט שוואך און אויס־געארבייט, עלענד, אליין, מיט איהר רעכט ביסעל ביכער. ס'איז אומעטיג, ניט גוט — האָט זי ענדליך איינגעשטימט אויף מאקס'ען — א בחור מיט צוויי קעפ העכער פון איהר, א שווערער, א וויים־בלאָנדער, מיט דעם אויסזעהן פון א סקאנדינאַווישען מאטראָז. די ארבעל זיינען ביי איהם אלע מאָל צו קורץ אויף די לאנגע, שווערע הענט זיינע. מאקס ווייס ניט, וואָס דאָס איז אזוינס א ביכעל, און וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, אָרט איהם אויך ניט; רעדט אומ־געהובעלט און די הילצערנע ווערטער זיינע פאסען זיך קיינמאָל ניט אריין, וואו מ'דארף. נאָר א גוטער יונג איז מאקס, אן עהר־ליכער, און עפעס זעהט זיך אויף זיין גרויסען מילכיגען פנים, וואָס זאָגט: „איך פאָלג, איכ'ל פאָלגען".

איז אזא בחור ווי מאקס קיין חבר ניט פאר ראָזע'ן אויפ'ן גאנצען לעבען. נאָר דער לעבען, די נויט האָט איהר צוזאמענגע־

בראכט מיט מאקס'ען, און זי איז מרוצה געווארען. א שטיקעל באַ־פרידיגונג האָט זי געפיהלט אין דעם, וואָס מאקס, א בחור עטליכע יאָהר אינגער פון איהר, האָט איהר שטארק ליעב, האָט גרויס רעס־פעקט פאר איהר, וואָס זי איז א געבילדעטע. מאקס'עס גוטסקייט, זיין ווייכקייט, זיין „פּאָלגען", וואָס דאָס איז פאר איהר א טובה — מיט דעם איז ראָזע ניט צופרידען געוועזען. געוואָלט וואָלט זי בע־סער, ער זאָל ניט זיין אזוי נאָכגעביג, ניט פאָלגען אלץ, וואָס מ'זאָגט איהם; בעסער באשטעהן אויסצופיהרען, ווי איהם ווילט זיך, ער זאָל זיין מעהר „מענש", מעהר „מאַן". און זי האָט זיין גוטסקייט זיין „פאָלגען", ניט צופיעל אויסגענוצט.

דערנאָך, אז ראָזע איז שוין צו מאקס'ען צוגעוועהנט געווארען און איז זיכער געווען, אז ער בלייבט שוין איהרער אויף אלע מאָל, האָט זי אויף איהר חתן גענומען קוקען, ווי א מאמע אויף איהר קינד, וואָס איז ניט אזוי „דערפאַהרען". ער איז דאָך איהרער, נו, איז ער ניט אזא, ווי איהר וואָלט זיך וועלען ער זאָל זיין — איז אויך פארפאַלען. לעזען מיט איהם צוזאמען, רעדען פון וועלט זאכען, וועט זי טאקע ניט קענען. זיי וועלען דאָך אָבער האָבען זייערע היימישע, שטוביגע אינטערעסען צוזאמען. און קריגען זיך מיט מאקס'ען וועט געוויס קיינמאָל ניט זיין פאר וואָס.

צופרידען איז שוין ראָזע ווי ניט איז געווען מיט מאקס'ען, מיט איהר צוקינפטיגען לעבען; אבער געגרויסט זיך מיט איהר חתן האָט זי ניט; ניט געלאָפען מיט איהם צו פריינד און באַ־קאנטע — ווייזען איהם — ווי דאָס טוען געוועהנליך מיידלאך, ווען זיי קריגען א חתן. און אז מ'איז זיך דאָך אמאָל צוזאמענגע־קומען און מ'האָט גערעדט וועגען איידעלע זאכען, וועגען א בוך, וועגען וועלט־פאסירונגען, און מ'האָט אויך געווארט צו הערען, וואָס ראָזע'ס חתן האָט צו זאָגען, האָט איהם ראָזע פארענטפערט מיט א געמאכטען שמייכעל: „ער ווייס ניט פון די זאכען". מאקס אליין פלעגט זיך לאנגווייליגען, גענעצען ביי איידעלע גע־שפרעכען, און דרך־ארץ געהאַט. ראָזע'ן האָט שוין דאָס מעהר ניט וועה געטאָן: ס'איז איהרער, ס'איז גוט פאר איהר.

היינט מאקס'עס באנעמען זיך אין טעאטער. ראָזע האָט וועניג נחת פון איהם, ווען זיי זיצען צוזאמען אין טעאטער. צו די באקס קענדי נעמט ער זיך דוקא בעת אויף דער ביהנע קומט פאָר עפּעס אינטערעסאנטעס — רייסט די פּאַפּיר, און וואָס די באקס איז איינגעבונדען, דערנאָך טראסקעט ער מיט די גלאַזירטע פּאַפּיר. ראָזע ווערט אביסעלע נערוועז און ס'ציט איהר א קוק צו טאָן הינ־טער'ן פּלייצע — זי איז זיכער, אז די מענשען הינטער זיי קוקען ביין אויף איהר חתן, וואָס ער מאכט דא אן א גערויש... היינט מאקס'עס לאכען פון א וויץ, פון א קאָמישע סצענקע אויף דער ביהנע — א לאכען אויפ'ן קול, מיט אלע חושים, לאכט ארויס דעם גאנצען געלעכטער, לאָזט גאָר נישט איבער אין זיך אויף דרך ארץ, ווי דאָס טוען אין טעאטער די קליגערע... קוקען די דערבייאיגע אויף מאקס'עס געלעכטער, און לאכען שוין פאר איין גאנג אי פון וויץ, אי פון מאקס'ען... און ראזע וויים עס... און אז אלע האָבען שוין אויפגעהערט לאכען, לאכט מאקס נאָך אלץ. און ער זאָגט נאָך די וויצען מיט די חכמות, און מ'רופט צו איהם: „אָרדער!“ „ארדער!“. אז ס'געפעהלט איהם שטארק דער שפּילען, הויבט ער אָן פּאטשען אין מיטען סצענע און ווידער: „אָרדער!“ „ארדער!“

שעהמט זיך ראָזע פאר די ארומיגע מענשען. נאָר זי זאָגט זיך, אז באלד וועלען די ארומיגע איהר מעהר ניט זעהן. זי לערענט איהר חתן ווי צו האלטען זיך אין טעאטער, און ער פּאָלגט. אבער ניט אלע מאָל געדענקט ער, שיסט ארויס מיט'ן גאנצען געלעכטער און זאָגט נאָך די וויצען מיט די חכמות, איידער זי באווייזט א קוק צו טאָן אויף איהם. אז ער נעהמט זיך צום באקס קענדי און זי כאפּט זיך אין צייט, לעגט זי ארויף א האנט אויפ'ן פּעקעל — דערמאָנט זיך מאקס, וואָס זי האָט איהם אָנגעזאָגט. דערנאָך האָט זי איהם שוין אין גאנצען ניט אנגעטרויט מיט'ן באקס קענדי, געהאלטען עס ביי זיך, און נאָר צווישען די אקטען האָט מען געטראָגען פון באקסעל צום מויל.

ראָזע האָט אבער אויך געהאָט איהרע מאָמענטען פון אמת'ען פרייד, ווען זי פלעגט זיך גאָר אין גאנצען פארגעסען, אז מאקס

איז ניט איהר גלייכען. דאס איז געווען בשעת דער חתן פלעגט איהר נעמען צו זיך מיט זיינע גרויסע, געזונטע ארעמס, און צודריי־קען איהר אויסגעאיידעלטען, שוואכען קערפּעריל צו זיין הייסען, פול־בלוטיגען גוף, און איהר קושען און צערטלען און איהר זאגען, אז ער האט איהר שטארק ליעב, ער געהט אויס נאך איהר, ער וועט געהן אין „פייער און אין וואסער" פאר איהר. און זי האט געוואוסט, אז מאקס איז עהרליך און גוט, ער וועט זיין איהר פארזארגער און באשיצער, ער וועט זיין גוט צו איהר...

2

אבער גאר אומזיסט האט ראזע אונטערגעגעבען זיך און מרוצה געווארען צו נעמען אזא בחור ווי מאקס, וואס איז ניט איהר גליי־כען: מאקס האט חתונה געהאט מיט אן אנדערע.

די מענשען אין הויז, וואו מאקס האט א קורצע צייט געוואוינט, האבען ניט געוואוסט, אז מאקס האט חסרונות, ווי ראזע האט דאס אין איהם געזעהן: אז ער ווייס ניט וואס עס טוט זיך אין א בוך, איהם ארט ניט וואס אויף דער וועלט קומט פאר, מ'קען מיט איהם ניט „אויסרעדען א ווארט", „אויסבייטען א מיינונג, א געדאנק". געוואוסט האבען זיי ניט פון די דאזיגע חסרונות, ווייל זיי זיינען אויך געווען אזעלכע ווי מאקס, נאר אהן מאקס'עס גוטסקייט, ווייב־קייט, זיין „פאלגען". געזעהען האבען זיי אין מאקס'ען א בחור מיט אלע מעלות: א געזונטער, א פארדינער. ער וועט קענען מאכען א לעבען און געבען א ווייב עסען ברויט און זיין גוט צו איהר. ער קען קיינעם א ווארט ניט רעדען אנטקעגען. האט מען אין הויז געזעהן אין מאקס'ען א גוטען שדוך פאר דער טאכטער, בעקי. געוואוסט האט מען, אז מאקס האט א כלה, זיי האבען איהר אמאל געזעהן, נאר מ'האט זיך פארגעשטעלט, אז בעקי, א שעהנע, א יונגע, וועט איהם בעסער געפעלען זיין, ווי יענע.

זיי זיינען אין זייער טאכטער, בעקי, געווען ניט געגארט. זי איז טאקע געווען א יונגע און א שעהנע, און מאקס איז בעקי'ן גע־פעלען געווען. די גאנצע הויז האט זיך גענומען צו מאקסען אוועק־

צוציהען איהם פון זיין כלה. מ'איז געווען העכסט פריינדליך צו איהם, געגעבען א סך און גוט עסען. און מ'האט איהם געזאגט און געוויזען איהם, אז ער געפינט זיך ניט אין דער פרעמד, ער איז דא אן אייגענער. און די שעהנע, יונג בעקי אליין האט זיך ארום איהם געדרעהט מיט אלערליי חנ'דלעך און תנועות. אין זיין באזונדע־רען צימער האט מען מאקס'ען גאר ניט געלאזט זיצען: ער קען פארברענגען, וואו ער וויל — די גאנצע הויז איז פאר איהם אפען — אן אייגענער איז ער דא. און מאקס ביסלאכוויז פארכאפט געווארען פון דער „הויז", פון יעדען איינעמ'ס גוטסקייט צו איהם, פון דער שעהנער בעקי'ס חנ'דלאך און תנועות און דרעהען זיך ארום איהם. בעקי האט געזונגען און געשלעפט איהם טאנצען אין פראנט־רום און דערווייל ארומגענומען איהם פעסט מיט איהרע ארעמס; און זי האט געמאכט פאר איהם טיי און איהם „צוגעזעהן" ביים עסען. און שפעטער אביסעל האט איהם בעקי איבערראשט מיט א „נעקטיי", וואס זי האט אליין פאר איהם אויסגעשטריקט.

ביי ראזע'ן אין צימער איז אומעטיג. פינסטער ברענט דאר־טען די גאז און ענג איז דארט אין די פיער ווענטלאך. האט מאקס'ען אנגעהויבען ציהען צו זיך אהיים, בשעת ער האט פארבראכט אין ראזעס'ס צימער. ס'האט איהם געצויגען צום הויז — און צו בעקי'ן. עפעס ווי אן אפגעמאכטע זאך אין דאס געווען: אז מאקס האט זיך ניט געפונען לעבען זיין כלה, ראזע, איז די מיידעל פון הויז, בעקי, אויף זיין געדאנק ניט געווען; נאר דוקא בשעת ער האט מיט זיין כלה פארבראכט, האט ער זיך דערמאנט און גע־טראכט פון בעקי'ן. פון זיין זינען איז זי ניט ארויס. און ער האט געזוכט זיך א תירוץ אהיים צו געהן. דערנאך האט ער שוין אנגעהויבען קומען צו ראזען א סך שפעטער אין אבענד, ווי גע־וועהנליך, און אויך דורכלאזען אן אבענד און אין גאנצען צו איהר ניט קומען.

מאקס האט קיינמאל ראזען קיין ליגען ניט געזאגט; אבער איצט האט ער גענומען זאגען איהר ליגענס: ער מוז געהן אהיים, וויל ער האט א קאפ־וועהטאג; נעכטען איז ער ניט געקומען צו

איהר, ווייל ער האָט שפּעט געארבייט און געפיהלט ניט גוט. און די אפּגע'גנב'עטע צייט ראָזע'ס האָט מאקס פארבראכט מיט בעקי'ן. ביז שפּעט אין דער נאכט פלעגט איהם בעקי פארהאלטען אינ'ם דערבייאיגען קליינעם פּארק: און דערנאָך, ארויפקומענדיג אין הויז, ווען די מענשען שלאָפען שוין, פלעגט בעקי איהם פארהאלטען, ער זאָל נאָך ניט געהן שלאָפען: זי וועט מאכען פאר איהם טיי. און דערווייל, איידער די וואסער וועט אויפקאכען, לויפט בעקי אריין אין צווייטען צימער איבערטאָן זיך — ס'איז איהר היים — און קומט צוריק אריין, אזוי ווי זי וואָלט גאר ניט געוואוסט, אז די ווייסטעל, צי די „קימאָנאָ" איז אויף איהר אנגעטאָן אויף איין ארבעל און דער צווייטער אָרעם און פּלייצע — נאקעט. זי שאַרט זיך ארום מאקס'ען און זוכט, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט אוועקגעלייגט און וואָס זי דארף איצט ניט, און זי ווייס אליין ניט וואָס זי זוכט. און נאָכ'ן „גוד נאַיט", אז מאקס איז שוין אין זיין צימער, „דערמאָנט" זיך בעקי, אז זי האָט פריהער פארגעסען צו פרעגען איהם עפּעס; און זי פארהאַלט זיך דאָרט א ווײַלע, צופלאָכטען און צושפּילעט. אָט אזוי איז מאקס אריינגעשלעפּט געווארען — ליעב געקראָגען די מיידעל פון הויז, בעקי'ן. און אין זיין עהרליכקייט האָט ער איהר דאָס געזאָגט. און די גאנצע הויז האָט באלד געוואוסט דערפון, ס'איז געווארען אן אָפענע זאך פאר אלעמען. בעקי האָט זיך אויף מאקס'ען „געהאנגען" פאר אלעמענס אויגען, געגאנגען צו איהם אין צימער און פארמאכט די טיר הינטער זיך.

מורא האָבען פאר מאקס'ען דארף מען ניט — דאָס האָבען אלע אין הויז פארשטאנען — ער בלייבט שוין זייערער — האָבען בעקי און מאקס געהאט א פרייע האנט, מ'האָט זיי ניט נאָכגעקוקט, ביז ס'איז געקומען, אז מ'האָט וואָס גיכער געמוזט מאכען די חתונה.

3

מאקס האָט זיך פארשפּארט אין זיין צימער און שטארק גע־

ווייגט, בשעת ער האָט זיך דערוואוסט וואו ס'האלט מיט איהם. און ער האָט געטראכט פון זיין כלה ראָזע... ראָזע איז איצט פאַר־לאָרען פאר איהם אויף אייביג — דאָס האָט ער געוואוסט, און אין הארצען ביי איהם האָט געגאָגט, געוועהטאָגט. און ער האָט געבענקט, געוויינט נאָך ראָזע'ן...

און געוויינט האָט אויך מאקס, ווען ער איז צו ראָזע'ן אין צימער געקומען, מודה זיין זיך, דערצעהלען איהר אלץ. ווי ער איז נאָר ראָזע'ס שוועל אריבער, האָט ער גענומען וויינען. ראָזע האָט זיך דערשראָקען; מיט אנגעשטרענגטער אומגעדולד געווארט, ער זאָל שוין קענען נעמען רעדען. אלערליי מאָדנע אורזאכען האָט זיך ראָזע געפונען פאר מאקס'עס וויינען, נאָר די ריכטיגע איז אויף איהר געדאנק ניט ארויף. כמעט זיכער איז זי געווען, אז עפּעס האָט פּאסירט מיט מאקס'עס געזונט — די לעצטע צייט האָט ער זיך אָפט באקלאָגט, אז ער פיהלט ניט גוט, קאָפּוועה־וועהטאָג.

אז מאקס האָט אויפגעהערט וויינען, האָט ער נאָך אלץ ניט געקענט דערצעהלען איהר.

— פיהלסט ניט גוט? וואָס איז מיט דיר? — האָט איהם ראָזע געפרעגט.

— זאָלסט זיך ניט דערשרעקען — האָט מאקס געזאָגט. ניט וויסענדיג ווי אנדערש אנצוהויבען דערצעהלען.

און ער האָט ראָזע'ן דערצעהלט, אז עס האלט מיט איהם „שלעכט" — ער מוז חתונה האָבען מיט דער מיידעל פון הויז, בעקי. און ער האָט צוגעגעבען, אז אויב זי, ראָזע, וויל, וועט ער זיך „מאכען דעם טויט".

אז ראָזע האָט דערהערט, וואָס עס האָט פּאסירט, האָט א שטעכעדיגער בליץ איהר דורכגענומען, פון איהר מוח דורכ'ן הארצען. זי איז דערשראָקען־בלאָס געווארען. זי איז געבלי־בען זיצען אויף איהר אָרט און ס'האָבען ביי איהר געציטערט די הענט און די קניע. און געוואוסט האָט זי, אז ס'איז געענ־דיגט און פארפאלען. א געוויין איז אין איהר געשאפען געוואָ־

רען, און זי האט ניט געוויינט. עפעס א צוזאמענגעמישטער געפיהל אין איהר האט געמאכט איהר צו שטארקען זיך און ניט וויינען: זי האט געוואלט זאגען זיך, אז ס'איז ניט קיין גרויסער אומגליק... און אויך ניט פארגרעסערען דעם אומגליק איהרען מיט איהר וויינען אויף דאס געשעהענע — ארום און ארום א מין זוכען אפצונארען זיך אליין. האט זי ניט געוויינט, און אויך קיין האס ניט געפיהלט צו מאקסען — טאקע צוליעב דעמזעלבען טעם, פאר וואס זי האט איהר געוויין פארשטיקט. וויבאלד, אז ס'איז פארפאלען, וועט זי ניט אויפעסען זיך מיט כעס און האס. נאר דער שטעכעדיגער בליץ פון מוח דורכ'ן הארצען איז פארבליבען אין איהר — אביסעלע שוואכער, ווי אין ערשטען מאמענט.

— דארפסט זיך ניט מאכען דעם טויט און דארפסט ניט וויינען — האט זי איהם געזאגט. און ס'האט זיך פון איהר ארויסגעכאפט א פארוואורף: — אז דו וואלסט ניט געוואלט, וואלט דאס ניט געקומען.

זי האט פארלאנגט, ער זאל איהר דערצעהלען אלץ, וואס ס'איז פארגעקומען.

מאקס האט זיך געשעהמט צו רעדען און אויף איהרע פראגען געענטפערט מיט האלבע רייד. נאר ראזע האט פון איהם ארויסגעקראגען, אז יענע דארטען איז א יונגע און א שעהנע. דער שטעכעדיגער בליץ האט ווידער שארף דורכגענומען איהר פון מוח דורכ'ן הארצען. אבער געוויינט האט זי אלץ ניט.

4

אז מאקס איז אוועק און ראזע איז אליין געבליבען, איז עפעס איהר קלאר געווארען, אז זי בלייבט שוין אזוי איבער; עס וועט שוין מיט איהר אנדערש ניט ווערען. ס'איז נאר אן אפנארעריי, א רייצעניש געווען מיט איהר, וואס מאקס איז איהר חתן געווען. ס'איז פאר איהר ניטא קיין גוטס אויף דער וועלט, און זי וועט פון קיין גוטס גלייכער ניט טראכטען. מ'האט זיך מיט איהר גע־

רייצט, אנגעוויזען איהר אויף עפּעס אווילע, און אויף מעהר
האָט זי ניט צו האָפּען.

און ס'האָט זיך געמאכט, ראָזע איז געבליבען א מיידעל —
געוואָרען גאָר אן עלטערע מיידעל.

5

נאָך דער חתונה האָט בעקי אָנגערופען איהר מאן מאקס מיט
די אלע באקאנטע נעמען: „ליימענער גולם", „גלאָמפּ", „בהמה",
„שטיק פלייש מיט צוויי אויגען", „פערדישע קאָפּ"; און ווי
מאקס איז געשטאַנען און געגאַנגען און געטאָן, האָט פאר בעקי'ן
ניט געטויגט. אין דער אמת'ען פּאַסען זיך טאקע די אלע אויס-
גערעכענטע נעמען פאר מאקס'ן, און ווי ער געהט און שטעהט
און טוט, טויג טאקע ניט. און איצט נאָך דער חתונה, האָט זי
שוין פאר איהם קיין מורא ניט און זאָגט איהם, וואָס זי וויל אליין.

מאקס שווייגט און פאָלגט, וואָס די ווייב הייסט; געהט שטענ-
דיג ארום אָהן א פּעני אין קעשענע, פון די גרויסע פארדינסטען
זיינע. ער איז נאָך מעהר צוגאָסען געוואָרען אין קערפּער און פּנים
און די ארבעל זיינען ביי איהם נאָך קירצער ווי בחור'הווייז.

אמאָל געהט מאקס אוועק זעהן ראָזע'ן. אין א זונטאג אדער
אין אן אבענד נעהמט ער מיט זיך א קינד, וואָס קען נאָך ניט
„אָפּדערצעהלען", זאָגט דער ווייב, אז ער נעהמט ס'קינד „פאר א
וואָק" און גנב'עט זיך אוועק צו ראָזע'ן. דאָס איז אן אמת'ער
יום טוב פאר איהם. ראָזע האָט שוין פון לאנג גאָר ניט צו
מאקס'ען; ניט פארבליבען אין איהר קיין ברעקעל האָס אדער
שנאה צו איהר אמאָליגען חתן און אויך ניט צו זיין ווייב. זי האָט
אָבער רחמנות אויף איהם, וויסענדיג וואָס פאר א מענש ער איז
און ווי די ווייב זיינע באהאנדעלט איהם.

— האַללאָ, ראָזע.

— האַללאָ, מאקס.

זיי זעצען זיך אוועק, דערווייטערט איינע פון די אנדערע.
ראָזע נעהמט צו זיך מאקס'עס קינד. זי טוט עס א גלעט,

אמאָל א קוש, אזוי ווי זי וואָלט עס געטאָן מיט אירגענד וועלכען קינד — אָהן איבעריגע ליעבשאפט. אזוי פיהלט זי און אזוי באַנעמט זי זיך.

זיי רעדען ניט פון די אמאָליגע צייטען. זיי האבען איינגענטליך אין גאנצען ניט וועגען וואָס צו רעדען. וואָס'ערע געשפרעכען קען דען ראָזע פארפיהרען מיט מאקס'ען? זי וויים אלצדינג, וואָס ביי איהם טוט זיך. קיין נייעס איז ניטאָ. דאָך טוט זי א פרעג:

— וואָס הערט זיך ביי דיר?

— איהר וויסטאָך.

זייט זיי זיינען זיך געוואָרען פרעמדע, זאָגט מאקס צו ראָזען „איהר" — אנדערש קען ער עפעס ניט.

מאקס זיצט א ווײַלע און געהט אוועק. ער זיפצט.

ראָזע שטעלט זיך פאָר, אז מאקס'עס ווייב וויים ניט פון זיינע וויזיטען צו איהר — איז איהר דאָס ניט אנגענעם. ס'פאסט איהר ניט צו גנב'ענען פון מאקס'עס ווייב. אבער זאָגען מאקסען, אז ער זאָל צו איהר ניט קומען, קען זי אויך ניט. זי מיינט, אז זי קען דאָס מאקס'ען ניט טאָן. אביסעל איז דאָס טאקע צוליעב מאקס'ן, אבער אביסעלע אויך צוליעב זיך אליין. אמענש קומט זיך זעהן מיט איהר — מאקס איז דער איינציגער, וואָס קומט צו איהר אין צימער אריין.

ביז׳ן סוף

זי איז ביי איהם די צווייטע געווען, און עס איז ביי זיי געווען א געוואלדיגע ליעבע — דערהויפט ביי איהר צו איהם. זי האט איהם „צוגענומען“ פון א ווייב מיט קינדער. ער איז געווען יונג, די קינדער זיינען נאך קליין געווען. מיט דער צווייטער האט ער געהאט נייע קינדער. און אזוי זיינען זיך געוואקסען צוויי באזונדערע טיילען קינדער זיינע, וואס זיינען זיך איינע די אנדערע פרעמד געווען. דעם ערשטען טייל קינדער האט ער אויסגעהאלטען, פלעגט זיי ווען־ניט־ווען זעהן. אבער דער לעבען זיינער איז געווען אין זיין צווייטע היים, מיט דעם צווייטען טייל קינדער. און די צוויי פרויען זיינען זיך דם־שונאים געווען. די ערשטע האט די צווייטע און איהרע קינדער מיט מיאוס׳ע נעמען אנגערופען. און ביי דער צווייטער האט זיך שוין אויסגעארבייט א שנאה צו יענער דורך דעם, וואס זי האט ביי זיך געוואוסט, וואס יענע ווינשט איהר, און זי קען יענער גאר נישט ווינשען און קען, אין דער אמת׳ן, צו איהר גאר נישט האבען. אט דער וויסען ביי זיך, אז זי קען צו יענער גאר נישט האבען, האט אין איהר לעבעדיג געהאלטען די שנאה נאך מעהר ווי צוליעב דעם, וואס יענע ווינשט איהר...

די ליעבע פון דער צווייטער איז דורך די יאהרען ניט אפגעקיהלט געווארען. עס איז פון אנפאנג אן געווען א ניט־געוועהנליבע זאך צווישען זיי — א פאל פון א שטארקער ליעבע, ווען א פרוי איז אזוי באהערשט פון דעם פלאקער, וואס ברענט אין איהר, אז זי מוז אוועקנעמען דעם מאן און פאטער פון א פרוי און קינדער. און דורך די יאהרען איז די ליעבע איהרע ניט קעלטער געווארען. און דורך די אלע יאהרען פון ליעבע און זיבערקייט מיט

איהם, אז ער איז איהרער, איז אין איהר הארצען געווען א ציטעריג ווינקעלע וועגען זיין לעבען פריהער, איידער ער איז איהרער געוואָרען. און ווי זיכער זי איז ביי זיך ניט געווען און וויפיעל זי האָט זיך ניט געזאָגט, אז וואָס מיט איהם איז פריהער געווען, רעכענט זיך גאָר ניט; זיין לעבען האָט זיך אָנגעהויבען ערשט מיט איהר — האָט זיך די געוויסע ווינקעלע אין איהר הארצען ניט געקענט בארוהיגען: ער האָט געהאט א ווייב און ער האָט „דאָרטען" קינדער... „פרעמדע" קינדער — אזוי האָבען יענע קינדער ביי איהר אין הארצען געהייסען. מיט איהר אָנרופען יענע קינדער זיינע „פרעמדע", האָט זי געמיינט צו בארוהיגען זיך. זי איז אָבער ניט בארוהיגט געווארען דורך די אַלע יאָהרען. ס'איז געבליבען פריש אין איהר די שווערע אומרוהיגקייט, וואָס איז געשאַפען געווארען אין איהר דורך יענע וועלט זיינע. און וויפיעל זי האָט זיך ניט פארזיכערט, אז יענע וועלט איז גאר ניטאָ, האָט זי אין איהר געדאנק אָפט אין זיין יענע וועלט געלעבט — דאָרט, וואו ער איז געווען איידער ער איז איהרער געוואָרען. און אלע מאָל, ווען זי פלעגט איהם זעהן, ווי ער גיט זיך מיט די קינדער אָפּ, ווי משוגע־ליעב ער האָט זיי, און ווי איהר הארץ האָט דערפון ניט אָנגעקוואָלען, האָט זי באלד יענע וועלט זיינע געבראַכט פאר זיך... אפשר איז ער אויך דאָרטען אזוי געווען... אויך מיט יענע קינדער איז ער אזוי משוגע געווען... האָט דאָס גע'סם'ט איהר גליק פון דעם מאָמענט... אבער, ניין, דאָרטען איז ער געוויס אזוי ניט געווען, — האָט זי זיך געזאָגט. דאָס קען פאר קיין פאל ניט זיין... יענע קענען דאָך ניט זיין אזעלכע קינדער ווי איהרע... נאָר דיזער טרייסטען זיך האָט ניט געשטילט די ציטערניש אין דעם געוויסען באהאלטענעם ווינקעלע אין איהר הארץ.

די צוויי וועלטען זיינען געווען אָפּגעטיילט דורך א דיקע וואַנט. עס איז ניט געווען דער מינדסטער צוזאמענהאנג צווישען זיי. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט באגעגענט, זיך קיינמאָל ניט געזעהן. און ווי ווייט עס איז אין איהר כח געלעגען, האָט זי געזעהן צו האַלטען די צוויי וועלטען אָפּגעטיילט און ווייט. און

דאָס האָט זיך איהר אויך איינגעגעבען. איהרע קינדער האָבען ווייניג, כמעט גאָר ניט, געוואוסט פון יענער וועלט. און קיינמאָל האָט זיך דורך די יאָהרען ניט געטראָפען, אז די קינדער איהרע זאָלען אין הויז איבעררעדען פון יענע... ווען זיי זיינען גאר קליין געווען, האָבען זיי דאָך פון גאָרנישט געוואוסט. אז זיי זיינען גרעסער געווארען און זיי זיינען באקאנט געווארען מיט די געשיכטע פון זייער פאָטער, האָט זי, די מאַמע, געארבייט מיט „פּאָליטיק", אין די קינדערשע קעפּ מיט קונצען אריינגעקלאפּט, אז זיי טאָרען קיינמאָל פון זייער מויל ניט ארויסברענגען א וואָרט וועגען דעם, וואָס זיי וויסען פון זייער פאָטער'ס אמאָליגען לעבען... זי האָט געמיינט, אז מיט זייער שווייגען וועט זיך אויסוואַרצלען פון זיי, וואָס זיי וויסען... און די קינדער זיינען אויסגעהיט געווארען פון קענען זיך מיט יענע, פון זעהן זיך אמאָל מיט זיי. די צוויי באזונדערע טיילען קינדער האָבען זיך אזוי ווייניג געזעהן, אז זיי וואָלטען זיך גאָר ניט דערקענט, ווען זיי טרעפען זיך ערגעץ צוזאמען. די מאַמע האָט געוואוסט דערפון, און דאָך איז דאָס נאָך פאר איהר ניט גענוג געווען... אז יענע וועלט וואָלט אין גאנצען אָפּגעמעקט געווארען...

אין דער אינפלוענציא־מגפה איז ער קראנק געווארען און געשטאָרבען.

דורך דער צייט, וואָס ער איז קראנק געלעגען, און דערהויפּט אין די לעצטע לאנגע שטונדען פון זיין מאַטערען זיך, איז זי אייזענשטאַרק געווען. זי איז ניט מיעד געווארען פון געהן און שטעהן און טאָן ארום איהם. זי האָט ניט גענדארפט עסען און ניט געדארפט שלאָפען. איהר מיטגעבאָרענע שטאַרקייט און עקשנות דורכצופיהרען, וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען, ניט אָפּצולאָזען, האָט איהר איצט געדיענט אין איהר איינגעשפּאַרטקייט „ארויסצושלעפּען" איהם, איהם געזונט מאכען — האָט איהר אויף די פיס געהאַלטען, געשאַפען אין איהר א קראפט אויסצוקומען מעת־לעת'ן גאנצע אהן די נויטיגע זאכען, וואָס א מענש מוז האָבען

אום צו לעבען. נאָר ערשט, ווען ער האָט — אויף איהרע הענט — די אויגען צוגעמאכט, און זי האָט דערזעהן, אז זי קען מעהר גאר נישט אויפטאָן, האָט זיך די קראפט אָפּגעטאָן פון איהר. עפּעס אזוי ווי די שטארקע אָנהאלטונג האָט זיך פון איהרע הענט ארויס־געגליטשט, און זי איז געפאַלען, געזונקען, אוועק׳חלש׳ן, און מ׳האָט נאָכאַנאַנד געמוזט שטעהן ארום איהר און איהר מינטע־רען. און ווי זי פלעגט נאָר צוריק צו איהר באוואוסטזיין קומען, און אויף איהר מוח האָט א קלאפּ געטאָן וואָס מיט איהר האָט פּאסירט, איז צו די יסורים איהרע צוגעטשעפּעט געווען נאָך א שרעקעדיגער געדאנקעלע, און זי האָט מיט די אויגען געזוכט צווי־שען די אייגענע און באקאנטע, וואָס זיינען זיך צוזאמענגעקומען — געשראָקען זיך צו דערזעהן דאָ געוויסע מענשען — יענע, וועל־כע זיינען ביי איהר אין הויז קיינמאָל ניט געווען און, ווי זי האָט פארשטאנען, זיי וועלען דאָ איצט געווים קומען... אין דעם מאָ־מענט, וואָס ער האָט די אויגען צוגעמאכט און פון איהר האָט זיך א יאָמער, א קלאָג ארויסגעריסען — איז דער דאָזיגער שרעקע־דיגער געדאנקעלע שוין אין דעם יאָמער און קלאָג געווען, און איז מיט איהר פארבליבען די גאנצע צייט פון חלש׳ן ביז חלש׳ן...

געשטאָרבען איז ער אין דער פריה, און ערשט נאָך האלבען טאָג האָבען זיך יענע דערוואוסט און זיינען אין הויז געקומען. געשטעלט זיך לעבען מת און געוויינט אין די הענט אריין. עפּעס אַן אנדער מין וויינען איז זייערער געווען. גאר ניט ווי דער שרעק־ליכער יאָמער פון די קינדער זיינע, וועלכע האָבען מיט איהם אין איינעם זייער לעבען געלעבט. די איצט־אריינגעקומענע האבען געוויינט איינגעהאלטען, אין זיך... צי דערפאר, ווייל דער נאָ־הענטסטער זייערער איז אלע מאָל געווען דערווייטערט פון זיי, און זייער וועהטאָג האָט דארום ניט געקענט זיין אזוי שטארק און טיעף, ווי ביי די קינדער, וואָס זיינען מיט איהם אלע זייערע יאָה־רען און טעג צוזאמען געווען... צי דערפאר, אפשר, ווייל זיי האָבען געפיהלט „דרך ארץ“ פאר דער פרעמדער הויז, אין וועלכער זיי

האָבען זיך געפונען, און זיי האָבען דארום איינגעהאלטען זיך פון ארויסיאָמערען זייער יאָמער און פארשטיקט אין זיך מעהה, ווי־פיעל זיי האָבען ארויסגעגעבען... בלויז א טאָכטער צווישען די קינדער האָט מסתמא אָן אלץ פארגעסען און זי האָט געוויינט הויך און שטארק, און מ'האָט געמוזט צו איהר צוקומען און אָפּ־האַלטען איהר אביסעל...

די קינדער האָבען געוואוסט, ווער יענע זיינען, ווי זיי האָבען זיך נאָר באוויזען. ביז זייער אריינקומען זיינען אין הויז געקומען מענשען, וועלכע זיי האָבען געקענט — גרויסע, ערוואקסענע מענ־שען; און די אריינגעקומענע מענשען זיינען צו דער מאמען צו־געקומען, און מיט די איבעריגע אין הויז גערעדט. זיי האָבען אויף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט, גלייך צו דעם געשטאָרבענעם טאַטען צוגעקומען און גענומען וויינען... און וואָס עס איז דורך די אלע יאָהרען אין די קינדער איינגעפלאנצט געווען וועגען י ע נ ע, איז איצט אין זיי נאָך שטארקער געוואָרען; און ווי נאָר יענע זיינען אין הויז אריין, האָבען זיי זיך ארום דער מאמען ארומגע־שטעלט און לעבען איהר פארבליבען... צו דערווייטערען זיך וואָס מעהר פון יענע... צו ווייזען זייער אומגליקליכע מאמע, אז זיי היי־טען אָפּ און טוען איהר ווילען... נאָר דאָך פלעגען זיך זייערע קינדערשע אויגען אָפּט אומדרעהען און צוקוקען צו יענע דארטען לעבען זייער פאָטער... נייגעריגקייט צו זעהן יענע, וועגען וועלכע זיי האָבען אלע מאָל געוואוסט, און ניט געדארפט זיי קענען... זיי זיינען דאָ מיט אמאָל אונטער זייערע הענט געקומען...

און זי, די אלמנה און מאמע, האָט אין דער מינוט פון זייער אין הויז אריינקומען, נייע קרעפטען באקומען. ס'האָבען זיך פלוצלינג גענומען צו איהר אומקערען די שטארקע כוחות פון דער צייט, וואָס ער איז א קראנקער און א גוסס'ער געלעגען, ביז ער האָט די אויגען צוגעמאכט... און ווי זי איז דורך די אלע יאָהרען אויף דער וואך געשטאַנען צו פארהיטען, אז די צוויי טיילען קינ־דער, איהרע און די „פרעמדע", זאָלען זיך ניט צוזאמענקומען, זאָ־לען זיין אָפּגעשיידט און ווייט, אזוי אויך איצט אין די לעצטע

מינוטען פון דער לאנגער געשיכטע — און נאך מעהר איצט, ווי־סענדיג ביי זיך פון דער נאהענטער שותפות פון די ביידע אפגע־טיילטע טיילען, און ניט וועלענדיג דאס צוגעבען, וועלענדיג פאר־לייקענען פאר זיך, אז יענע, די ווייטע און דערווייטערטע, זיינען איצט ניט מעהר וויט און דערווייטערט...

זייער וויינען האט זי ניט געקענט פארטראגען און ניט גע־קענט זיי פארגינען...

און זי האט מעהר ניט גע'חלש'ט. מיט איהר אויפגעוואכטער שטארקייט און עקשנות האט זי געהיט, אז די „פרעמדע" קינדער זאלען ניט אויסמישען זיך מיט איהרע... געהיט זיך אליין, אז ס'זאל זיך איהר ניט אויסווייזען, אז איצט זיינען שוין מעהר די אפגעטיילטע טיילען ניט אפגעטיילט... אז זיי זיינען איצט נא־הענט און גלייך...

די שנאה

די שנאה פון דעם דאָקטאָר'ס משפחה צו זיין ווייב, דער דאָקטאָרשע, ציהט זיך פון נאָך גאָר די ערשטע צייטען, ווען זי איז פאר זייער זוהן א כלה געווארען. די משפחה האָט איהר ניט פארגונען, וואָס זי, אן ארימע מיידעל, קריגט א דאקטאר גאר אהן צרות, „אָהן א ברעקעל בויכוועהטאָג", ווי די מאמע זיינע האָט געטראכט און אויך ארויסגעזאָגט צווישען די אייגענע. די כלה האָט זיך אויף דער משפחה פארשטאנען, האָט זי שוין מיט זיי קיין איבריגס גוטע פריינד ניט געקענט זיין. איז מען זיך די שטיקעל צייט פון חתן־כלה'שאפט געווען פון דער וויטענס. און דערנאָך, נאָך דער חתונה, איז מען זיך אין גאנצען פארפרעמדט געווארען. די דאָקטאָרשע האָט דעם מאַן איהרען גענומען פעסט אין די הענט אריין און געפיהרט די גאנצע גרענדע.

נאָך דער חתונה איז די שנאה צו דער שנור פארשטארקט געווארען צוליעב איהר קארגקייט. זי קען זיך ניט שיידען מיט א סענט; זי וויים פון דאָקטאָר'ס יעדען פארדיענסטעל, און זי אליין טראָגט די געלט אין באנק און האָט גרויס הנאה פון שטור־דירען דעם באנק־בוך אלע ווייל'ע.

איז שוין אזוי אויסגעקומען, אז דער נחת, וואָס טאטע־מאמע און די גאנצע משפחה האָבען געזאָלט האָבען פון זייער זוהן דעם דאָקטאָר, איז געווען ניט מעהר ווי א האלבער נחת, און נאָך ווע־ניגער. עס איז אמת, טאטע־מאמע האָבען געוואָלט מאכען זייער קינד פאר א לייט, אנגעשטרענגט זיך מיט אלע כוחות צו מאכען דעם זוהן פאר א דאָקטאָר, ניט געהאַט אין זינען זיך אליין, אז זיי וועלען עפּעס האָבען דערפון. אָבער דאָך האָבען טאטע־מאמע און די גאנצע משפחה געטראכט דערפון און געהאָפט און אויך

אמאל גערעדט צווישען זיך, אז זייער זוהן וועט אויסשטודירען, ווערען א „גרויסער" דאקטאר, נעמען א סך נדן, פארדינען א סך געלט — וועט אויך זיי זיין בעסער: דער זוהן איז א גוטער, און אז ער וועט נאר האבען, וועט שוין קיינעם נים פעהלען. און אויס־געלאזען האט זיך, אז איידער ער האט נאך „געענדיגט" איז גע־קומען א „פרעמדער שווארץ יאהר" און איהם אוועקגענומען. דער דאקטאר פארדינט גאנץ פיין, ער איז שטענדיג פארנומען. ער האט אבער ביי דער ווייב קיין שום דעה נים. זי לאזט איהם כמעט גאר נים מישען זיך אין געלט־זאכען, און מ'זאגט נאך, אז זי צעהלט איהם פשוט צו יעדען סענט. נאר אין באנק, אין באנק!

פון דער דאקטארשע'ס קארגקייט דערצעהלט מען זיך ביי'ם דאקטאר'ס עלטערען אין הויז אלערליי אויסגעטראכטע און אמת'ע מעשות. מ'טרייסט זיך דארטען, ווי מ'זאגט, מיט חלשות. מ'זאגט זיך, אז זיי וואלטען גאר נים וועלען האבען איהר געלט, ווארים וואס טויג געלט, אז מ'האט דערפון קיין הנאה נים? מ'מאכט דארט פון איהר חוזק, מ'לאכט אפ, ווי זי טיילט זיך אליין צו דעם ביסען, ווי זי זשאלעוועט אויסגעבען א פעני פאר די קינדער אויף קענדי; זי אליין געהט ארום א פאר'חלש'טע, דערצעהלט מען זיך, שפארט אפ פון דינער און ווארימט דאס אן אויף סאפער. אבער דער אפ־לאכען איז נים קיין געזונטער, ס'פיהלט זיך א וועהטאג, מ'פיהלט ביי זיך, אז „זי" האט צוגענומען און לייגט אין באנק, וואס א גרויסער טייל דערפון, און אפשר גאר אין גאנצען, באלאנגט אהער, און „זי" דארטען לאכט זיך פון אלעמען אויס.

מ'האלט די שנור אפט אין מויל. די גאנצע אנפיהרערקע איז די אלטע, דעם דאקטאר'ס מאמע. די איבעריגע אין הויז איז שוין נמאס די געשיכטע. אלע דיזעלביגע און דיזעלביגע. נאר די אל־טע דערלאזט נים איינשלעפערען די שנאה צו דער שנור, הערט נים אויף רעדען וועגען איהר, און אלע מוזען האלטען מיט איהר.

איז מען ווייט. מ'זעהט זיך זעלטען. מ'וואוינט אין פארשיי־דענע געגענדען פון שטאדט. דער דאקטאר איז פארנומען און קומט צו טאטע־מאמע נאר דאן, ווען אימיצער אין הויז איז נים

געזונט. מען פרעגט זיך ביי איהם נאָך וועגען די קינדערלאַך. דער ווייב דערמאָנט מען ניט, ניט צום גוטען, ניט צום שלעכטען. זיי באַרעדען ניט דער דאָקטאָרשע פאַר'ן דאָקטאָר, וואַרפען איהם גאָר נישט אויף און מאַהנען קיין זאַך ניט פון איהם. זיי ווייסען דאָך, אז ער איז אין גאָר נישט שולדיג. זי האָט איהם אריינגע־נומען אין די הענט און האַלט איהם פעסט. נאָר מען גיט איהם גלאַט צו פאַרשטעהן, אז דאָ אַרט קיינעם ניט וועגען איהר, קיינעם אינטערעסירט ניט וואָס מיט איהר טוט זיך דאָרטען — מ'איז מיט איהר פרעמדע. ס'ווילט זיך דוקא יע ווימען, וואָס מיט איהר טוט זיך דאָרטען, אָבער שטאַרקער איז דער ווילען צו ווייזען איהם, אז מ'וויל גאָר איהר נאָמען ניט דערמאָנען.

דער דאָקטאָר אליין איז שוין צוגעוואוינט דערצו, און ער זוכט גאָר ניט צו מאַכען קיין שלום. ער קען זיין מאַמען און ער קען זיין ווייב.

צום דאָקטאָר אהיים קומט די משפחה גאָר־גאָר זעלטען. אויף א ברית, א מזל־טוב, ווען מ'קען שוין ניט זיין אַזוי שלעכט — קיין גזלנים איז מען דאָך פון דעסטוועגען ניט. אָבער די אַלטע זאָגט פריהער אַלעמען אָן, מ'זאָל זיך צו קיין זאַך דאָרטען ניט צוריהר־רען, ניט פאַרזוכען וואָס דער האָר איז ווערט ביי „איהר" אין הויז — יענע" פאַרגינט ניט דעם ביסען און מ'קען דאָס נאָך אויסקרענ־קען. אַזוי זאָגט דעם דאָקטאָר'ס מאַמע. אָבער אין דער אמת'ען מיינט זי מיט דעם ניט אָנצוטאָן „יענער" דעם כבוד און ביי איהר עפּעס עסען. נאָר אז מ'איז שוין דאָרט אין הויז, פאַרגעסט מען דעם שטרענגען אָנזאָג, און מ'נעמט יע עפּעס אין מויל אריין. ווי קען דען זיין אנדערש, אז מ'זיצט ביים טיש, ס'זיינען דאָ פרעמ־דע מענשען און די עסענס און נאַשערייען געפינען זיך פאַר די אויגען? דערפאַר אָבער היט מען אָפּ דער אַלטער'ס אָנזאָג ניט צו זיין צו־פריינדליך צו „איהר", וואָס וועניגער רעדען מיט איהר. מ'רעדט נאָר וואָס געהערט צום טאָג: מזל טוב, עטליכע ווערטער וועגען דעם ניי־געבאָרענעם, עפּעס אַ עצה אין געצעהלטע ווער־טער — פון ווייטען.

געפינענדיג זיך ביים דאָקטאָר אין הויז, האָט די מאַמע אין איהר הארצען באהאלטענעם נחת: דער זוהן איז א דאָקטאָר, אַזאַ שעהנע הויז, שעהנינקע קינדערלאך. צוואווארימט זיך אין איהר דער נחת, און ס'איז אזוי גוט צו זיצען ביים זוהן, דעם דאָקטאָר, אין זיין שעהנע אויסגעפוצטע הויז... ס'איז איהר ווארים, ווייך אויפ'ן הארצען. אָבער אין רעכטען מיטען נחת איהרען קען זי ניט פארגעסען, אז זי האָט א שנור, און זי קען ניט טאָן דער שנור איהרער די טובה און דאָ לאנג זיצען ביי איהר. הויבט זי אָן רעדען פון געהן אהיים, און מ'מוז געהן. מ'וויל נאָך אביסעל פאר־בלייבען דאָ, ס'איז דאָ גאנץ אנגענעם. איבערהויפט די אינגערע קינדער, וואָס ביי זיי איז די שנאה צו דער שנור ניט איינגע־ווארצעלט, ווי ביי די עלטערע. זיי זיינען נאָך גאנץ יונג געווען, ווען „זי" האָט דעם דאָקטאָר אוועקגענומען. זיי ווילט זיך דוקא פריינטלען מיט זייער ברודער, דעם דאקטאר, קומען צו איהם און פארברענגען. זיי האָבען א ברודער א דאָקטאָר, ווילען זיי האָבען די גאנצע הנאה פון דעם יחוס און זיין מיט איהם נאָהענט. אבער די מאמע איז דער „באָס". די מאמע הייסט ניט און מ'מוז פאָל־גען, מ'מוז זיין פרעמד. אז ס'מאכט זיך אבער און מ'איז שוין דאָרטען, ווילט זיך פארבלייבען וואָס לענגער — לאָזט די מאמע ניט און קאמאנדעוועט: — אהיים!

די שנור פרעגט זיך גראד פריינדליך נאָך וועגען אלצדינג, ווייזט ארויס פאראיבעל פארוואָס מ'קומט ניט צו איהר, באדויערט פאר וואָס מ'איז אזוי פרעמד. נאר ביי דער אלטער ווערט דערפון נאָך ערגער אויפ'ן הארצען: איהר ווייזט זיך אויס, אז די שנור רייצט זיך מיט איהר: „יענע" קען באשטעהן צו ווייזען פריינד־שאפט, ווייל זי איז די יחסנ'טע; זי האָט אלץ אויסגעפיהרט, זי טוט וואָס זי וויל, איהר איז גוט, זי איז די גביר'טע — וואָס־זשע קען איהר פארשאטען, אז זי ווייזט ארויס „גוטסקייט", אז דאָס קאָסט איהר גאָרנישט?...

די אלטע פארענטפערט זיך ניט פאר איהר פרעמדקייט. בשעת די שנור בעט איהר קומען, איז זי „אָנגעבלאָזען", האלט זיך פעסט

אַן דער שנאה, און זי פּיהלט זיך געהויבען פון דער שנור'ס בע־טען איהר און נאָך מעהר פון דעם, וואָס זי וועט צו איהר ניט געהן און קיין „אנדערע" אויך ניט לאָזען געהן.

אויפ'ן וועג אהיים איז ביי דער אלטער שטארק קאַלעמוטנע אויפ'ן הארצען. טאקע אמת, זי האָט „יענער" געוויזען, אז זי האָט ביי איהר קיין שום ווערט ניט, אבער ס'איז פּאָרט ניט גוט, ניט גוט... רעדט מען צו איהר אויס א וואָרט, שטויסט זי אוועק מיט כעס, רוגזה...

די גאנצע געשיכטע מיט'ן ברוגז איז איהר שוין אייגענטליך מיאוס געווארען. איהר וואָלט זיך וועלען ס'זאָל שוין זיין „א סוף". נאָר זי וויל פּארלייקענען, אז זי וויל דאָס, און האַלט זיך פעסט אַן דער שנאה.

שפּעטער, אין הויז, איז שוין ביי איהר אראָפּ די שווערענים פון הארצען, און זי רעדט איבער וועגען דער זאך:

—ווי גוט זי איז דאָס געוועזן, כאָטש נעם און קום אלע טאָג ביי איהר עסען און טרינקען.

דער אלטער ווילט זיך גלויבען און זי גלויבט טאקע, אז „יענע" וויל מ'זאָל צו איהר קומען, זי בעט זיך, און זי וועט בלייבען ביים בעטען, פונדעסטוועגען מוז זי זאָגען עפּעס שטעכעדיגעס וועגען דער שנור:

— זי ווייס דאָך סיי ווי סיי, אז מען וועט צו איהר ניט קומען און זי וועט פארשפּאָרען געבען א גלאָז טיי. בעטען קאָסט דאָך איהר קיין זאך ניט.

און זי רעדט ווייטער וועגען „יענער'ס" קארגקייט, וועגען איה־רע דינערס מיט איהרע סאַפּערס, און אז זי וויל גאר ניט האָבען יענער'ס געלט.

די איבעריגע אין הויז העלפען איהר ניט אונטער. מ'שווייגט. מ'פּיהלט זיך אומעטיג.

פאַרשוועכטע הייליגקייט

אין הויז האָט מען געוואוסט פון איהר פּעקעלע בריעף, און אז זי איז דערביי ניט געווען, האָבען די מיידלאך פון איהר אָפּגעלאַכט און זיך לוסטיג געמאכט איבער איהר מיט'ן פּעקעלע.

דריי מיידלאך, פרעמדע איינע צו די אנדערע, האָבען זיי דאָ אין הויז געוואוינט. צוויי זיינען געווען גאָר יונגע מיידלאך; די מיט'ן פּעקעלע בריעף איז געווען אן עלטערע מיידעל. די צוויי יונגע זיינען גיך געווארען חבר'טעס. מ'איז צוזאמען געגאנגען, געשטיפט, געלאכט. די עלטערע איז געווען פיעל עלטער פון זיי. דער ברען פון דער יוגענד איז שוין לאנג ביי איהר ניט געווען, און ס'האָט זיך געזעהן אויף איהר די שטילקייט, די „געזעצטקייט", וואָס גנב'עט זיך ארויף אויף א מיידעל, ווען זי ווערט פארעלטערט און זי זעהט שוין אויס ווי א „פרוי"; ווען אָהן איהר וויסען גאָר, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען, איז שוין פון איהר אָפּגעטאָן דער דראנג געפעלען צו ווערען דורך פארשייטקייט, דורך ברען, דורך „ווארפען זיך אין די אויגען".

די הויז, וואו זיי האָבען אלע דריי געוואוינט, האָט זיך כמעט אין גאנצען אויפגעהאלטען פון „באָרדערס". דער באַליבאָס פון הויז האָט ווייניג פארדיענט, ווייל ער איז געווען א שלעכטער ארבייטער און דערצו נאָך א שטיקעל פוילער. האָט מען אין די פיער צימערען געהאלטען דריי „באָרדערקעס". און זיי, די „באָרדערקעס", דערהויפּט די צוויי יונגע מיידלאך, זיינען געווען די גאנצע באַליבאָסטעס. צו זיי פלעגען קומען חבר'טעס מיט חברים, אזעלכע יונגע און פרעהליכע ווי זיי, און מ'פלעגט די הויז איבערקעהרען. די עלטערע האָט זיך צווישען זיי ניט ארייגעפּאסט, און זי האָט גאָר ניט געזוכט צו מישען זיך מיט זיי; געהאלטען זיך פון

ווייטען. אָפּט פלעגט ארויסקומען אַז איבעררייד, ווען זיי פּלעגען צופיעל טומעל מאכען ביינאכט, ווען זי האָט זיך געלעגט שלאָפען. פלעגען זיי איהר צוזאָגען, אז עס וועט שוין זיין שטיל און באלד פלעגען זיי ווידער אָנהויבען דיזעלבינע. פלעגט זי א פאר'כעס'טע זיך מאטערען איינצושלאָפען. אין די אבענדען, ווען זיי פּלעגען זיין צוזאמען אין הויז, האָבען זיי זיך געהאלטע באזונדער. אז זיי זיינען געווען אין פראָנט־רום, האָט זי זיך אויפגעהאלטען אין שלאָף־צימער, צי אין קיך; געפּרעסט איהרע וועש, צי געשטריקט א „סוועטער“, און איהר איז ניט אָנגעגאנגען, וואָס זיי טוען דאר־טען. אבער זיי, די יונגע, האָבען איהר אָפּט אין זייערע מיילער געהאלטען און גע'חכמה'ט זיך איבער איהר אלטקייט און איבער איהר פּעקעלע בריעף.

דער פּעקעלע בריעף איז געווען גאָר און אלץ, וואָס איהר האָט זיך אָפּגעשטעלט פון איהר לעבען ביז איצט. זי האָט דעם פּעקעלע מיטגעבראכט אהער פון דער אלטער היים מיט א סך יאָהרען צוריק. דאָס זיינען געווען בריעף פון איהר אמאָליגען געליבטען אין די גאנץ יונגע יאָהרען. פריהער האָבען זיי זיך גע־ליעבט אין זייער שטעדטעל. דערנאָך איז ער אוועקגעפאהרען ארבייטען אין א גרויסער שטאָדט. האָבען זיי זיך א לאנגע צייט בריעף געשריבען. אבער זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט געזעהן. בלויז א ידיעה האָט זי געהאט וועגען איהם, אז ער איז געשטאָר־בען, צי דערהרג'עט געוואָרען. דאָס איז געווען אין די רעוואָ־לוציאָנערע יאָהרען און ער איז געווען איינער פון יענע יונגע־לייט. די ערשטע צייטען האָט זי א סך טרערען פארגאָסען איבער זיינע בריעף, און שפּעטער האָט זי דעם פּעקעלע מיטגעבראכט מיט זיך אין אמעריקא. זי איז דאָ געקומען יונג, מיט האָפנונג אויף לעבען, און זי האָט שוין דאָ איבער די בריעף ניט געוויינט. לאנגע צייטען פלעגען אוועק, ווען זי האָט אפילו דעם פּעקעלע ניט אָפּגעבונדען, אפילו ניט געזיפצט איבער איהם, זעהענדיג איהם צווישען אנדערע זאכען. דער פּעקעלע בריעף האָט געהאט זיין ראָלע אָפּגעשפּיעלט און איז זיך גלאט אזוי געלעגען צווישען אנ־

דערע נויטיגע און אומנויטיגע זאכען איהרע. ס'איז שוין אפילו א צייט געווען, ווען זי האָט די אלטע בריעף געוואָלט ארויסוואר־פען אדער פאַרברענען. דאָס איז געווען דאמאָלסט, ווען זי האָט געהאט איינעם, וועלכער איז שוין געווען אזוי גוט ווי איהר חתן און זי האָט איהם גאנץ ליעב געהאט. דער פּעקעלע בריעף איז דאַמאָלסט געווען פאר איהר גאר נישט. ער איז אבער געבליבען וואַלגערען זיך און איז שוין אזוי פאַרבליבען.

אין די שפּעטערע יאָהרען איהרע, ווען די פאַרעלטערונג, דער לעבען אליין, די עלענדקייט האָט איהר גענומען שטארק דריקען, דער „וואָס וועט זיין?" האָט איהר געמאטערט און געשראָקען, זי האָט ניט געהאט צו וועמען צוצוטוליען זיך, פלעגט זי זיך אָפּט נעמען צום פּעקעלע אלטע בריעף און לייענען און לייענען די פאר־געלטע בלעטלאך און נאָך אמאָל און נאָך אמאָל איבערקוקען די גאָר הייסע שטעלען אין די בריעף, וואו ער האָט איהר מיט די הייסעסטע, צערטליכסטע ווערטער געזאָגט, אז זי איז די בעסטע אין דער וועלט, די שעהנסטע, די קליגסטע, ס'איז ניטאָ נאָך איינע אין דער וועלט אזא ווי זי, און ער וואָלט זיין לעבען פאר איהר אוועקגעגעבען... און די אלע איבעריגע הארציגע שטעלען אין די בריעף. זי פלעגט זופּען און זופּען פון די בריעף ביז זי פלעגט זאט ווערען. ס'זיינען ביי איהר געווען צייטען, ווען זי פלעגט די בריעף לייענען אלע נאכט, מיטנעמען עטליכע מיט זיך צו דער ארבייט און זיי לייענען מיטאָג־צייט, עסענדיג איהר „לאָנטש". דאָס איז געווען אין די געוויסע צייטען, ווען זי האָט גע־פיהלט א שטארקען פארלאנג עפּעס צו זיין גוט צו אימיצען און אימיצער זאָל זיין גוט צו איהר... און אויך צייטען, ווען זי פלעגט די בריעף ניט אָנריהרען — דאן ווען זי פלעגט שוין זיין אויף א ווײַלע איבערגעגעסען מיט די בריעף, און אויך אין די געוויסע צייטען, ווען זי איז געווען פארביטערט אויף אלץ און אלעמען, זיך אליין ניט געקענט פארטראָגען.

אין הויז, אין דער ענגשאַפט, קען מען זיך מיט קיין זאך ניט באהאלטען — האָט מען געוואוסט פון איהר פּעקעלע, און די צוויי

יונגע מיידלאך מיט זייערע חבר'טעס און חברים פלעגען פון איהר אפלאכען און נאכקרימען איהר, ווי זי באוועגט די ליפען און פאר־קוועטשט מיט די אויגען בשעת'ן לייענען.

שפעטער האבען זיי זיך שוין ניט באנוגענט מיט'ן אפלאכען און נאכקרימען, ווי זי לייענט די בריעף. די געוויסע רייצונגס־קראפט, וואס ליגט אין פרעמדע בריעף, דערצו נאך אין אזעלכע בריעף, האט זיי שטארק נייגעריג געמאכט צו וויסען, וואס דאס זיינען אזוינס פאר בריעף. פארגעשטעלט האבען זיי זיך, אז דאס זיינען בריעף פון עפעס א מאן, און אז די בריעף זיינען ביי איהר זעהר טייער. און זיי האט זיך שטארק געוואלט אריינקוקען אין די בריעף, טאקע אום צו זעהן וואס דארט שטעהט געשריבען און אויך צו קענען בעסער אפלאכען און נאכקרימען איהר, ווי זי לייענט. און אין אן אבענד, ווען זי איז אין הויז ניט געווען, חברה איז געווען פרעהליך, האט מען זיך געזאגט, אז עס וואלט גוט געווען איצט צו נעמען לייענען די בריעף. האט מען פון דער הויך פון „קלאזעט" אראפגעשלעפט אז אלטען הוט־קעסטעל, אין וואס זי האט געהאלטען פארשיעדענע קלייינגקייטען און מ'האט ארויס־גענומען דעם פעקעלע בריעף און איהם צובונדען. יעדער פון דער חברה האט געכאפט א בריעף און געלעזען פאר זיך. דערנאך האט מען גענומען אויסשרייען:

— הערט, וואס עס שטעהט אין דעם בריעף!

— הערט, וואס דא שטעהט!

— מ'קען פלאצען פון געלעכטער!

— ער שרייבט, אז זי איז די שעהנסטע אין דער וועלט!

— דא שרייבט ער, אז ער וועט ניט לעבען אהן איהר!

— ער שרייבט איהר, אז גאנצע נעכט ליגט ער און טראכט פון איהר!

און אלע האבען געוואלט, אז מען זאל אויסהערען, וואס אין זיין אדער איהר בריעף שטעהט געשריבען. מ'האט איינער דעם

אנדערען אריבערגעשריען. קיינער האט ניט דערענדיגט לייענען א בריעף און מ'האט זיך גענומען צו אנדערע. און מ'האט גענומען ארויסלייענען אין דער הויך, איינער דעם אנדערען איבערגעריסען, איבערגעשלאגען.

— הערט, וואס ער שרייבט דא!

„אז די צייט וועט קומען דערצו וועלען מיר זיך פאראייניגען אויף אייביג ביידע צוזאמען און קיין זאך אין דער וועלט וועט אונז מעהר ניט קענען פונאנדעררייסען אויף ווייטער — — —"

— הערט זיך צו!

„ביינאכט זעה איך דיר אין חלום און בייטאג אפילו חלום איך אויך פון דיר, ווען איך שלאף גאר ניט. בשעת איצט אז איך שרייב דיר דעם היינטיגען בריעף — — —"

— איצט הערט מיין בריעף!

„אז איך קריעג ניט דיין בריעף פון דיר אין דער צייט וואס איך ערהאף, קען איך ניט עסען און ניט שלאפען. איך קלעהר איבער, אז דו ביזט קראנק, איז שוין מיין לעבען קיין לעבען ניט — — —"

— איצט הערט זיך צו וואס ער שרייבט דא!

„איך האף דיר אריבערצוברענגען אין דווינסק אביסעל שפעטער, אז די ביסעל ארבייט וועט זיך פארבעסערען מיט דער צייט. דערווייל איצטער מוזען מיר ביידע ליידען. אבער די האפנונג וואס איך בין זיכער, אז דו ליבסט מיר דיזעלביגע וואס איך דיר, גיט מיר שטארקונג וואס איך מוז זיין אפגעריסען פון דיר און מיר קענען זיך ניט זעהן אזוי לאנג דערווייל — — —"

מ'איז געווען אזוי פארטאן, אזוי פארקאכט, אז מ'האט אפילו ניט געהערט ווי אימיצער איז אין הויז אריינגעקומען. די באלי־באסטע איז האסטיג אריין אין פראנט־רום און א וואונק געטאן מיט די אויגען און מיט די ליפען, אז זי איז דא. יענע האט אין דרויסען געזעהן, אז ס'איז ליכטיג אין פראנט־רום, האט זי פאר־שטאנען, אז „זיי" געפינען זיך דארט. איז זי פארבליבען אויף א ווייל אין קיך, גענומען א טרונק וואסער, זיך אוועקגעזעצט אויף

א פּאָר מינוט. אין פראָנט־רום איז געוואָרען א שטילע טהעטיג־קייט, מ'האָט אויף גיך צוזאמענגעוואָרפען די בריעף אין הוט־קעסטעל, ניט באוויזען צו פארבינדען אין א פּעקעל, אפילו ניט אריינצוטאָן עטליכע בריעף אין קאָנווערטען, ווי מען האָט זיי געפונען — — ארויפגעוואָרפען די הוט־קעסטעל אין דער הויך אין „קלאָזעט“. און אז זי איז אין עטליכע מינוט ארום אין איהר צימער אריינגעקומען און דאָרט ליכטיג געמאכט, האָט זי געפונען עטליכע בריעף אויפ'ן דיל, לעבען „קלאָזעט“; דער „קלאָזעט“ איז אָפען געווען און די הוט־קעסטעל איז געלעגען מיט'ן אָפענעם מויל צום טיר — עטליכע בריעף האָבען ארויסגעשטעקט און ארויסגע־האַנגען.

זי האָט פארשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

די חברה אין פראָנט־רום איז מיט אמאָל פארשטומט געוואָ־רען. אנדערע זיינען דערשראָקען געווען; אנדערע האָבען זיך קוים איינגעהאַלטען פון לאכען. אבער ס'איז געווען שטיל. א וואָרט האָט קיינער ניט ארויסגערעדט.

און זי דאָרט, אין איהר צימער, איז געבליבען שטעהן, ווי מיט אָפּגענומענע הענט און אונטערגעהאַקטע פיס. און אין א מיאוס'ען בזיון האָט זי זיך געפיהלט, טיעף באַליידיגט און גע־קרענקט ביז אין גרונט הארצען... און אין דעם איז נאָך געווען אריינגעמישט א ניט־פארגינען זיי, וואָס זיי האָבען זיך דאָ דער־וואוסט... זי וואָלט געלאָפען קריגען זיך מיט זיי, זידלען, נאָר זי האָט זיך געשעהמט ארויסצוקומען פאר זיי, און זי האָט זיך טרייס־טען געוואָלט מיט דעם וואָס זיי זיינען די נידעריגסטע און געמיינ־סטע... און רעדען וואָלט זי גארניט געקענט, ווייל זי איז פארוואָר־גען געווען מיט יסורים און טרערען. זי איז געזעסען אויפ'ן בע־טעל, מיט'ן פנים פארשטעקט אין א האנט; אין די צווייטע האנט — די אויפגעהויבענע בריעף. נאָר זי האָט די בריעף גאָר אין איהר האנט ניט געפיהלט. פארגעסען, אז זי האָט א האנט, האַלט עפּעס אין האנט, ווי זי האָט אַן אלע איהרע גליעדער פאר־געסען.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך דערטראָגען צו איהר זייער רעדען אין פּראָנט־רום, זייער אַרומגעהן און אַרומשאַרכען, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האַלטען אין קלייבען זיך פון הויז אַרויס. איז איהר דערפון גרינגער געוואָרען, און זי האָט שוין געוואַרט אויף דער מינוט, ווען זיי וועלען מעהר אין הויז ניט זיין — געוואַרט צו הערען ווי זיי געהען צום טיר. זי איז אין איהר צימער ווי געפּענטעטנט געזעסען, וויסענדיג, אַז זיי געפינען זיך נאָך אין הויז.

די באַליבאָסטע פון הויז האָט זיך עפּעס אויך שולדיג גע־פיהלט אין דער געשעהעניש. און אַז די חברה איז פון הויז אַרויס, איז זי צו יענער אין צימער אַריין און זיך גענומען פאַרענטפערען, אַז זי האָט זיך גענוג געקריעגט מיט זיי, זיי זאָלען קיין זאַך ניט ריהרען. אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן, אַז זיי האָבען איהר ניט געוואָלט הערען?

די טיעף־באַליידיגטע האָט ניט געענטפערט. איצט, אַז זי האָט פאַר זיך דערזעהן אַ מענשען, וואָס ווייס פון דער געשיכטע, איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען איהר בזיון, ווי עס שעהמט זיך אַ מענש, וואָס האָט געכאַפּט אַ מיאוס'ע מפּלה...

די באַליבאָסטע האָט דערפיהלט, אַז זי איז דאָ איצט איבע־ריג, איז זי פון צימער אַרויסגעגאַנגען.

זי האָט זיך גענומען ברענגען אין אָרדנונג די בריעף. זי האָט שווער געאָטעמט, ווי נאָך אַ וויינען, ווי נאָך אַ שווערע איבערקור־מעניש. און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, האַלטענדיג די בריעף און פאַרבינדענדיג זיי אין אַ פּעקעלע, אַז די בריעף זיינען וואַכע־דיג געוואָרען; ס'האָט פון זיי אַרויסגעשוועבט וואָס איז דאָרט צווישען זיי געלעגען באַהאַלטען און וואָס האָט נאָר צו איהר אַליין געהערט.

בראָנקסער טענעמענט

איבער די „דאָבעל טענעמענט" האָט זיך פארשפּרייט די נייעס — און אלע האָבען גערן געגלויבט — אז דער דזשעניטאָר גנב'עט פון די לעטער־באָקסעס.

עס איז שוין די טבע פון די איינוואוינער, אראָפּקומענדיג פון די טרעפּ, א קוק צו טאָן אויף די ציילען לעטער־באָקסעס, וואָס זיי־נען איינגעפּאסט אין וואנט. יעדער איינער און יעדע איינע זוכט אין לעטער־באָקס, אפילו די, וואָס ערוואַרטען גאָר ניט צו הערען פון קיינעם — א מין מאגנעטיל, וואָס ציהט צו די אויג, ליגט אין לעטער־באָקס. און אזוי אראָפּקומענדיג א טאָג פון די טרעפּ, און א קוק טוענדיג אויף די לעטער־באָקסעס, האָט א שכנה דערזעהן, ווי דער דזשעניטאָר פּאָרעט זיך מיט א האנט אין איהר לעטער־באָקס. זי האָט מיט א האלבען געשריי געפרעגט, וואָס ער „טוט" אין איהר לעטער־באָקס. ער האָט געענטפערט, אז די פּאָסטעל־קארד האָט געהאלטען ביים ארויספאלען, האָט ער עס ריכטיג צוריק אריינגעטאָן. זי האָט איהם, א בייזע, מוחל געווען די טובה, און איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל נאָך אמאָל ניט וואגען צו „קריכען" אין איהר לעטער־באָקס.

דערפון האָט זיך דאָס גענומען די נייעס, וואָס האָט זיך פאר־שפּרייט איבער ביידע טענעמענטס, אז דער דזשעניטאָר גנב'עט פון די לעטער־באָקסעס.

דעם גאנצען ווינטער האָט דער דזשעניטאָר געהאַט צרות ביי זיך אין הויז. די ווייב האָט געקרענקט. די קינדער האָבען גע־קרענקט. האָט ער געהאַט אויף זיינע הענט די צוויי גרויסע טע־נעמענטס מיט עטליכע און פערציג פאמיליעס שונאים — פאר די

סטיעם היעט מיט די הייסע וואסער — און א קראנקע פאמיליע אין הויז. די ווייב איז געלעגען מיט רומאטעזדיגע פיס, און אלע ווילע א צוגעקיהלטער קינד. געווען איז אייגענטליך ניט ער דער הושע; ניטאָר, נאָר זי, די ווייב, די „דזשעניטאָרקע". ער איז אמאָל געווען א שטאַרקער מענשעל, געטאָן שווערע ארבייט אין א בלעך־פאבריק, און זיי זיינען קיין דזשעניטאָרס ניט געווען. ביז ס'האָט זיך געמאכט מיט זיין הארץ עפּעס און ער האָט אָנגעהויבען אוועק־חלש'ען גאָר אָפט, און די הענט האָבען ביי איהם געציטערט. האָט ער אין בלעך־פאבריק מעהר ניט געקענט און ניט געטאָרט ארביי־טען; האָט מען זיך גענומען צו דזשעניטאָריי. זי האָט געטאָן די שווערע ארבייטען און ער האָט איהר אונטערגעהאָלפען מיט די גרינגערע; און אמאָל פלעגט ער אויך אריינברענגען עטליכע סענט פארדיענסט פון צופּאסען א „פליינע" שליסעל — געלערענט זיך אמאָל אין דער היים פאר א שלאָסער; אויך פלעגט ער אמאָל אריינשטעלען א שויב; נאר די הענט האָבען שוין גענומען ביי איהם גאָר שטאַרק ציטערען, קען ער זיך ניט פארנעמען מיט גלאָז. און אזוי ווי ער האָט ניט געטויגט פאר זיך און זיין פאמיליע, אזוי האָט ער אויך ניט געטויגט פאר די עטליכע און פערציג שונאים פוןביידע הייזער — ניט געוואוסט ווי זיך צו האלטען אנטקעגען זיי; דערשרעקען זיך, און מען האָט פון איהם שטאַרק געמאָנט סטיעם היעט מיט הייסע וואסער — מורא געהאט פאר זיי און ניט געוואוסט ווי זיך צו פארטיידיגען. און זי, די ווייב, איז דאָס אלע מאָל געווען אין רעכטען פּראָנט פון דער מלחמה. מאכט זיך הייני־טיגען ווינטער, אז זי, די שווערע, מאנסבילשע אידענע, נעהמט און קריגט קראנקע פיס און קען זיך ניט ארויסריהרען פון בייס־מענט, און לאָזט איבער אויף איהר מאַן, דעם גרויסען העלד, ביידע טענעמענטס, מיט די „באָילערס" און די „אינדזשינס" און ער מוז אליין פיהרען די אייביגע מלחמה מיט די עטליכע און פערציג אייביגע שונאים.

די עטליכע און פערציג פאמיליעס צאָהלען געלט, בלוטיגע, הויך־ארויפגעריסענע געלט, און זיי קריגען ניט וואָס זיי קומט,

וואס זיי מוזען נויטיג האבען — ווילען זיי ניט וויסען, וואס עס טוט זיך ביים דזשעניטאר אין הויז און אויפ'ן הארצען. און זיי טארען ניט וויסען, אז דער דזשעניטאר קען ניט געבען זיי, וואס זיי קומט, ווייל ס'איז ניט זיין הויז, ניט זיינע קויהלען. ער מוז טאן, ווי מ'הייסט איהם — זיינען די עטליכע און פערציג פאמי־ליעס אנגעפילט מיט כעס און צארן. זידעלט מען דעם דזשעניטאר מיט די ערגסטע ווערטער און מ'ווינשט איהם אלע אומגליקען מיט אלע קלאגען און מ'האפט צו דערלעבען זיך אויף איהם עפעס א מפלה. און ער מיט זיין קראנקע ווייב ווינשען דיזעלביגע צוריק די עטליכע און פערציג פוןביידע טענעמענטס.

אפט ווערט די מלחמה ארויסגעטראגען פון די הייזער דרויסען. דערטראגען זיך די געשרייען צו דער קראנקער „דזשעניטארקע" אין בייסמענט — איהר מאן שטעהט ארומגערינגעלט פון שונאים, ס'ציטערען ביי איהם די הענט און ער ווייס ניט וואס צו ענטפע־רען — ער קען נאך אוועק'חלש'ען. זי האט פאר זיי קיין מורא ניט. זי ווייס שוין וואס מ'דארף זאגען און טאן. הויבט עס איהר אין דער לופטען צו געהן אננעמען זיך פאר איהם — און זי מוז ליגען אויף אן ארט; שטילט זי זיך מיט קללות: זיי זאלען אפ־ליגען אזעלכע ווינטערס, ווי זי, וועט זיי שוין ניט ליגען אין זינען קיין סטיעם היעט מיט הייסע וואסער.

— נאך אמאל, אז זיי וועלען מיט דיר אנהויבען — קנעלט זי מיט'ן מאן איהרען — ווארף זיי דעם ברום אין פנים און קום אראפ אין בייסמענט! זאל ניט זיין געקערט די טרעפ מיט'ן האל!

ער זאגט צו צו טאן, ווי זי הייסט איהם. אבער, אז ס'קומט צו עפעס, פארגעסט ער זיך, וואס די ווייב האט איהם געלערענט. דער בעזים נעמט ציטערען אין זיינע הענט, און ער ווארט זיי זאלען שוין אפזידלען און אוועקגעהן.

די מעשה מיט די לעטער־באקסעס האט אלעמען דערפרעהט. מ'האט זיך אן דעם אנגעכאפט. אז די מעשה איז אמת, האט מען געגלויבט; און אז מ'וואלט זיך אפילו דערוואוסט, אז עס איז ניט אמת, וואלט מען גאר ניט געוואלט אויסהערען — זאל בעסער זיין

אמת — מ'האָט דערטאַפּט עפּעס א גרויסען חטא אויפ'ן דזשע־ניטאָר, טאָר מען דאָס ניט אַפּלאָזען.

אין דעם טאָג, ווען די גוטע נייעס האָט זיך פארשפּריים, זיינען געשטאַנען אונטען אין „האָל", ביי די ציילען לעטער־באָקסעס, שכנ'טעס, און מ'האָט זיך דערמאָנט און דערצעהלט, אז ס'איז ביי זיי פארפאַלען געגאַנגען בריעף; איינע האָט אויך דערצעהלט פון א טשעק, וואָס איז איהר ניט אָנגעקומען; און נאָך איינע האָט דער־קלערט, אז אָנהויבען זיך מיט'ן פּאָסט־אָפיס איז א געפעהרליכע זאך — מ'געהט גלייך אין פּריזאָן.

דער דזשעניטאָר אליין האָט גלייך פארגעסען אָן די געשיכטע מיט'ן פּאָסטעל־קאַרד. ערשט אויף מאָרגען אין דער פריה, בשעת ער האָט געקערט די „האָל", האָט מען איהם דערמאָנט.

א שכנה איז אראָפּגעקומען מיט אן איינקויפס־טאָרבע אויפ'ן אָרעם, און דערזעהענדיג דעם „דזשעניטאָר", האָט זי זיך דערמאָנט, אז די „הייסע וואַסער איז קאַלט", אזוי ווי יעדע פון די שכנ'טעס, ווען מ'דערזעהט דעם דזשעניטאָר; און ס'רעדט זיך אַרויס ווי פון א מאַשינקע:

— פאר וואָס איז ניטאָ קיין הייסע וואַסער?

און ביים דזשעניטאָר רעדט זיך אַרויס ווי פון זיך אליין:

— ס'איז דאָ... אין דער פריה איז געוועזען גענוג.

די שכנה ווייס אָבער, אז ס'איז ניטאָ און ס'איז ניט געוועזען, ווערט זי אין כעס, אי פאר דעם, וואָס זי האָט ניט קיין הייסע וואַ־סער, אי דערפאַר, וואָס ער וויל איהר „בלאָפען". אין איהר היינ־טיגען צאָרן איז אָבער דאָ א טראָפּען פריידע — לעטער־באָקס.

— איהר זייט א ליגנער און א בלאָפער! — זאָגט זי איהם — איהר וועט נאָך געהן אין פּריזאָן אויך פאר'ן גנב'ענען פון די לע־טער־באָקסעס.

דער דזשעניטאָר איז איינגעוואויינט צו הערען אַלערליי זידלע־רייען און זלזולים, נאָר די ווערטער „לעטער־באָקסעס", „גנב'ענען", „פּריזאָן" הערט ער היינט צום ערשטען מאָל, האָט ער איהר אָנ־געקוקט און געפרעגט:

— וועך גנב׳עט פון די לעטער־באַקסעס?

— איהר׳ט שוין וויסען ווער!

דער דזשעניטאָר האָט געלאָזען שטעהן דעם בעזים, צוהאַל־טענדיג עס אין דער הויך ביים ברעג שטעקען — פאַרטיג געמאַכט זיך פאַר מעהר איינצעלהייטען, נאָר די שכנה איז דערווייל אַוועק איהר וועג.

דעם זעלבען טאָג האָבען קינדער, קומענדיג פון סקול, צוגע־וואָרפען דעם דזשעניטאָר „לעטער באַקסעס". און דעם דזשעני־טאָר׳ס צוויי קינדער זיינען אהיים געקומען צוקרענקטע און דער־צעהלט דער מאַמען, אז קינדער פון הויז האָבען זיך מיט זיי גע־רייצט, אז זייער טאַטע גנב׳עט פון די לעטער־באַקסעס.

— וואָס איז געווען פאַר א מעשה מיט די לעטער־באַקסעס?

— פרעגט די „דזשעניטאָרקע" איהר מאַן.

דער דזשעניטאָר ווייס ניט. די פּאַסירונג מיט׳ן פּאָסטעל־קאַרד איז איהם שוין לאַנג ארויס פון זינען. ער הויבט מיט די פּלייצעס: ער ווייס ניט.

— זיי ווילען נאָך אויסטראַכטען, אז מ׳באַ׳גנב׳עט זיי — זאָגט די „דזשעניטאָרקע" — ממזרים קענען זיי אונטערוואַרפען. ביי זיי אין הויז זאָל זיין ווי ביי מיר.

עס האָט זיך איבערגעקאָכט. עס האָט גענומען אין גאַנצען א פּאָר טעג, און די איבערראַשונג, די שמחה, די נקמה, וואָס מ׳האָט זיך דערלעבט אויפ׳ן דזשעניטאָר, איז אָפּגעקיהלט געוואָ־רען. מ׳האָט זיך פאַרגעסען צו באַנוצען געגען איהם מיט דעם גרויסען חטא זיינעם. נאָר א צוויי־דריי שכנות האָבען זיך געפּונען איןביידע הייזער, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט שיידען מיט די גוטע זאַך, וואָס איז צו זיי געקומען. דאָס זיינען געווען אזעלכע, וואָס ווילען ניט און קענען ניט פאַרגעסען, אז זיי זיינען גע־עולה׳טע, מ׳מאַכט זיי צום נאַר, מ׳גיט זיי ניט דאָס, פאַר וואָס זיי צאָהלען געלט און וואָס זיי מוזען נויטיג האָבען. די דאָזיגע האָבען געמאַכט א געברויך פון זייער וואָפע געגען שונא ביים

מאַהנען פון איהם סטיעם היעט מיט הייסע וואסער. צו די גע־
וועהנליכע זידלערייען האָט מען איהם צוגעלייגט „לעטער־באָקסעם“.

— און דו שווייגסט זיי? — פרעגט איהם די ווייב מיט אנגע־
צונדענע אויגען פון צאָרן, בשעת ער דערצעהלט איהר דאָס אַפּ.
זי וויל וויסען, ווער עס איז די „אָנפּיהרערקע“ פון דער געשיכטע
מיט די לעטער־באָקסעס. זי ווייס פון איהר דזשעניטאָריי, אז
יעדע זאַך האָט אן „אָנפּיהרערקע“. זי דאַרף אָבער גאָרניט פרע־
גען; זי פאַרשטעהט אליין, אז די „אָנפּיהרערקע“ איז מיסעס קליין,
פון דריטען פלאָר, „וואָן־די“.

קיינע פון די עטליכע און פערציג אין דיביידע הייזער איז
ניט באַשטאַנען אזוי פעסט אויף איהרע רעכטע, ווי דיזע יונגע
ווייבעל, מיסעס קליין. זי האָט ניט אויפגעהערט געדענקען אויף
א ווײלע, אז זי איז געגאַרט און באַשווינדעלט און באַ־עולה'ט.
קיין סטיעם היעט קריגט זי ניט. יעדען מאָל, ווען זי דאַרף באָדען
די קינדער, מוז זי שלעפּען און קאָכען קעסלען וואסער, און וואר־
פען קוואָטערס אין „מיטער“; און דיזעלביגע ביים וואשען די וועש.
און בשעת עס קאָכט זיך דער קעסעל וואסער אויפ'ן געז־אייוועז,
קאָכט עס אויך אין איהר, און זי וואָלט דעם דזשעניטאָר צוריסען
אויף שטיקער, אז ער וואָלט זיך נאָר באוויזען פאר איהרע אויגען.
דער לענדלאָרד איז ניטאָ — ער קומט איינמאָל אין חודש נאָך די
געלט, און מעהר זעהט מען איהם ניט — בלייבט דער דזשעניטאָר.
און ווען נאָר זי דערזעהט זיי, איהם אדער איהר, קאָכט עס אויף
אין דער מיסעס קליין.

פאַרשטעהט שוין די „דזשעניטאָרקע“, אז די „אָנפּיהרערקע“
פון די לעטער־באָקסעס איז מיסעס קליין. מיסעס קליין איז די
ערשטע פון די צוויי־דריי, ביי וועמען די „לעטער־באָקסעס“ זיינען
פאַרבליבען און זיי ווילען אָן דעם ניט פאַרגעסען. און זי מאַכט
פון דעם בלבול דעם שטאַרקסטען געבערויך. ביי איהר וואָלט שוין
אפילו רעכט געווען, אז די „דזשעניטאָרקע“ זאָל געזונט ווערען
און זיך ווייזען אויף די אויגען — זי זאָל אויך איהר קענען אויפ־
ווארפען די „לעטער־באָקסעס“.

איז שוין דער „דזשעניטאָר“ צוגעוואוינט צו מיסעס קליין׳ס „לעטער־באקסעס“, ווי צו די אלע אנדערע איהרע זידלערייען און זלזולים. נאר די ווייב איז זיך אָן איהם נוקם:

— פאר וואָס שווייגסטו איהר? — איז זי א צופלאמטע.

— וואָס זאָל איך איהר טאָן? ס׳איז ביי דיר א נייעס?

ער ווייס פון קיין מעשה ניט מיט לעטער־באקסעס, און ס׳לעגט זיך דער „דזשעניטאָרקע“ אויפ׳ן שכל, אז דאָס האָט מיסעס קליין זיך אויסגעטראכט. און זי שילט דער מיסעס קליין מיט די גע־פעהרליכסטע קללות, און זי ווינשט יענער, אז זי זאָל אָפליגען אזעלכע ווינטערס צו־בעט, ווי זי, און איהרע קינדער זאָלען האבען אזעלכע וואוילטאָג, ווי איהרע קינדער.

אז זי וואָלט געקענט ארויסקריכען!...

זי ווייס אבער, אז זי קען ניט געהן און וועט ניט געהן, און דערפאר הויבט עס איהר נאָך מעהר פון אָרט... און זי קוקט מיט וועהטאָג דורכ׳ן פענסטער צום דרויסען ארויס, וואו מענשען מיט געזונטע פיס געהן ארום... אָה, אז זי וואָלט געקאָנט א פוס ארויס־שטעלען!...

דער ווינטער קריכט. סטיעם היעט מיט הייסע וואסער איז ניטאָ. דער שוואכער דזשעניטאָר פיהרט אָן די מלחמה מיט די עטליכע און פערציג פון דיביידע הייזער.

געפינט זיך דער דזשעניטאָר צווישען האמער און קאוואדלע. אויף די טרעפ, אין „האָלל“, פאר׳ן „סטופ“ — די מיסעס קליין. אין הויז — די ווייב. די געפענטעטע „דזשעניטאָרקע“ קען ניט אָפרעכענען זיך מיט מיסעס קליין — לאָזט זי אויס די הארץ צום מאן איהרען: פאר וואָס שווייגט ער איהר? פאר וואָס דערלאנגט ער איהר ניט „מיט עפּעס“?!... די „דזשעניטאָרקע“ ווייס, אז איהר מאן קאָן זיך מיט קיינעם ניט שלאָגען. אבער איצט פאר־געסט זי זיך, זי וויל דערפון ניט וויסען. זי פיהלט, אז יענע דארף קריגען „מיט עפּעס“, און זי אליין קען דאָס ניט טאָן... קלאָגט זי, וואָס זי האָט אזא צרה׳דיגען מאן. איהר איז ערגער פון אן אלמנה...

איז דער דזשעניטאָר געפאַלען אויף א שכל און אויפגעהערט דערצעהלען דער ווייב, וואָס מיסעס קליין זאָגט איהם דורכ'ן טאָג. און אז די ווייב פרעגט איהם וועגען מיסעס קליין, שווייגט ער, און ער זאָגט נאָך א ליגען אויך: יענע דערמאָנט ניט מעהר די לעטער־באקסעס. קען זיין, אז זי וואָלט איהם אפשר געגלויבט. דערלאָזט דאָס אָבער ניט מיסעס קליין: אלע טאָג שיקט זי אראָפ מיט'ן דזשעניטאָר'ס קינדער די „לעטער־באקסעס" צו דער קראַנ־קער מאַמען אין בייסמענט אריין.

די עקרה

אויף די גאָר עלטערע יאָהרען, נאָהענט צו אכטציג, האָט די זקנה גענומען טראַכטען מאָדנע־מטושטש'ע געדאַנקען. און זי האָט די דאָזיגע געדאַנקען איהרע ארויסגעזאָגט אין ניט גאָר קלאָרע רייד, מיט איהר צייהנלאָזער, איינגעפאַלענער מויל, צו יעדען איינעם, ווער ס'האָט זיך נאָר געלאָזט רעדען און געוואָלט איהר הערען.

דורך די עטליכע צעהנדליג יאָהר, זייט זי האָט חתונה גע־האַט, האָט זי פאַרגעסען און ניט דערמאָנט, אז א פּאָר חדשים נאָך איהר חתונה איז זי עטליכע טעג געלעגען קראַנק. נאָר ניט ווייט פון סוף, ביי אכטציג, אז די גלידער איהרע האָבען שוין געהאַט אָפּגעדינט זייער פולען דיענסט און אויך דער שכל איז שוין געווען מיעד און אָפּגע'חלש'ט, איז אין איהר אויפגעשטאַ־נען יענע קורצע ווײַלע פון א סך יאָהרען צוריק, בשעת זי איז קראַנק געוואָרען. און די זקנה האָט זיך א געשיכטע איינגערעדט און דערצעהלט זיך אליין און אויך אנדערע, אז מ'האָט זיך נאָר געלאָזט רעדען: — זי איז דאָך דאַמאָלסט גאָר ניט קראַנק גע־ווען מיט'ן מאָגען, ווי מ'האָט געזאָגט... ס'איז ניט געווען דער מאָגען... דאָס האָט זי מפּיל געווען — זי האָט געטראָגען א קינד...

„אין דער משפּחה אונזערער האָבען אלע געהאַט קינדער... ניט געווען ביי אונז קיין בעזדיעטניצעס... איך האָב געטראָגען א קינד... ניט ערגער פון אלע... ניט אין מיין טאַטענ'ס, ניט אין מיין מאַמע'ס משפּחה האָבען זיך געפונען עקרות... כ'בין ניט געבאָרען געוואָרען קיין עקרה... מסתמא ניט באַשערט געווען מיר איהם אויסצוטראָגען און האָבען..."

אז מ'הערט זיך צו איהר צו, ציי ס'דאכט זיך איהר, אז מ'הערט איהר, רעדט זי ווייטער:

„ס'איז ניט געווען דער מאגען... מ'האט מיר ניט געוואלט אויסזאגען... א ציטריגע בין איך געווען... כ'האב דאך געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען... ס'האט געהאט דעם פאטער'ס אנבליק... ווי קומט צו מיר מאגען... א געזונטער מאגען ביי מיר אלע מאל געווען... און אפילו נאך היינט... איהר קענט פרעגען... האט מען געוואלט איינרעדען מיר, אז ס'איז דער מאגען... אפגענארט מיך... די מאמע מיינע האט עס געהאלטען אין די הענט... ווי דער פאטער האט עס אויסגעזעהן... נאר מיר האט מען ניט געוואלט אויסזאגען און מ'האט זיך געהיט... כ'וואלט דאך געוויינט און געקלאגט און ניט אויסגעהאלטען..."

און אז ס'מאכט זיך, זי האט ניט פאר וועמען צו רעדען, ציי מ'דרעהט זיך פון איהר אוועק, דערצעהלט זי זיך אליין:

„אן עלטערער מענש וואלט ער שוין היינט געווען... א הויבער, מיט א גרויסען שטערען, ווי דער טאטע זיינער... ער וואלט געהייסען יחיאל — נאך מיין טאטען... אז כ'וואלט איהם אויסגעטראגען און געהאט... וואס רעד איך: נאך מיין טאטען... ווי וואלט ער געקענט הייסען נאך מיין טאטען? דער טאטע מיינער האט דאך נאך געלעבט... דעם דריטען ציי דעם פערטען קינד וואלט מען א נאמען געגעבען נאך מיין טאטען... חאצקעל, וואלט ער געהייסען, נאכ'ן זיידען... אז כ'וואלט איהם אויסגעטראגען און געהאט... אפשר וואלט ער זיך גאר ניט אויסגעהארעוועט... חאצקעל... מ'טרעפט דאך, א קינד שטארבט קליינערהייט... ווי קען א מאמע ווייטער בלייבען לעבען, אז איהר קינד שטארבט און מ'לעגט איהם אריין אין ד'רערד... אנדערע מאמעס לעבען, אבער זי וואלט ניט געלעבט, זעהענדיג, ווי מ'לעגט אריין איהר קינד אין דר'ערד... און אפשר וואלט זי נאר געמוזט לעבען צוליעב די איבעריגע קינדער... אז ניט דער מפיל, וואלט זי דאך געהאט נאך קינדער... נאך א מפיל קען מען שוין קיין קינדער ניט הא-

בען... אבער, אז זי וואָלט אויסגעטראָגען און געהאַט האָצקלען...

„מ׳וויל מיר נים גלויבען... ווייס איך דען ניט, ווי א מענש פיהלט, אז מ׳איז קראנק מיט׳ן מאָגען?... יענע וועהטאָגען דאַ־מאָלסט איז ניט געווען פון מאָגען... כ׳געדענק גוט יענע וועהעני־שען... ווי היינט געדענק איך... כ׳קען דאָס נאָך פיהלען איצט... ס׳איז געווען די וועהענישען פון האַבען... גאָר ניט קיין געשמאקע וועהענישען, גאָר נים קיין געשמאקע... ניט קיין שפּיעלעכעלע.. כ׳פיהל נאָך היינט דעם טעם פון די וועהענישען...

„דאָקטוירים... וואָס ווייסען דאָקטוירים... זיי האָבען מיר גע־זאָגט, אז כ׳האָב קיינמאָל נים געקענט האָבען קיין קינדער... וואָס ווייסען דאָקטוירים... ס׳טרעפט דאָקטוירים ווייסען אויך נים... דער חולה ווייס אמאָל בעסער פון דאָקטאָר... ווי אזוי קען דאָס זיין, אז כ׳האָב קיינמאָל ניט געקענט האָבען קיין קינדער, אז כ׳האָב מיט די אייגענע אויגען געזעהן... כ׳האָב געזעהן א פּנים׳ל, הענטעלאַך און פיסעלאַך... א מענשען א גאנצען... מעהר ניט, ס׳איז מיר ניט באַשערט געווען אויסצוטראָגען און האָבען...“

אייניקלאַך... אור־אייניקלאַך...

אז זי וואָלט אויסגעטראָגען און געהאַט דעם ערשטען האָצקלען, אז ס׳וואָלט ניט געווען קיין מפּיל, וואָלט זי דערנאָך געהאַט נאָך און נאָך... אלע אין דער משפּחה האָבען געהאַט צו סך קינדער... פאַרוואָס זאָל זי דאָס עפּעס זיין ערגער... די אייניקלאַך וואָלטען שוין היינט געווען גרויסע... אליין געהאַט קינדער... אור־אייניק־לאַך... אומבאַשריען, א סך אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך... מ׳טאָר גאָר ניט צעהלען, אן עברה דער צעהלען... א שבת, א יום טוב, צי אויף א שמחה, וואָלטען זיך אלע געזעצט ארום טיש... ס׳וואָלט גאָר ניט גענוג געווען איין טיש... עטליכע טישען וואָלט מען גע־מוזט האָבען פאַר אלעמען... מ׳וואָלט צונויפגעשטעלט די טישען און אלע וואָלטען געזעסען צוזאַמען... זי וואָלט געזעסען אויבען־אַן, און אלע, די קינדער מיט די אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך ארום די צונויפגעשטעלטע טישען, אזוי ווי ארום איין טיש...

אמאָל מאַכט זיך, אַ פרוי לאָזט זיך אריין אין אַ שמועס מיט דער עקרה, און זי וויל מיט געוויסע ראיות און באַווייזע איבערצייגען איהר, אַז דאָס דאַכט זיך איהר אַלץ אָפּ. ס'איז געווען דאַמאָלסט דער מאָגען, ניט קיין אַנדער זאַך. און די זקנה רעדט דאָס איהריגע: זי רעדט צו זיך און צו דער ניט־גלויבערין:

„ס'האָט ניט געקענט זיין פון מאָגען... מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך אַליין געזעהן ווי ס'האָט געלעבט... ניט לאַנג, אַ ווייליניקע, עטליכע מינוט אין גאַנצען אפשר... כ'קען דאָס נאָך זעהן אַזוי ווי איצט... כ'האָב געקענט הערען... מיין פויגעלע... אַ קול'כעלע ווי ביי אַ שוועלבעלע... גרויס וועהטאָג מסתמא געליטען... כ'האָב דאַמאָלסט מיטגעפיהלט דעם וועהטאָג... כ'קען דאָס נאָך פיהלען אַזוי ווי איצט... אומזיסט האָט עס ניט געוויינט... מסתמא געליטען וועהטאָג און יסורים... אַז ס'טוט ניט וועה וויינט מען ניט... רעדען און דערצעהלען האָט עס נעביך ניט געקענט... אין גאַנצען אפשר עטליכע מינוט געלעבט... מעהר האָט גאָט ניט געוואָלט... מתמא פאַר מיינע עבירות געליטען... מיין אָרימער שוועלבעלע... מיין חאַצקעלע...“

די גע׳גט׳ע ווייב

די קינדער דארפען באלד אָנקומען. דער זייגער איז שוין ארום זעקס. זי האָט זיך געזעצט ביים פענסטער און ארויסגעקוקט און געווארט אויף די קינדער. דערנאָך איז איהר דער קוקען דורכ׳ן פענסטער ניט גענוג געווען — זי איז געווען אומגעדולדיג און אומרוהיג. זי מוז אראָפּגעהן אויפ׳ן גאָס און קוקען אהין, פון וואנען די קינדער דארפען אָנקומען.

יעדען זונטאג אזוי.

ארום אזייגער צוויי געהט זי ארויס מיטביידע קינדער פון הויז. אויפ׳ן נעקסטען קאָרנערווארט אויף זיי זייער פאָטער. אמאָל טרעפט, ער פארזאמט זיך אויף עטליכע מינוט, ווארטען זיי אויף איהם. זי בלייבט שטעהן פון וויטען. די קינדער געהן צו צו איהם. זיי צוקושען זיך און בלייבען ווארטען אויף א קאר. ער נעהמט זיי צו זיך. די קינדער זיינען קליין און זי מוז זעהן, ווי זיי געהען איבער געזיכערט פון איהר צו איהם. דערנאָך געהט זי צוריק צו איהר הויז. דער געהן איהרער איז אזא מאָדנער, שווערער... עפּעס האלט איהר צו און לאָזט איהר ניט געהן... ער איז דאָ ניט וויט פון איהר... זעקס אזייגער קומען די קינדער צוריק, אבער א רעכטע ווייל נאָך פאר זעקס זעצט זי זיך שוין ביים פענסטער ארויסקוקען אויף זיי, און דערנאָך געהט זי אראָפּ אויפ׳ן גאָס.

די קינדער׳ס פאָטער איז פון איהר אפּגעשיידט אויף אייביג. זיי זיינען גע׳גט. ער האָט אן אנדער ווייב און האָט שוין מיט יענער א קינד, און ווי ס׳הערט זיך, לעבען זיי זיך דאָרטען גאנץ גוט. זי איז אליין מיט די צוויי קינדערלאך. וויים זי, אז זיי זיינען זיך איצט פרעמדע, און אזוי פארבלייבען זיי שוין אויף אלע מאָל. דאָס איז קלאָר און זיכער. אבער עס גלויבט זיך איהר

ניט, אז דאָס איז טאַקע אזוי... ס'דוכט זיך איהר אלץ, אז דער פאַנאַנדערגעהן זיך, דער גט'ען זיך, איז געווען ניט מעהר ווי א קריגערייַ אזא, וואָס איז ביי זיי אנגעגאַנגען די אלע יאָהרען פון זייער צוזאַמענלעבען. מ'האָט זיך ארומגעריסען, און ס'איז געבלי־בען ווי געווען... איצט זיינען זיי אפּגעשיידט און פרעמד. און דאָך גלויבט זיך איהר ניט, אז אזוי איז דאָס טאַקע... ס'וועט זיין צוריק ווי געווען... ער וויל איהר בלויז וועה טאָן, ווי ער האָט דאָס אלע מאָל געטאָן... דאָס איז אזא להכעיס זיינער, ווי אלע מאָל... און ס'וועט איבערגעהן, ווי אלע מאָל... ס'וועט זיין צוריק ווי געווען... ער וועט צוריק קומען צו איהר מיט די קינדער, און ס'וועט שוין מעהר צו אזא זאַך ניט קומען... זי וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז עס זאָל אוועקגעהן אזוי ווייט...

גאָר אָפט לאָזט זי זיך אריין אין אזעלכע געדאַנקען, און רופט זיך אליין נאַר, און זי דערפיהלט ווי רייסען די פלייש פון זיך אויף דעם אומגליק איהרען. ווי אזוי האָט זי דאָס דערצו איינ־געשטימט?... פאַרוואָס האָט זי דערלאָזען ס'זאָל קומען דערצו?... זי איז ווערטה, מ'זאָל פון איהר שניידען שטיקער!...

זונטאָג, ביים ארויפגעהן צוריק אליין אין הויז, ברענט אין איהר א ווילדער כעס: אויף זיך, אויף איהם, אויף אלץ און אויף אלעמען... ער קומט זיך צופאָהרען, נעמט די קינדער און פאָהרט אוועק מיט זיי... גאָר נישט... ס'איז שוין גוט אזוי... איהם אַרט דען עפּעס?... גאָר ניט זיין עסק... אזוי ווי קיין זאַך וואָלט גאָר ביי זיי קיינמאָל ניט געווען... ער איז דאָך איהר מאַן... אפּגעלעבט צו־זאַמען יאָהרען, מ'האָט קינדער... קומט ער איינמאָל אין וואָך, נעמט זיך די קינדער און פאָהרט מיט זיי אוועק און פאַרטיג...

דער כעס ברענט זיך איבער און עס קומט א געוויין. נאָר זי וויל דעם געוויין פאַרשטיקען. נעהמט זי זיך צו עפּעס א הויז־ארבייט — אנטלויפען פון זיך אליין, אָפּנאַרען, פאַרטומלען איהר האַרץ. דער געוויין שפּאַרט זיך ארויף אין האַלז, אין די אויגען. ...י שטרענגט זיך אָן צו טאָן די ארבייט מיט מעהר חשק; נאָר זי ...קען די האַרץ איהרע ניט ביי־קומען: זי זעצט זיך אוועק און וויינט.

אנדערש איז זי געווען די קורצע ווײַלע פֿונ'ם גט ביז ער האָט חתונה געהאַט. דורך דער דאָזיגער שטיקעל צײַט האָט נאָך אין איהר אנגעהאַלטען דער כעס און דער האס צו איהם פֿאַר די זאַכען, וואָס האָבען צום גט געפֿיהרט. און וואָלט מען איהר דערמאָנט וועגען צוריק צוזאַמענקומען זיך מיט איהם, וואָלט זי זיך אויסגעלאַכט, אפשר אָפּגעזידעלט. זי האָט געגוג פֿון איהם געהאַט. אָהן כעס און אָהן האס האָט זי ניט געקענט טראַכטען אָדער רעדען פֿון איהם. זי האָט איהם ניט געזעהן און ניט געוואָלט איהם זעהן און פֿון איהם הערען. נאָר זיכער איז זי געווען, אז איהם איז ניט גוט, ער וואַלגערט זיך ארום אָהן א היים — ער אָהן א ריכטיגע היים — ס'וועט גיך ווערען פֿון איהם א תל. מיט אמאָל דערוויסט זי זיך, אז ער האָט גאָר חתונה געהאַט, געקראָגען א גאַנץ גוטע פֿרוי. און אָט די בשורה פֿון זײַן חתונה האָבען אָפּגעשוואַכט דעם כעס און האס צו איהם, דעם נקמה־געפֿיהל צו איהם, און ס'איז לעבעדיג געוואָרען עפּעס, וואָס איז געווען פֿארשטיקט אונטער'ן כעס און האס — א האָפֿנונג, א פֿארלאַנג ווידער צוזאַמענצולעבען, ווי געווען. דער גט איז געווען ניט מעהר ווי א צוקריגען זיך אזא, וואָס איז א סך, א סך מאָל בײַ זיי פֿאָרגעקומען, און ס'איז אלע מאָל געבליבען ווי געווען... און ער איז ניטאָ. ער קומט ניט... זי הערט, אז איהם איז ניט שלעכט. ער האָט א גוטע היים און לעבט זיך גאַנץ פֿײַן. און דער אָפּטער ווײַנען איהרער אויף איהר לעבען, איז אויך געווען א ווײַנען אויף דעם, וואָס איהם לעבט זיך גוט... זי זעהט איהם זונטאַג, אויף א מינוט, פֿון ווײַטען — ס'דוכט זיך איהר, אז ער איז גאָר העכער געוואָרען...

איהם איז גוט. און זי איז אליין. וואָלט ער כאָטש געהאַט צרות, ער וואָלט אויסגעזעהן שלעכט, ער וואָלט זיך ארומגעוואַלגערט, ער וואָלט ניט געלעבט גוט מיט זײַן ווײַב — וואָלט איהר גרינגער געווען. אבער איהם איז גוט. און זי איז אליין. און וואָס קען זי איהם דען טאָן? ווי אזוי קען זי דען נוקם זײַן זיך אן

איהם?... די קינדער... ער האָט שטאַרק ליעב די קינדער. זי וועט פון איהם ניט נעמען די געלט, וואָס ער צאָהלט אלע וואָך פאַר די קינדער. זי וועט ארבייטען און אליין אויסהאלטען די קינדער — וועט דאָס איהם קרענקען... נאָר ווי קען זי דאָס טאָן? איבער־לאָזען די קינדער אין דער פרעמדער און געהן ארבייטען? זי קען נאָר ניט פארדינען גענוג אויסצוהאלטען זיך מיט די קינדער. און דאָס וועט אפשר גאָר ניט זיין אזא שווערע שטראָף פאַר איהם: דערווייל וועט דאָך ביי איהם בלייבען אלע וואָך די געלט... פאַר וואָס קומט דאָס איהם!... פאַלט איהר גאָר אין מיטען דערינען איין צו פאָדערען פון איהם מעהר געלט... און הלואי ענטזאגט ער זיך אין גאנצען צו געבען געלט פאַר די קינדער, וועט זי האָבען צוליעב וואָס זיך צו טשעפּען צו איהם, פארשאַפען איהם צרות... זי קען ניט דערלאָזען איהם זעהן די קינדער... אָבער אויך דאָס קען זי ניט טאָן: דער פיהרען די קינדער צו איהם און צוריק, ווייזט איהר, זאָגט, רעדט איהר איין, אז זיי זיינען נאָך ניט אין גאנצען פונאנדערגעריסען... עפּעס זיינען זיי נאָך פאָרט „צו־זאמען“... זי קען די קינדער ניט לאָזען געהן צו איהם אהיים: ער קען זיך מיט זיי זעהן ערגעץ אנדערש; זיי קענען געהן אין פּארק, צו מואווינג פּיקטשורס — אָבער ניט צו איהם אהיים — דאָס וועט איהם וועה טאָן. אָבער אויך דאָס קען זי ניט טאָן: זי וויל דורך די קינדער וויסען, וואָס „דאָרטען“ קומט פאָר, וואָס עס טוט זיך ביי „זיי“... איהר ווילט זיך אזוי וויסען... וויפיעל מאָל זי האָט זיך ניט צוגעזאָגט און פארשוואָרען, ניט צו אינטערעסי־רען זיך, ניט צו וועלען וויסען, וואָס דאָרט, ביי איהם אין דער היים, קומט פאָר, קען זי דאָס ביי זיך ניט אויספיהרען. און יעדען מאָל, וואָס די קינדער גיבען איהר אָפּ גרוסען פון „דאָרטען“, קלאַפּט אין הארצען ביי איהר ווי מיט א האַמער און איהר געזיכט איז טויט־בלאס, און זי פרעגט ווייטער און וויל ארויסקריגען מעהר און מעהר. קיין וויכטיגע זאכען קען זי דורך די קינדער ניט דערגעהן. זיי זיינען נאָך קליין — זיבען און פינף יאָהר אַלט. אָבער וואָס ס'איז נאָר מעגליך, קריגט זי פון זיי ארויס.

זי איז אוועק פון פענסטער, צוגעגאנגען צום שפיגעל, באַ־קוקט איהר געזיכט, אויסגעגלעט די האָר. זי איז אַראָפּ אויפ'ן גאַס, צוגעגאנגען ניט ווייט פון קאַרנער און געקוקט אהין, פון וואַנען די קאַר דאַרף אָנקומען. א קאַר איז אנגעקומען און פאַר־ביינגעפאָהרען. מיט די צווייטע קאַר זיינען זיי אנגעקומען. ער איז אַרויס פריהער; דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען די קינדער, אַרויפגעפיהרט זיי אויפ'ן סיידוואָק, געקושט זיי און זיי נאָכגע־קוקט ביז זיי זיינען צוגעקומען צו איהר. דערנאָך איז ער אַרי־בער אויף דער אנדער זייט גאַס, וואַרטען אויף א קאַר צו פאָהרען צוריק אהיים.

זי האָט זיך ניט געאיילט. מיט לאַנגזאַמע טריט איז זי גע־גאַנגען צום הויז... ניט געקענט געהן... געפיהלט איהם דאָ ניט ווייט פון איהר... דער האַמער קלאַפּט שוין אין איהר האַרץ, איהר געזיכט איז שוין טויט־בלאַס... ווי אלע זונטאג, האָט זיך איהר היינט אויסגעוויזען, אז וואָס־ניט־איז, עפּעס וועט פּאַרקומען, ווען זיי וועלען זיך זעהן... אָט איז זי שוין ביים טיר פון איהר הויז...

אַרויפקומענדיג אין הויז מיט די קינדער, איז ניטאָ אין איזור קיין ברענענדיגער כעס ווי מיט עטליכע שעה פריהער, ווען זי קומט אַרויף אליין אין הויז, ווען די קינדער זיינען אוועק מיט איהם. זי האָט געבענקט נאָך די קינדער; זי פרעהט זיך, וואָס זיי זיינען דאָ צוריק — איז עפּעס אין דער ווייטע קיין אָרט ניטאָ אין האַרץ פאַר כעס.

די קינדער, א אינגעלע און א מיידעלע, זיינען שטאַרק אויפ־גערוימט, פרעהליך. זיי האַלטען פעקלאַך שאָקאָלאַד אין די הענט־לאַך. זיי זיינען שטאַרק באַגייסטערט פון זייער ברודער'ל, מעקסי, ביים פּאָטער אין הויז. טאַנטע ליזע — דעם טאַטענ'ס ווייב — האָט זיי געגעבען קענדי און קייק און קאַפּע.

— וואָס האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט? — פרעגט זי.

די קינדער קענען זיך ניט דערמאָנען, וואָס דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט. ער האָט גערעדט און געזאָגט א סך זאַכען. זיי ווייסען

ניט, וואָס איבערצוזאָגען. די מאַמע מיינט אָבער, אויב דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט עפּעס וועגען איהר... אלע מאָל, ווען די קינדער קו־מען צוריק פון זייער פּאַפּאַ, דוכט זיך איהר, אז ער האָט אנגע־זאָגט די קינדער איהר איבערצוגעבען עפּעס.

— וואָס האָט דער פּאַפּאַ געפרעגט?

אויב ער האָט געפרעגט עפּעס, מוז דאָך דאָס זיין וועגען איהר, וועגען די הויז... ער האָט איהר דערמאָנט...

די קינדער געדענקען אָבער גאָרנישט.

די מאַמע פרעגט ווייטער. ס'ווילט זיך איהר וויסען וועגען „איהר", וואָס זי האָט געטאָן, וואָס זי האָט געזאָגט. אָבער גאָר ווייניג קען זי דערגעהן. די קינדער ווייסען נאר און גיבען איבער מיט באַגייסטערונג פון די גוטע זאכען, וואָס טאַנטע ליזע האָט זיי געגעבען און וואָס פאר א שעהנע בייבי זייער ברודער'ל מעקסי איז.

דער מאַמען פאַלט איין צו זאָגען די קינדער, אז די בייבי איז ניט זייער ברודער'ל... נאר זי וויל ניט, אז זיי זאָלען נעמען שטעלען פראַגען.. זיי פרעגען שוין גענוג... אנאַנדערש מאָל וועט זי זיי זאָגען...

זי נעמט זיך מאַכען פאר די קינדער עסען. סאַפּער טאָרען די קינדער דאָרטען ניט עסען. זי וואָלט אייגענטליך געוואָלט אויספיהרען, אז די קינדער זאָלען דאָרטען גאָרנישט נעמען, קיין זאַך ניט פארזוכען... קען זי דאָס ניט טאָן די קינדער — א רחמנות: מ'וועט זיי אָנבאָטען נאַשערייען, און זיי וועלען ניט טאָרען נע־מען. אָבער סאַפּער — ניט!... דאָרטען איז ניט זייער היים... און זאָלען זיי דאָס דאָרטען וויסען...

אז די קינדער זיינען שוין געזעסען ביים סאַפּער, איז זי אריין אין שלאָפצימער און זיך געלייגט אויפ'ן בעט. זי האָט געוויינט. מעהר אויף „דאָרטען" האָט זי געוויינט, ווי אויף זיך... און וואָס'־ערע געדאַנקען האָבען זיך אין איהר צוזאַמענגעפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע: זיכער איז זי, אז „דאָרטען" איז ער און פאַר־בלייבט... און ער וועט נאָך קומען... יענע קען קראַנק ווערען און

שטארבען... וועט ער בלייבען מיט א קינד... וואוהין וועט ער געהן?... איהר ארט ניט, זי וועט אפילו צונעמען דעם קינד... ער וועט דאך מוזען קומען... וואו וועט ער זיך ארומשלעפען מיט א קינד?... ער וועט יענע איבערלאזען און קומען צו איהר... ער האט דאך אזוי ליעב די קינדער... זיי זיינען דאך די „אמת'ע" קינדער... וועט ער איבערלאזען יענע מיט'ן קינד און קומען צו איהר... דער קינד וועט שטארבען... וועט ער קומען צו די קינדער דא... און זי וויים, אז זי טראכט נארישע געדאנקען... זי האט איהם מעהר ניט... ער איז דארטען און איהם איז גוט... ער וועט שטארבען... וועט יענע בלייבען אליין מיט א קינד... זי אליין וועט שוין זעהן איהרע קינדער צו פארזארגען... ער וועט ניט זיין דארטען מעהר מיט איהר... ס'איז געווען ניט מעהר ווי א קריגערייי ביי זיי... ער וועט צוריקקומען... ווי קען דאס זיין?... ווי אזוי?...

א שלעכטע מאמע

דורך דער צייט פון מיטאָג־עסען האָבעןביידע טעכטער געזוכט אריבערצושטייגען איינע די אנדערע אין זייער גוטסקייט צו דער מאַמען. מען האָט דער מאמען ניט געלאָזט אויפהויבען זיך פון טיש. די טעכטער זיינען זיך איינע די אנדערע פארלאָפען דעם וועג צו ברענגען פון קיך די געריכטען צום טיש. דערנאָך האָבען זיך ביידע געכאפּט אראָפּנעמען פון טיש און מ׳האָט זיך געשטעלט וואַשען די געפעס.

די מאמע פארשטעהט, וואָס איהרע טעכטער׳ס גוטסקייט מיינט און זי האָט צו זיך געשמייכעלט. געלאָזט זיי טאָן די ארבייט. די גוטסקייט זייערע האָט זיך געצויגען נאָך פון פריער, ווען מ׳האָט צוגעגרייט, געקאָכט דעם מיטאָג.

די טעכטער זיינען נאָך גאָר יונגינקע ווייבעלאַך. די עלטערע איז ערשט איין און צוואנציג יאָהר; די אנדערע — נאָך קיין פולע צוואנציג ניט, און זיי זיינען שוין אליין מאַמעס פון קינדער. איינער׳ס קינד איז אנדערהאלבען יאָהר אלט; דער אנדערערם — נאָך קיין פולען יאָהר ניט. די צוויי טעכטער זיינען די יינגסטע, ס׳זיינען נאָך דאָ אין הויז באַיעס, עלטערע פון זיי. נאָר זיי האָבען גאָר יונג געקראָגען חתנים און חתונה געהאַט.

דאָס רוב זונטאגס מאכען זיך די ווייבעלאך א יום טוב און לאָדען זיך אליין איין ביי דער מאַמען צו מיטאג — פארשפּאָרט מען דערווייל צו האָבען צו טאָן מיט׳ן איינקויפען און קאָכען. אז עס וואָלט זיך געווענדט אָן זיי, די טעכטער, וואָלטען זיי זיך געמאכט אזעלכע יום טובים׳לאך אפילו אין מיטען וואָך אויך; נאָר די מאַמע איז זיי מוחל דעם כבוד. זי זאָגט זיי, אז זיי זיינען זיך באַליבאָסטעס פאר זיך, זאָלען זיי זיך אליין קאָכען אין זייע־

רע היימען. זי, די מאמע, האט געגוג וואס צו טאן אחן זיי. אין א זונטאג איז אבער אנדערש. זונטאג זיינען אלע דא אין הויז; מ׳קאכט מיטאג פאר דער גאנצער פאמיליע. קויפט מען שוין מעהר און מ׳עסט אלע צוזאמען. מיט די געלט רעכענט מען זיך שפעטער אויס. זיצט די גאנצע משפחה ארום טיש, די צוויי קליינינקע אייניקלאך צווישען אלעמען און מ׳פארברענגט גאנץ פיין — אמת׳ער נחת. אלע ווילען נעמען די קליינע צו זיך. זעהר לאנג שוין ניט געווען אין הויז קיין קליינע קינדער, און ווען די אייניקלאך געפינען זיך אין הויז, זיינען אלע צו׳שמחה׳ט. די באבע מיט׳ן זיידען מאכען זיך נארישער פון אלעמען — אזוי ווי דאס וואלט ביי זיי די ערשטע קינדער געווען. מ׳רעדט אלער־ליי נארישע רייד, ווי א יונגע פאר פאלק, וואס זיינען ערשט טאטע־מאמע געווארען.

אזוי געהט אוועק אין נחת דער פארמיטאג, דורכ׳ן מיטאג און א ווײלע דערנאך.

באלד נאכ׳ן עסען צוגעהן זיך די באיעס פון הויז. ס׳בלייבען איבער זיידע און באבע, די צוויי טעכטער, מיט די אייניקלאך און די איידעמס.

אז אין הויז איז שוין צוגעקליבען, די געפעס אפגעוואשען און אוועקגעשטעלט אויף או ארט, הויבען אן די טעכטער:

— מאמע...

— מאמע...

די מאמע ווייס, וואס זיי ווילען און אלע איבעריגע אין הויז ווייסען. נאר די מאמע קעהרט זיך אוועק פון זיי, וויל זיי אפילו ניט ענטפערען.

די טעכטער ווייסען אייגענטליך ביי זיך, אז עס וועט זיי ניט העלפען דער בעטען, נאר זיי קענען ניט אפלאזען און בעטען:

— מאמע...

— מאמע...

די ווייבלאך זיינען יונגינקע, לעבעדיגע, ווילט זיך זיי אבי־סעל געניסען פון דער וועלט. פאר דער חתונה איז מען געווען

פריי, איז מען אלע ווײלע געלאָפען צו „שאָוס“, צו טענץ און צו אנדערע פארגעניגענס. אויך נאָך דער חתונה האָט מען ניט אפּגעלאָזען — ביז ס'איז געווארען שפּעטלאָך, מ'האָט געדארפט מאַמעס ווערען און מ'האָט מעהר ניט געקענט געהן. דערנאָך איז מען געפּענטעט געווארען מיט בייבים און מ'האָט זיך שוין אין גאנצען ניט געקענט פון אָרט זיך ריהרען. אבער וועלען ווילט זיך זיי נאָך זעהן א „שאָו“ און טאקע א טאנץ טאָן אויך. מיטנעמען די בייבים אין אזעלכע ערטער קען מען ניט, ווילען זיי, אז די מאמע זאָל „היטען“ די קינדער ביז זיי וועלען צוריק־קומען. און זיי קענען דאָס ביי דער מאמען קיינמאָל ניט אויספיהרען. די מאמע וויל ניט ווערען זייער ניאנקע. די מאמע האלט זיך נאָך אליין אויך פאר א שטיקעל מענש און וויל ניט ווייזען די טעכטער איהרע, אז זיי קענען אנווארפען אויף איהר זייערע קינדער און אליין אוועקגעהן זיך אמוזירען. און דערצו וויל זי, אז די טעכטער זאָלען וויסען, אז זיי האָבען שוין אפּגעטאנצט — יענע צייט איז שוין אוועק. איצט זיינען זיי באליבאָסטעס, האָבען מאנען און קינדער, און זאָלען זיי זיך מיט זיי האלטען. זיי קענען זיך נאָך איינרעדען, אז זיי זיינען נאָך מיידעלאָך... די מאמע קען די טעכטער איהרע: זיי וואָלטען נאָך אפילו היינט אפּגעלעגען גאנצע טעג ביי שאָוס און ביי טענץ...

בשעת ס'איז געווען איין אייניקעל, האָט די באָבע נאָך אמאָל געלאָזט די טאָכטער געהן אויף א ווײלע און אליין זיך געהאלטען מיט'ן קינד. אָבער זייט ס'איז געקומען דער צווייטער אייניקעל, און די אנדערע טאָכטער האָט אויך אָנגעהויבען וועלען, אז די מאמע זאָל האלטען איהר קינד, איז געווארען אין גאנצען אויס! נאָר די טעכטער הערען ניט אויף בעטען:

—מאָמע...

—מאָמע...

— געהט זיך אייך, קינדער, אהיים, אדער איהר קענט זיך זיין דאָ געזונטערהייט, אויב איהר ווילט. אבער לאָזט מיר צורות. כ'וויל זיך גאָר א ווײלע צולעגען...

— כ'בין שוין אזוי לאנג ניט געוועזן צו א שאָו...

— מיר'ן באַלד צוריקקומען.

— אפשר וויל איך גאָר אליין געהן צו א שאָו? פרעגט זיי די מאַמע. — לאָזט מיר צורוה און דרעהט מיר קיין קאָפּ ניט!

און די מאַמע דרעהט זיך אוועק פון זיי.

דער טאַטע איז שוין וויכער, און אז די טעכטער „פאַרקוקען זיך" זיי זיינען א ווײלע ניטאָ אויף די אויגען, זאָגט ער צו דער אלטער:

— זאָלען זיי געהן. וואָס אַרט דיר, אז זיי וועלען געהן אביסעל?

— מיר אַרט! האָסט שוין פאַרגעסען, ווער זיי זיינען? כ'דאַרף זיי טאַקע ווייזען א וועג, אז זיי קענען אוועקגעהן האָבען גוד טאַימס און איבערלאָזען ביי מיר די קינדער...

— איכ'ל זיך דאָ שפּילען מיט זיי. ס'איז דאָך ניט אלע טאָג. וואָס אַרט דיר?

— זאָלען זיי זיך אליין שפּילען מיט זייערע קינדער.

די טעכטער פאַרשטעהן, אז זייער וויטערער בעטען וועט זיין ארויסגעוואָרפען, ווערט מען „אָנגעבלאָזען", ברוגז און מ'נעהמט זיך קלייבען אהיים.

די צוויי איידעמס זיצען און וואַרטען צו זעהן וואָס דאָ וועט זיין. איינער פון די איידעמס געוועלטיגט איבער דער ווייב, אַרט איהם ניט צי די ווייב וועט עפּעס אויספיהרען ביי דער מאַמען, צי ניט: ער וועט סיי ווי סיי געהן. ער וועט זונטאָג אין דער היים ניט זיצען. איהם ווילט זיך גאָר, אז די ווייב זאָל ניט אויספיהרען ביי דער מאַמען, וועט ער געהן אָהן איהר, וועט נאָך זיין פרעהליכער. שרעקט ער זיך, אייגענטליך, טאַמער פירט די ווייב יע אויס. דער אנדער איידעם איז אונטער דער הערשאַפט פון דער ווייב, און אז זי וועט ניט געהן, וועט זי איהם אויך ניט לאָזען געהן. העלפט ער אביסעל אונטער דער ווייב, וואַרפט אריין א וואָרט, א חניפה'לע דער שוויגער, שיקט אונטער דעם שווער פאַר א מליץ יושר.

די טעכטער נעמען צוגרייטען די בייבים צו געהן אהיים. די

ליפּען בייביידען זיינען פארקוועטשט. מ'שווייגט און ביידע טראכטען זיי, אז זיי האָבען די ערגסטע מאמע. אָפּרעכענען זיך מיט דער מאמען קענען זיי ניט — די מאמע בעט ביי זיי קיין טובות ניט; פארקערט, זיי קומען גאָר אַלע ווייַלע צו דער מאַ־מען נאָך עפּעס א טובה. ווילען זיי כאָטש נקמה נעמען מיט דעם, וואָס זיי וועלען ארויסגעהן פון הויז אָהן א „גוד באַי“ — די מאמע זאָל ניט קענען קושען די בייבי ביים אוועקגעהן. זיי ווייסען דאָך, אז די מאמע „געהט אוים“ נאָך די קינדער, רייסט שטיקער פון זיי. און אין זייערע הערצער קוועלען די טעכטער דערפון, און יעדע איינע פון זיי היט דער מאמען, טאָמער קושט זי מעה־דער און שטארקער יענע'ס בייבי, ניט איהרע... ווילען זיי איצט נקמה נעמען דערמיט, וואָס זיי וועלען אוועקגעהן „אזוי“ — ניט לאָזען קושען די קינדער. נאָר ווער פרעגט ביי זיי? די מאמע נעמט אוועק די קינדער פון זיי. פריהער איין בייבי, קושט עס שטאַרק אָן און גיט עס איבער דעם זיידען; דערנאָך די אנדער בייבי; דערנאָך געהן די בייבים צוריק פון זיידען צו דער באָבע'ן. זיי קענען זיך ניט זעטיגען.

די טעכטער מיט די איידעמס מיט די בייבים געהן אוועק.

— א רחמנות — זאָגט דער זיידע — יונגע קינדער, זיי ווי־לען זעהן א וועלט.

— איך קען זיי בעסער, ווי דו — ערקלעהרט די באָבע דעם זיידען. א סך געזינטער פאר זיי אזוי. זיי מיינען דאָך, אז זיי זיינען נאָך מיידעלאך. אַלע טאָג וואָלטען זיי געלאָפען צו שאָום און צו טענץ, אז מ'וואָלט זיי נאָר געלאָזען.

— אָבער אמאָל, אין א זונטאָג.

— ניטאָ, גאָר ניט!

— פעני'ן האָט מען געדאַרפט לאָזען געהן — זאָגט דער זיידע, אביסעל פארזאָרגט — ווער ווייס, וואו דושאָו שלעפּט זיך ערגעץ ארום און זי מוז אליין ליגען אין הויז מיט'ן קינד.

— פאר וואָס איז זי אוועקגעגאנגען אָן אָנגעבלאָזענע? כ'האָב איהר געהייסען פארבלייבען דאָ מיט'ן קינד! פאַרוואָס האָט זי

ניט געפֿאָלגט? — זאָגט די מאַמע אי מיט כּעס, אי מיט רחמנות אויף פּעני'ן.

פּעני איז די טאָכטער, איבער וועלכער דער מאַן הערשע־וועט. ער געהט אוועק אליין פֿאַרברענגען, קוקט זיך גאָר ניט אום אויף דער ווייב. און וועגן פּעני'ן איז די מאַמע ניט רוהיג. זי קען איהר אבער ניט העלפֿען. זי האָט שוין אַמאָל „צוגעהאַל־טען" פּעני'ס קינד און געלאָזט איהר געהן זונטאָג מיט'ן מאַן — האָט די צווייטע טאָכטער גענומען וויינען און קלאָגען: — מיט וואָס האָט זי זיך דאָס אַזוי פֿאַרזינדיגט, האָט זי געוואָלט וויסען. איז געוואָרען אין גאַנצען אויס.

— ווער ווייס וואו דזשאָו שלעפּט זיך אַרום אליין אַלע זונ־טאָג... — זאָגט דער טאַטע.

— ב'קען איהם ניט צובינדען — זאָגט די מאַמע. נאָר ביי זיך ווייס זי, אַז אַביסעלע וואָלט זי געקענט העלפֿען, אַז זי וואָלט נאָר געוואָלט.

— זיי זיינען אוועק אין כּעס — זאָגט ווייטער דער טאַטע.

— דערפֿאַר האָב איך קיין מורא ניט. זיי וועלען זיך איבער־בעטען.

און ס'איז אמת. לאַנג זיינען די טעכטער ניט אין כּעס. מאָר־גען זיינען זיי ווידער דאָ. און אַז עס קומט ערב זונטאָג, הויבען זיי אָן שרייפֿען וועגען עסען דינער אַלע צוזאַמען. און זיי פֿאַר־געסען, וואָס יענעם זונטאָג איז געווען, און מיינען, אַז היינט וועלען זיי דאָך עפּעס אויספֿיהרען ביי דער מאַמע. דערנאָך געהן זיי ווידער אוועק „אַנגעבלאָזענע".

דער גרויסער העלד

1

זייערביידענס אויסזעהן פאסט זיך ריכטיג צו דעם סארט לעבען, וואס זיי פיהרען. ער איז א הויכער, גרויסער, שטארקער. זי — א קליינע, דארע, איינגעפאלענע. אזוי ווי צוגעפאסט, אז ער זאל זיין דער הערשער, און זי די באהערשטע. און אזוי ווי ביי זייער ערשטען באקענען זיך האט ער גערעדט און געמוזט רעדען צו איהר פון אויבען אראפ, ווייל ער איז אזוי גרויס און זי אזוי קליין — אזוי האט ער דערנאך, דורך דער צייט פון זייער צוזאמענלעבען, גערעדט צו איהר אראפ; דאס הייסט, די עטליכע ווערטער, וואס ער פלעגט אמאל אויסרעדען צו איהר, וואָרים זעהר ווייניג האט ער גערעדט צו איהר דורך דער צייט פון זייער צוזאמענלעבען. ער האט געהערשט שווייגענדיג איבער איהר און די קינדער.

צווישען מענשען, אין רעסטאראן, ביי זיין באשעפטיגונג, אויפ'ן גאס, איז ער א גוטמוטיגער, שמייכלענדיגער, רעדעוודיגער מענש. אבער אין הויז ביי זיך, צווישען ווייב און קינדער, איז ער שוין גאר אנאנדערער. אלעמאל מיט'ן שטרענגען פנים אויף זיך, אלע מאל אהן לשון; בלויז געצעהלטע ווערטער, די נויטיגסטע, וואס ער מוז זאגען. ער מעג שטעהן מיט אימיצען דרויסען, פאר זיין הויז, רעדען און לאכען, איז ווי נאר ער צושיידט זיך מיט יענעם און נעהמט געהן ארויף די טרעפ צו זיך אין הויז אריין, איז ער שוין א פארביטענער — דער פנים איז שוין אנגעכמורעט, עפעס אזוי ווי ער וואלט פון א לויה געקומען.

די ווייב איז שוין צוגעוואוינט. זי קען ניט זאגען, אז ער איז א שלעכטער, א טיראן צו איהר; ער איז צו איהר אפילו ניט „גראב“. ער איז נאר ווייט פון איהר. ווייס זי שוין, אז אזוי

איז דאָס און אזוי וועט דאָס פאַרבלייבען. איהר איז ניט גוט, דאָס איז אמת, אבער זי ווייס, אַז אַט דער גרויסער, הויכער, פּרעמדער צו איהר איז פאַרט איהרער. און דורך זיין ווייטקייט פון איהר, זיין פרעמדקייט, האָט זי איהם אליין גרעסער געזעהן און גע'יחוס'ט זיך אינעווייניג ביי זיך מיט דעם, וואָס דער גרויסער, דער שטאָלצער איז פאַרט איהרער. און דורך דעם איז אויך די הויז, די היים איהר אַלץ טייערער, ציטעריגער, אַלץ הייליגער געוואָרען. עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געזוכט צו זעטיגען איהר באגעהר צו זיין נאָהענט צו „איהרען", דעם שטאָלצען און פרעמדען, אריינטאָן, אריינלעבען אין הויז, אין היים.

די קינדערלאך ווייסען, אַז צוקומען צום טאַטען קען מען נאָר בשעת דער טאַטע רופט; און מ'מוז פאַר איהם שטעהן גלייך, ווי א גרויסער מענש; און ענטפערען נאָר וואָס דער טאַטע פרעגט. מעהר ניט, און אויך דאָס קומט פאַר זעלטען.

צוליעב זיין באַשעפטיגונג קומט ער אהיים שפּעטלאך אין אבענד, ווען די איבעריגע אין הויז האָבען שוין זייער סאָפּער אָפּגעגעסען, און ער עסט אליין. צוזאמען מיט זיין ווייב און קינדער זיצט ער ביים טיש נאָר א זונטאג, א יום טוב. איז דאָס ביי די קינדער א קנאַפּער יום טוב. אליין, אָהן טאַטען, זיצט מען ביים טיש פריי, מ'באַנעהמט זיך ווי מען וויל, מ'לאַכט, מ'שטיפּט אונטער. ניט אזוי א זונטאג אדער א יום טוב, ווען דער טאַטע זיצט ביים טיש — מ'מוז זיצען שטיל און שטייף, ווי ביי א פרעמדען טיש.

די מאַמע איז א בעסנ'טע. ווי נאָר עפּעס — באַלד דערלאַנגט א קלאַפּ, א פּאַטש. נאָר די קינדער האָבען פאַר איהר קיין מורא ניט. אין דער זעלביגער מינוט פאַרגעסט מען דעם קלאַפּ, דעם פּאַטש און מ'טוט ווידער וואָס מ'וויל. דער טאַטע שלאָגט ניט די קינדער, ריהרט זיי קיינמאָל ניט אָן מיט א פינגער, און מ'האָט פאַר איהם מורא, מ'ציטערט פאַר'ן טאַטענ'ס א קוק.

און עס ווייזט זיך אויס, אַז זי, די ווייב, ווערט אַלץ קלענער, און ער אַלץ גרעסער, העכער, דורך דער צייט, וואָס זיי געפינען

זיך אין איין הויז. און זי איז שוין אזוי קליין, ווי דער עלטסטער קינד, וואס איז אין גאנצען א יאהר עלף. ער איז ניט פיעל צו־זאמען אין הויז מיט זיין ווייב און קינדער, אבער אין דער ווילע, וואס ער געפינט זיך צווישען זיי, ווייזען די ווייב און קינדער אוים ווי עפעס קעצעלאך ארום א מענשען.

ער קומט אין הויז אלע אבענד צו דער באשטימטער צייט. די קלענערע קינדער ליגען שוין אין די בעטען. מאכט זיך אמאל, אז זיי שלאפען נאך ניט, כאפען א שטיעף אין די בעטען. דערקענען זיי שוין אבער דעם טאטענ'ס עפענען און צומאכען די טיר, ווערט איבערגעריסען די שטיפעריי און געלעכטער. זיי בלייבען שטיל, זיי ליגען א ווילע מיט אפענע אויגען און ווערען אנשלאפען. די עלטערען קינדער, וואס זיינען נאך ניט אין די בעטען, לאזען אראפ די נעזער, בשעת דער טאטע קומט אריין — זיי נעמען זיך דרעהען ארום דער מאמען אין קיך.

ער עסט זיין סאפער, לייענט זיין צייטונג; און ער אליין איז אויך ווי א פרעמדער אין הויז; עפעס ווי איינער, וואס האט דא מיט קיינעם קיין שום עסק ניט; קוקט ארום זיך מיט א פרעמדען, קאלטען קוק. לעזט דורך זיין צייטונג און געהט שלאפען. ער האט ניט מיט דער ווייב וואס צו פארברענגען אדער וואס צו דערצעה־לען איהר. ווענען זיין באשעפטיגונג, וואס עס טוט זיך מיט איהם אויסערען הויז, זאגט ער איהר אודאי קיין ווארט ניט. די „הויז" ווערט געפיהרט אויף איין שטייגער, ווי ער האט איינגעפיהרט, דאס מיינט, אלץ ווי ער וויל, און זי ווייס שוין, ווי ער וויל, און זי קען צו איהם מיט קיין שום פלענער ניט קומען.

נאר דאך מיינט זי נאך אלץ ווען ניט איז, אז זי האט און דארף איהם עפעס זאגען, זאגען איהם איהר מיינונג און פלאן ווע־גען עפעס גאר א וויכטיגע הויז־אנגעלעגענהייט, ווען מ'מוז עפעס קויפען א נויטיגע זאך אין הויז אריין, אמאל ווענען א קינד, ווע־גען א נייע דירה — פארשיידענע וויכטיגע, נויטיגע זאכען פאראן אין א היים, וועגען וועלכע זיך דורכצורעדען. ווייסט זי, אז איהר פרובירען רעדען מיט איהם איז אן ארויסגעווארפענע ארבייט, און

זי וואָלט וועלען דאָס דורכלאָזען, זיך ניט „מיאוס מאכען“. אבער זי קען זיך פאָרט ניט איינהאלטען. זי געהט צו צום טיש, ווען ער האָט געענדיגט עסען, זעצט זיך אוועק און זאָגט איהם, וואָס זי מיינט, אַז זי מוז איהם זאָגען. ער נעהמט אוועק די אויגען פון דער צייטונג. נאָר איהר קוקט ער ניט אָן; ער בויגט בלויז צו איהר צו אַ זייט קאָפּ מיט אַן אויער, וואָס מיינט: אָפּ׳פּטר׳ן, אויסהערען, וואָס זי האָט צו זאָגען און זאָל זי אוועקגעהן.

זי רעדט.

ער מאכט מיט איהר קורץ:

— ס׳וועט רעכט ווערען.

אָדער:

— מ׳וועט זעהן.

אָדער:

— כ׳ווייס ניט.

אָדער:

— ניט היינט, אַן אנדער מאָל.

נאָך אנדערע אזעלכע אפגעהאקטע עטליכע ווערטער.

אמאָל, אַז זי מיינט, אַז עס איז זעהר וויכטיג, קען זי נאָך ניט אוועקגעהן און בלייבט זיצען. ער האָט שוין די זייט קאָפּ מיט׳ן אויער פון איהר אוועקגענומען; זיינע אויגען זיינען שוין צוריק אין צייטונג. אפשר ווייס ער שוין ניט מעהר, אַז זי געפינט זיך נאָך לעבען איהם. זי איז ניט בייז, ניט אין כעס, נאָר גלאַט אזוי דערשלאָגען; הויבט זיך אויף און געהט אוועק.

און אמאָל מיינט זי, אַז עס וועט זיין בעסער צו פּרובירען רעדען מיט איהם וועגען דער וויכטיגער זאַך אין דער פריה, איי־דער ער געהט אוועק פון הויז. אין דער פריה לעזט ער ניט קיין צייטונג נאָכ׳ן עסען, און אין מיטען עסען וויל זי צו איהם ניט געהן נעהמען רעדען. וואַרט זי. זי זעהט ער ווערט פאַרטיג צום וועקגעהן. זי וואַרט נאָך אַלץ. ערשט, אַז ער געהט צום טיר, אַז עס איז שוין באַלד צו שפּעט, קומט זי צו איהם צו.

ער בלייבט שטעהן. שטעלט אָן צו איהר אַן אויער.

זי רעדט, נאָר ער לאָזט איהר ניט דעררעדען.

— גראָד איצט מוזטו דאָס וויסען!

אָדער:

— ס'איז שוין שפּעט!

אָדער:

— כ'האָב וויכטיגערע זאַכען.

אָדער:

— לאָז מיר איצט צורוה, כ'דאַרף געהן.

אנדערע אַזעלכע רוגז'דיגע עטליכע ווערטער, און ער געהט אַרויס.

זי האָט פריהער געוואוסט, אַז עס וועט זיין אַזוי.

מ'וויס אין דער וועלט פון דעם לעבען זייערען. און מענשען נאַאיווע וואונדערען זיך, ווי אַזוי האָבען אַזעלכע געקענט האָבען קינדער.

2

האָדעווען זיך די קינדער אין הויז און זיי ווייסען, אַז דער טאַטע איז אַלץ און די מאַמע — גאָר נישט. פאַר זיי איז דאָס אַזוי קלאָר. דער טאַטע איז גרויס און הויך און דיק. די מאַמע איז קליין, צוזאַמענגעפאַלען. דער טאַטע איז אַלע מאָל שעהן אָנגעטאָן. די מאַמע טראָגט שטענדיג דיזעלביגע קליידעל. זיי ווייסען פון דעם טאַטענ'ס גאָלדערנעם זייגער מיט די קייט אויפ'ן וועסט און פון דעם דימענטענעם רינג אויפ'ן פינגער. דער טאַטע האָט „סוטס", וואָס הענגען באַזונדער אין אַן אַלמער, און מ'טאָר דאַרפען קיין זאַך ניט אריינהענגען, און מ'קען דאַרטען אפילו ניט אַריינקוקען — דער אַלמער איז פאַרשלאָסען, און דעם שליסעל האָט דער טאַטע ביי זיך אין קעשענע אין אַ בינטעל צוזאַמען מיט נאָך שליסלען. און אויבען אין אַלמער, איבער די „סוטס", ליגען דעם טאַטענ'ס העמדער, מיט אנדערע וועש און „טייס" מיט קאָלנערס. אַז די מאַמע פרעסט אויס דעם טאַטענ'ס וועש, לעגט זי עס אַוועק אויף אַ שטול לעבען אַלמער, און דער טאַטע נעמט

עם דערנאָך פון שטול און לעגט עם אַרויף אויבען אין אַלמער. אַזוי פיעל ווייסען די קינדער פון דעם טאַטענ'ס אַלמער. זיי קענען דעם אַלמער גאָר פון דער דרויסענדיגער זייט, וואָרים אינעווענינג איז זיי קיינמאָל ניט אויסגעקומען אַריינצוקוקען — אַ פאַרמאַכטער, פאַרשלאָסענער אָרט, וואָס דערצעהלט פון טאַטען. דעם גאַנצען טאָג איז דער טאַטע ניטאָ, אין הויז איז פרעהליך און פריי, מאַכט זיך, מ'דערזעהט דעם טאַטענ'ס אַלטער, דערמאָנט מען זיך...

און אַזוי שטרענג ווי דעם טאַטענ'ס אַלמער, הערשעוועט אי־בער'ן שטוב דעם טאַטענ'ס שרייב־טישעל. אין פריוואַטע הייזער זעהט מען ניט די שרייב־טישען, וואָס זיינען פאַרהאַקט און פאַר־קלאַפּט, אַז מ'קען זיך ביי איהם גאַרניט אַוועקזעצען, גאָר ניט אַרויסנעמען אָדער אַריינטאָן. דער דעק פון דעם טאַטענ'ס שרייב־טיש קייקעלט זיך אַראָפּ, פאַרשליסט זיך אַליין און פאַרהאַקט פאַר איין וועג אַלע שופלאָדען ביי די זייטען. אַזאַ מין שרייב־טיש דער־צעהלט פון פרעמדקייט, פון ניט טרויען אַנדערע מענשען, און מ'געברויכט עס אין געשעפט, אין אָפיס, וואו מ'געפינט זיך צווי־שען פרעמדע, וואָס מ'דאַרף זיך פאַר זיי היטען. אין אַן אייגענע שטוב זעהט דאָס אויס ווי אַ פרעמדער צווישען אייגענע, וואָס וויל זיך דאַ אַריינמישען מיט חוצפה... אין אַן אָבענד זיצט אַמאָל דער טאַטע ביים שרייב־טיש; און אַז ער ווערט פאַרטיג און הויבט זיך אויף, קייקעלט ער די מינוט אַראָפּ דעם דעק און — פאַרשלאָ־סען, פאַרהאַקט. אפילו בשעת ער איז אין הויז לאָזט ער דעם שרייב־טיש אַ מינוט ניט אָפען, ווען ער האָט דאַרטען ניט וואָס צו טאָן. שטעהן דעם טאַטענ'ס אַלמער און דעם טאַטענ'ס שרייב־טיש אין באַזונדערע קאַמערען, אָבער זיי האָבען ביידע דיזעלבע עובדה אין שטוב: דערמאָנען, דערצעהלען פון טאַטען...

3

האָדעווען זיך די קינדער און ווייסען, אַז דער טאַטע און די מאַמע זיינען עפּעס גאָר צוויי באַזונדערע זאַכען. זיי זעהען אַנ־דערע טאַטעס און מאַמעס. זיי זעהן, אַז טאַטעס און מאַמעס געהן

אַמאָל צוזאַמען ערגעץ אַוועק. זיי גייען צו מאַווינג פּיקטשורס און מ'נעמט מיט די קינדער. די קינדערלאך קומען אריין צו שכנים אין הויז און זיי זעהן, וואָס דאַרטען טוט זיך. טאַטעס און מאַמעס פאַרברענגען און לאַכען. זייער טאַטען און מאַמען זעהן זיי קיינ־מאָל ניט זיצען ביים טיש און רעדען; זיי זעהן דעם טאַטען קיינ־מאָל ניט לאַכען. זיי ווייסען נאָר, אז בשעת דער טאַטע איז אין הויז, מוזען אַלע שווייגען. און די מאַמע, וואָס שרייט אויף זיי דעם גאַנצען טאָג, איז שטיל בשעת דער טאַטע איז אין הויז; זי שרייט ניט אויף זיי. קיינמאָל האָבען זיי ניט געזעהן, אז דער טאַטע זאָל אַוועקגעהן ערגעץ מיט דער מאַמען, און זיי אויך מיטנעמען.

און אין דער מורא פאַר זייער טאַטען איז צוזאַמען מיטגעוואַק־סען געוואַרען א געפיהל, אז זייער טאַטע איז עפּעס א וויכטיגערער טאַטע פון די אַנדערע טאַטעס, וואָס רעדען און לאַכען און געהן אַוועק מיט די מאַמעס. זייער טאַטע איז א גרעסערער, א שעה־נערער, א שטאָלצערער, ווי די אַנדערע געוועהנליכע טאַטעס... אַלע דאַרפען פאַר איהם מורא האָבען.

4

אין דער צייט פון דער אינפלוענציע און לונגען ענטצינדונג עפּידעמיע האָט זיך דער טאַטע אַוועקגעלעגט קראַנק. דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, וואָס די קינדער האָבען געזעהן דעם טאַטען ליגענדיג אין בעט א קראַנקען. אַמאָל, אז דער טאַטע פלעגט עפּעס ניט פיהלען גוט מיט א צוקיהלונג, צי מיט'ן מאַגען, און ער איז פאַרבליבען א טאָג, צי צוויי אין הויז, איז ער געווען דער זעלביגער וואָס פריהער — מיט דער ווייב זיך ניט איבריגס גע־מחותנ'ט. ער האָט אַליין גענומען זיינע רפואות, אַליין זיך באַ־דינט. דעם מאָל איז שוין אָבער געווען גאָר אַנדערש. דער טאַ־טע איז געלעגען אין בעט אַן אויסגעטאַנענער, און די מאַמע איז לעבען איהם געזעסען, געטאָן ארום איהם, איהם אַלץ דערלאַנגט.

דער גרויסער, שטאַרקער, שטאָלצער מאַן און טאַטע האָט גע־וואוסט, וואָס די עפּידעמיע מיינט אַזוינס. איידער ער האָט זיך

אוועקגעלעגט קראנק, האָט ער אויך מורא געהאַט און זיך געשראָ־
קען א סך מעהר, ווי יעדער מענש שרעקט זיך געוועהנליך אין דער
צייט פון אן עפּידעמיע. און נאָך אנדערש פון אנדערע מענשען
אין זיין שרעק איז ער געווען מיט דעם, וואָס געוועהנליך מענשען
אין אזא צייט אינטערעסירען זיך צו וויסען אקוראט ווי עס האַלט,
וואָס עס טוט זיך, און זוכען די מעגליכקייטען, ווי זיך אויסצוהי־
טען — האָט ער, דער גרויסער, דער שטארקער, געמיינט, אז איהם
וועט גרינגער זיין זיך „ארויסצודרעהען" דורך דעם, וואָס ער וועט
זיך גאָר ניט וויסענדיג מאכען פון דעם אומגליק, וואָס געהט אָן...
ניט טראכטען, ניט רעדען, ניט לעזען דערפון. ער וועט זיך ניט
„ארייגלאָזען" אין דער עפּידעמיע — א מין האַלטען זיך ווייט פון
איהר... עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געמיינט, אז אויב ער וועט ניט
וויסען פון דער קראנקהייט, וועט די קראנקהייט ניט וויסען פון
איהם... און דאָך פלעגט יעדען פריהמאָרגען זיין אויג פאַלען אויף
דער ערשטער זייט פון זיין צייטונג אויפ'ן שמאַלען, לאנגען פּלאַץ,
וואו עס האָט זיך געשריבען וועגען דער עפּידעמיע... ער פלעגט
איבערקוקען די „קאָפּ" פון די נייעס און ווייטער ניט לעזען די
באשרייבונגען מיט די איינצעלהייטען... בעסער ניט וויסען... ניט
טראכטען... זיין פרעמד... און יעדען טאָג האָט ער אין זיין צייטונג
אין „קאָפּ" פון די נייעס וועגען דער עפּידעמיע געהאַפּט צו דער־
זעהן די בשורה, אז די צאָהל פון די קראנקע, פון די געפאַלענע
האָט זיך שטארק פארקלענערט... ס'געהט אויף צוריק... דאָקטוי־
רים זאָגען, אז ס'איז ניטאָ מעהר וואָס זיך צו שרעקען... און שפּע־
טער, אז די עפּידעמיע איז מיט יעדען טאָג שוואכער געווארען און
מ'האָט נעגעבען האפנונג, אז אין גיכען וועט אַלץ זיין פאַראיבער,
האָט ער שוין גענומען לעזען אַלע טאָג די גאנצע שטיק נייעס, זעהן
און וויסען מעהר, יעדען וואָרט פון די גוטע בשורות... עפּעס האָט
ער ביי זיך געפיהלט, אז איצט איז ער שוין דער שטארקערער...

און אוועקגעלעגט צו בעט האָט ער זיך דוקא בשעת די עפּי־
דעמיע איז שוין נעגאנגען מיט יעדען טאָג אויף צוריק, און ער
האָט געמיינט, אז ער איז שוין דער יחסן, ער האָט איהר באַ־

זיעגט. און אין זיין געוואלדיגען שרעק פאר זיין לעבען, האָט ער זיך אונטערגעזאָגט, אז עס געהט אויף צוריק... אלע טאָג ווערען וועניגער קראנק... אלע א גרעסערער פראָצענט פון די קראנקע ווע־רען געזונט... און אז ס'זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין א פאָר קרובים און באקאנטע, האָט ער אלץ געציטערט, טאָמער נע־מען זיי רעדען צו איהם פון דער עפידעמיע... פון זיין אייגענער קראנקהייט... און זיינען זיי אין אנדער צימער געווען, האָט ער געציטערט, טאָמער רעדען זיי פון איהם, פון זיין קראנקהייט...

אין גיכען האָט ער שוין גאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טוט זיך.

5

די עלטערע קינדער, די עלף און ניין יאָהריגע, האָבען גע־וואוסט, וואָס אין הויז קומט פאָר. די מאמע האָט זיי ריכטיג ערקלערט, און זיי האָבען צוזאמען מיט דער מאמען געוויינט, אקוראט ווי גרויסע. די קלענערע האָבען געזעהן דעם איבערבייט אין הויז, און זיי האָבען ניט געקענט פארשטאנען, וואָס עס קומט פאָר. דער טאטע געהט ניט אוועק פון הויז... ער ליגט אין בעט, און די מאמע איז אלע לעבען איהם... זיי האָבען דאָס קיינמאָל פריהער ניט געזעהן. און די מאמע שרייט ניט אויף זיי, שלאָגט זיי ניט. זי כאפט זיי גאָר אלע ווילע אויף די הענט, קושט זיי און וויינט און בעט, זיי זאָלען זיין שטיל.

דער טאטע האָט געמוזט זיין אליין, נאָך מעהר ווי ער איז אלע מאָל געווען. בלויז די מאמע און די נורס זיינען צו איהם אריינגעקומען.

6

דערנאָך איז מיט די קינדערלאך פארגעקומען עפּעס, וואָס האָט פריהער קיינמאָל ניט פּאסירט. זיי זיינען צוגעקומען נאָ־הענט צו זייער טאטען, אָהן דעם טאטענ'ס רופען זיי צו זיך. דאָס איז געווען בעת עפּעס א פרעמדער מאן האָט ארויפגעטאָן דעם

דעק אויפ׳ן „באקס“, וואו דער טאטע איז געלעגן א טויטער, און מ׳האָט זיי צוגעפיהרט אָנקוקען איהם צום לעצטען מאָל.

און אביסעל שפּעטער האָבען די קינדער געזעהן נאָך עפּעס, וואָס זיי האָבען קיינמאָל פריהער ניט געזעהן.

די מאמע און א פרעמדער מאן זיינען געשטאנען לעבען טאַטענ׳ס קליידער־אַלמער. די מאמע האָט געהאַלטען אין האנט דעם טאַטענ׳ס בינטעל שליסלען, וואָס ער האָט אלע מאָל געהאט ביי זיך אין קעשענע. די מאמע האָט געעפענט דעם טאַטענ׳ס אַלמער. זי האָט ארויסגענומען דעם טאַטענ׳ס „סוטס“ און די אנדערע זאַכען. דער פרעמדער מאן האָט דערפון געמאכט א פעקעל, דערלאנגט דער מאמען געלט, און איז אוועקגעגאנגען.

די מאמע איז אוועקגעפאלען מיט א יאָמער. און די קינדער האָבען איצט צום ערשטען מאָל ארייגעקוקט אינעווייניג אין טאַטענ׳ס אַלמער... טיעף ארייגעקוקט און ארויסגעקוקט...

אויך דער פארהאקטער שרייב־טיש האָט זיך געעפענט, און די מאמע איז לעבען איהם געזעסען און די קינדערלאך זיינען נאָהענט צוגעקומען און געשטעקט די הענטעלאך אין די אפגעצאמטע קליינינקע חדרים׳לאך אינעווייניג. די מאמע האָט ווידער געוויינט, אוועקגעפאלען מיט׳ן קאָפּ אויפ׳ן צועפענטען שרייב־טיש, וואָס איז איצט שוין הפקר׳דיג געווען — אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און מיט א יאָמער צוריק אראפגעלאזען אויפ׳ן צועפענטען שרייב־טיש.